STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02798

GEKLIBENE VERK

Isaac Meir Weissenberg

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. מ. ווייסענבערג

געקליבענע ווערק

באנד II.

פארלאג „קולטור-ליגע", ווארשע

צום אָנדענקען מיין פריינט אין די
קינדער־יאָרן, משה אוזערפּאַטער,
געשטאָרבן אין בוענאָס ־ איירעס
1928, אויף זיין 47 ־ טן לעבנס־
יאָר.

י. מ. ווייסענבערג

דער איבערגאנג

פֿון קינדהייט צו דערוואקסונג

ראמאַן

פֿון י. מ. ווייסענבערג

פארלאג „קולטור-ליגע", ווארשע 1930

זאַץ — דורך דעם קאָמיטעט פון אויטאָרס
פריינט אין לאָדז, אַ מתנה דעם מחבר
צום דערשיינען פון די ביכער.

Printed in Poland

I. M. Wajsenberg — Pisma tom II

Sp.Wyd. Kultur-Liga, Warszawa 1930

געדרוקט אין 1000 עקזעמפלארן

Drukarnia „DI WELT“, Nowolipie 7.

געשעען איז דאָס אינגאַנצן אומגעריכט. און כאָטש דוידל ווייסט, ווי אַזוי די גאַנצע זאַך איז צוגעגאַנגען, דאָך גייט זי אים פון געדאַנק נישט אַראָפּ און ער קלערט שטענדיק איבער איר. געזעסן איז ער אין חדר שבת בייטאָג ביי פּרק לערנען. דער רבי איז אַ גוטער און אַ ווייכער, דורכדעם האָבן אים אַלע קינדער-תּלמידים ליב. און כאָטש דאָס איז געווען אַ נייער איינפיר, שבת צו קומען אין חדר אַריין, איז פונדעסטוועגן קיינער פון זיי נישט געווען אומצופרידן. אדרבה — אין דעם חדר פלעגט עס ציען: אי די שיינע גיטעלע דעם רבינס, אי די גערוימקייט און די שטילקייט פון די צוויי שטובן, אי די בלומען-טעפּלעך אויף די פענסטער און די שטענדיקע אויפגע-רוימטקייט, דערצו נאָך זענען די שטובן געשטאַנען כמעט אין אַ גאָרטן, ווייל דאָס איז געווען אַביסל אַרויס פון שטאָט.

דוידל געדענקט נאָך, ווי גליקלעך ער האָט זיך געפילט, ווען דער דאָזיקער מלמד, רב יידל, איז געקומען צו זיי משווה ווערן מיטן פאָטער און מען האָט דוידלען אָנגעזאָגט די בשורה, אַז ער וועט גיין אין חדר. אַלע האָבן עס געהאַלטן פאַר אַן אויסערגעוויינלעך גליק, און דער רבי אַליין איז אויך געווען אַזעלכער, נישט ווי אַלע זענען.

18.186

נאָר דאָס מאָל, ווען דוידל מיט אַלע איבעריקע חברים זענען געזעסן אין שטוב און געלערנט, איז אים אַביסל בענגלעך געווען. אַ זיסקייט פון שבתדיקן נאָכן שלאָף הענגט אין דער לופט פון דרויסן. די גאַס וועקט זיך שוין צוריק און ווערט וואַך. דערצו נאָך אַזאַ ליכטיקייט איז אויסגעגאָסן איבער די פעלדער. אַלע ביימער גרינען און קוקן אַזוי ליכטיק מיט צי-טערדיקע בלעטלעך אין דער וועלט אַריין. דערוואַרט זיך דוידל אויפן סוף, ווען דאָס לערנען ענדיקט זיך שוין, און לאָזט זיך מיט אַלע זיינע חברים אין פעלד אַריין, ווייט איבערן וועג פון שטאָט אַרויס.

און כאָטש ס'איז נישט דאָס ערשטע מאָל, וואָס יינגלעך טוען אַזוי, ווייל שבת שפּילט מען דאָרט אין „מלחמה", — האָט אָבער דאָס מאָל, מעשה-שטן, ווער דערציילט דעם רבין דער-פון. וואָרום לויפנדיק צווישן די בערגלעך און גריבלעך, ווי ביי אַ „מלחמה", ברעכט מען מיט די טריט די ליגנדיקע צווייגלעך.

און כאָטש די מלחמה איז גאָר נישט געווען צוליב גע-שלעג, פונדעסטוועגן איז גאָר קיין פּאַרענטפער נישט געווען. וואָרום וואָס איז דען געווען די מלחמה? אין דער דאָזיקער שטאָט איז געהאַט געווען אַ גוטער-ייד, האָט ער איבערגעלאָזט אַ צוואה: דער גרויסער שטיין, האָט ער געזאָגט, וואָס ליגט דאָרט אין יענעם פעלד, ווען ער וועט ווערן איינגענומען דורך אַ פרעמד מיליטער, וועט דעמאָלט משיח קומען. האָבן די יינגלעך נאָר געהאַט די כוונה צו זען, ווי אַזוי עס וועט אויס-זען דאָס איינגעמען דעם דאָזיקן שטיין. צוליב דעם האָבן זיי זיך צעטיילט אין צוויי לאַגערן, איינער — אַרום שטיין און דער צווייטער—זאָל אָנלויפן און איינגעמען אים. פונדעסטוועגן

האָט עס דער רבי נישט אויסגעהאַלטן, ווען ער האָט זיך דערוואוסט.

— יידן זאָלן אַזוינס טוען, אַזויפיל מחלל־שבת זיין?...

און דער רבי איז דווקא געווען אַ גוטער. ווען ס'איז געגאַנגען אַ זומער־רעגן און באַלד האָט זיך די וועלט צו־ריק אויסגעלייטערט, האָט דער רבי זיי אָנגעוויזן, וויפיל חסד עס בלישטשעט אַרויס פון יעדן טראָפּן אויפן נאַסן גרעזל. אויך — וויפיל עס שיינט אַרויס פון דעם רעגנבויגן, וואָס שטייט פאַר אַ סימן, אַז גאָט האָט געשוואוירן, מער קיין פאַרפלייצונג נישט צו ברענגען. נאָר דעם שבת, ווער ווייסט, וואָס מיט דעם ייד איז געוואָרן.

— חלול־שבת!... — האָט ער זיך די האָר געריסן, און זונטאָג האָבן אַלע יינגלעך געמוזט גיין איבערן בענקל...

וואָלט שוין געווען דאָס אַלץ נאָך צו דערליידן, ווען גי־טעלע דעם רבינס זאָל כאָטש נישט זיין דערביי.

דערזעט אָבער דוידל נאָכדעם, ווי ער הייבט אויף דעם קאָפּ פון רבינס שויס, גיטעלען, ווי זי האָט אַלץ געזעען — אי דאָס ווייכע פלייש דורך דעם שפּעלטל פון די הייזלעך, אי ווי עס האָט געפּייערט... דערשפּירט ער, ווי אַ העליש פייער צינדט זיין פּנימל אָן, און ער אַנטלויפט אַרויס, איבערלאָזנדיק אפילו דאָס היטעלע, וואָס מען האָט עס אים שפּעטער אָפּגעשיקט אַהיים, — ווייל מער האָט ער שוין נישט צוריקגעקערט דאָרט אַהין, ווי די יידן אויפן וועג קיין מצרים...

אָ, דעמאָלט האָט דוידל געוואוסט, וואָס עס הייסט אַ רבינס אַ כעס. און דאַדורך, ווען ער דערמאָנט זיך אין דעם, שטעלן זיך אים טרערן אין די אויגן.

ער געדענקט, ווי ווייט ער האָט זיך אַלעמאָל באַמיט וועגן דעם, וואָס דער רבי האָט זיי געלערנט. דער רבי אַליין

איז נישט געווען קיין מלמד פון שטענדיק, נאָר געווען אַמאָל אַ שרייבער אין אַ וואַלד. און דוידל האָט זיך געפּלייסט צו־פרידן צו שטעלן דאָס, וואָס דעם רבין טוט אַזוי אַ הנאה: אַז פון יעדן יינגל זאָל אַרויסקומען אַ „ספרא רבה״ — אָבער מיט איינמאָל האָט זיך דאָס אַלץ איבערגעקערט.

היינט וועט ער שוין מער נישט זיצן אין יענעם באַזונ־דערן חדרל, וואָס דער רבי דערלויבט נאָר יענעם תלמיד, וואָס צייכנט זיך אויס מיט זיין שרייבן. די קלאָרע, ווייסע קישנס, ווייל די רביצין איז נאָך אַ יונגע און האָט ליב, אַז אַלץ זאָל שפּיגלען, וועלן אים שוין נישט פּעכלען אין אויג. דאָס פענ־סטער — נישט אָפן שטיין אַנטקעגן איבער דעם ווייטן זוים פון בלאָען וואַלד־פּאַס, און קיין ווינטל וועט נישט קומען צו פליען דורכן אָפענעם פענסטער און מער נישט מישן די בלעטלעך, ווען דוידל זיצט און שרייבט. אויך דאָס טעכטערל זייערס מיט צוויי שוואַרצע סמאָלע־צעפּ, בלאַנקע ציין און גרויסע, פאַרוואונ־דערטע אויגן, וועט ער שוין מיין נישט זען. אומזיסט שטעלן זיך דוידלען ערשט טרערן אין די אויגן! צו וואָס האָט ער זיך גאָר געהאַט צו פלייסן, צו זיין דער בעסטער תלמיד, צו גע־ווינען דעם ערשטן פּלאַץ פאַר זיך, אַז היינט האָט ער געמוזט דאָס אַלץ פאַרלירן?

עס טוט אים באַנג, וואָס ער האָט זיך געפּילט גאָר ווי אַ דערוואַקסענער אין גיטעלעס אויגן? צו וואָס פלעגט ער זיצן און שרייבן, — זי האָט פון אַ זייט אירע בליקן אויפגעהויבן איבער אים, — אַז שפּעטער האָט אים דער רבי אַזוי דערנידע־ריקט ?...

מער האָט ער גיטעלען נישט געזען, נאָר אייגמאָל, ווען די קערשן צייטיקן. און דאָס נאָר פונווייטנס, ווען זי האָט

קערשן געקויפט און ער האָט זיך באַהאַלטן אונטער אַ ווינקל פון די מאַרק־געוועלבן.

אינגיכן האָט דוידל אָנגעהויבן פאַרפאַלן ווערן צווישן די לאָנקעס, זיך באָדן גאַנצע טעג, און איינדערהיים — די שטיוועלעך האָבן זיך אַרומגעוואַלגערט מיטן פאַלטנדל אויפן און אונטערן בעט, האָט אויפגעהערט אָנשטענדיק צו זיין, צו פאָלגן טאַטע־מאַמע.

אויך שפּעטער, ווען עס קומט אָן דאָס גליטשן, ליגט ער טאָג און נאַכט אויפן טייך. ס'איז אַ שיינער, העל־לעכער ווינטער־טאָג, דוידל איז פול מיט אַלע לאָבוזעס אויפן גליטש.

געפּרווירן, האָרט, אַז מען קאָן אויף אים מיט בריקעס אַרומפאָרן, גיט זיך יעדע ווײַלע אַ שטעל אויף אים אַן אַנדערע קראָ, און די בערגעס ליגן ווײַסלעך פאַרהילט. פּונווייטנס, איבער די ביימלעך אין פעלד, שוואַרצן זיך מחנות קראָען מיט זייער אַרומפלאַטערן, פאַרטייבן זיי די געגנט מיטן שאַרפן גע־בישטשערײַ, און דאָ־איבערן טייך, טוט דוידל אויך דאָס זעלבע מיט אַ גאַנצער טשאַטע יונגען. אויך דאָ איז אַזוי שוואַרץ, ווי דאָרט און אויך דאָ איז אַזאַ גערודער און געפּלאַטערײַ. קולות און געשרייען אין דער לופט, אַז עס פאַרקלינגט דעם פּלאַץ.

ביי די קראָען איז היינט אַ „חתונה", די אַטלאַסענע פעדערלעך בלאַנקען, ווי נייע בגדימלעך. צו דוואָשען די גאָר־קיכערן, אויפן מיסט, פליען זיי היינט נישט קלויבן קיין שטיקלעך. אויך ביי די יונגען איז היינט ווי אַ „חתונה־טאָג", אַזאַ ליכטיקע זון אין אַ שטאַרקן פראָסט האָט מען לאַנג נישט געהאַט.

און ווען עס ווערט נאַכט, פאַרשטומען די קולות איבער די ווייטע ביימלעך. די פלאַטערדיקע פליגל זעצן זיך שוין איין, ווי עס איז, צווישן די נאַקעטע צווייגן. זייערע שפּיצן זעצן

אויס, ווי מיט מאָן באַשיט. די לופט ווערט נאָך קעלטער, פאַרנאַכטיקער, און בראָנזע זעט זי אויס. אַ פאַרנאַכטיקער, בראָנזענער פראָסט... דער גאַנצער בראָנז האָט זיך אויף מערב צעלייגט, קופּערדיק, בלישטשנדיק–און אַ שטילקייט הויבט זיך אָן אריינצוזינגען אין די יינגלעך. עס ווערט גאָר פאַרנאַכטלעך, און זייערע אויגן ווערן אויסגעלאָשענע. געזעטיקט פון שטיפן קלויבט מען זיך גיין צום ברעג...

אוי, הלוואי וואָלט דוידל ערשט געהאַט אהיימצוגיין פון חדר און זיך געריכט מאָרגן צוריק צו גיין...

נאָר אזוי שטייט ער אַ פאַרבענקטער אויפן ברעג, בשעת די יינגלעך דושן זיך אויף אַ קופּע, אנידערגעוואָרפן איינער איבערן אנדערן אויפן אייז אין עק. דאָס איז שוין צום אָפּשייד, צום געזעגענען זיך מיטן טייך. אָבער דוידלען גייט דאָס נישט איין. ער קוקט אין דער ווייטער פאַרשטילטקייט. נאָך אַביסל, נאָך אַביסל, און דאָ ביים טייך וועט אַלץ ווערן לעער. זי שפּירט זיך שוין די לעערקייט, מיט דעם זעצן זיך פון דער נאַכט. זעלטן נאָר פליט פאַרביי אַ קראָ, זעט זי אויס אַ פאַרשפּעטיקטע, פון ווייטע „מדינות". זי טוט זיך ווי אַ פאַר־טשעפּע איבער איין אָרט אין דער לופט, דערזעענדיק היגטן די טשאַטע יינגען, און אַ כאַפּ זיך פון דער שרעק, וועלנדיק זיך אויסדרייען, זי בלייבט אין דער רגע פון צוריק־כאַפּ דערוויילט העגנען הויך איבער איין אָרט. איין שפּיץ פליגל אַרויף, פּונקט ווי דער ווינט וואָלט זי געוואָלט איבערקערן. דאָס בייכל גיט אַ בלאַנק, זייטיק ארויסגעשטעלט, נאָר באַלד טוט זי זיך אַ ריס־אָפּ פון אָרט און מיט געשווינדע פלאַטערדיקע פליגל נעמט זי אַנטלויפן. די יינגען באַגלייטן זי מיט קולות, נאָכגעפייפערייי און פּאַכנדיקע הענט אין דער לופט, נאָר זי לאָזט נישט מער איבער, ווי אַ דין פישטשל נאָך זיך, גאַנץ אויבן. באַלד

איז זי שוין ביי יענע ביימלעך, וואו זי וועט איר רו געפינען, אראָפּקוקנדיק פון אַ שפּיץ אויף דער פאַרנאַכטיקער, ווייס־פאַרחלומטער וועלט.

אַלע יינגלעך זענען שוין גרייט צוזאַמען מיט דוידלען צו פאַרלאָזן דעם ברעג. ס'איז נישט פרי. פון שרהלען די אלמנה קומט מען שוין נאָך וואַסער צו דעם אָוונט־טיי. מיט ווייסע, פּוכיקע הענט, ווי די וואַטע פון די טאָפּעלע פענסטער, זיצט זי, טרינקט טיי יעדן אָוונט ביי אַ גרינעם אַבאַזשור און דערמאָנט דעם מאַן, וואָס האָט איר איבערגעלאָזט אַ וואַלד ירושה. קומט שוין איצטער דאָס מיידל פון איר. עטלעכע פון די גרעסערע יינגלעך גיבן זיך אַ לאָז אַנטקעגן. זיי זעען, אז זי האָט מורא צו צוגיין צום אייז־מויל. זי קוקט אויך מיט שרעק אויף די יינגלעך, ווען זיי גיבן זיך א לאָז ארויף הארט אויפן ראנד פון אויסגעהאַקטן אייז. אָבער זיי זענען שוין „אויסגעאַרבעט" אין דעם. פּונקט אין דער לעצטער רגע גיבן זיי זיך נאָך אַ בויג איבער סאַמע איבער דער ראַנד, נאָר אַריינצופאַלן — נאָר בלייבן שטיין פּונקט, ווי די קונצנמאַכערס...

שטייט זי אַ פאַרגאַפטע, מיט אַן אָפן מויל צו די יונגען, און ווען זיי שמייכלען צו איר שמייכלט זי ערשט צוריק.

— זאָל הינדעלע געבן, וועלן זיי איר אָנשעפּן...

גיט זיי הינדעלע בתשואות־חן, מיט אַ ליכטיקן שמייכל פון אונטער די אַראָפּגעלאָזטע ברעמען. צוויי יינגלעך ציען זיך אויס מיט די בייכלעך איבערן אייז. זיי שטעלן דאָס קאָבעליקל צווישן זיך, ביי זייערע זייטן אין דער מיט, און ליגנדיק מיט די פּנימלעך צום אייז־מויער, שעפּן זיי מיטן קווערטל און גיסן אונטער די עלנבויגנס אין קובעליקל אַריין.

ערשט דעמאָלט גייען אַלע יינגלעך פון טייך אַהיים, ציענדיק זיך אין אַ ריי. אַ סימן, אַז ס'איז שוין גוט שפּעט.

עס בלייבט נאָר איין דוידל שטיין אַ ווײלע, (ווייל ער האָט דערזעען אַ פריצישע פּאָר צוקומען, ערשט צום טייך זיך גליטשן. זי — אין אַ שוואַרץ לאַנג קלייד מיט אַ שוואַרצער וואַל, און ער —מיט אַ גרינער געפּאַרבטער פעדער אין הוט). אָבער לאַנג שטיין פילט זיך דוידל זייער קאַלט, דער הימל אויף מערב האָט איבער זיך אויסגעצויגן אַ בלאָען, שטאָלענעם פּאַס, וואָס זאָגט דער וועלט אָן וועגן אַ מוראדיקן פראָסט. ערשט דעמאָלט לאָזט זיך דוידל אַהיימלויפן איינער אַליין, מיט אָפּקלינגענדיקע געשווינדע טריט איבער דער בריק, פונוואַנען עס הילכט אָפּ צו הוילקייט אין דעם פאַרנאַכטיקן פראָסט.

II

ס'איז דער דריטער טאָג, אַז דוידל איז אויף דער גאַס נישט געווען. זייער הויז, צווישן נאָך אַנדערע אַריינגעקוועטשט, שטייט אין אַן אונטערגעסל, און נאָר דער דאַך זעט זיך צווישן זיי אונטערטעניק און איינגעשרומפּן. אין שטוב איז פינסטער, דער עיקר בייטאָג, ווען דאָס לעמפּל ברענט נישט. דאָרט פילט מען זיך שטענדיק, ווי אונטערן אויוון. די ליכטיקע שיין דורכן פענסטער זעט מען קוים, די שויבן זענען פאַרקאָוועט *) און ווי אין איבערבעטן איינגעדעקט. דוידל שפּירט זיך, ווי אין תפיסה.

ביינאַכט ליגט מען אויפן געלעגער און מען הערט זיך איין אין קנאַקן פון די דעכער. עס טראַכט זיך דעמאָלט וועגן דעם, ווי פייגל ווערן געפרוירן.

בייטאָג ווידער זעט מען נישט קיינעם צו ליכט. פון גאַס

---

*) פאַרפרוירן

פילט זיך אַ שטילקייט און פאַרשטעלטקייט. קיינער גייט נישט, פאָרט נישט, און נאָך וואָס? — צי דאַרף דען דער פויער פאָרן אין שטאָט אַריין? — פרעגט דער טאַטע — פעלט אים דען חזיר־שמאַלץ איינגעזאַלצנס, האָלץ, אָדער קאַרטאָפּלעס? נאָר אַביסל נאַפט — שלאָפט ער אין דער פינסטער... און די מאַמע זיפצט:

— אָבער וואָס וועלן מיר טוען?...

ביי טאָג זיצט דוידלס פאָטער פאַרן אויוון און דערציילט מעשיות. שוין שיינע עטלעכע טעג, ווי ער טרעט אויך נישט אַרויס פון שטוב. די מאַמע דערלאַנגט אים געבראָטענע קאַר־טאָפלעס פון הייסן אַש אַרויס אונטערן קעכל, און ער טראַכט דעמאָלט: ס׳איז פאָרט גוט, וואָס זי האָט כאָטש דאָס אָנגעגרייט, אויך דאָס סטערדעלע האָלץ אין דרויסן אונטערן דאַשיק פון דער וואַנט. חלילה וחס, ווען דאָס אויך נישט — וואָס וואָלטן זיי דעמאָלט געטון?

אָבער דאָס טראַכט דער טאַטע מער שוין צוליב דער מאַמען. ער ווייסט, אַז זי איז אַ יידענע, האָט קנאַפּ בטחון, און ער וואָלט שוין דעמאָלט געמעגט פון שטוב אַנטלויפן. דאַ־דורך איז ער צופרידן מער דערמיט, וואָס זי קאָן זיין שטיל, ווי מיט דעם אָנגעגרייטן.

ער איז דאָך נאָר, צום ביישפּיל, אַ מאַנספאַרשוין: זאָל אים פּרוּאוון איצטער אָנשמעקן אַ שטיקל הערינג, כאָטש אַ קעפּל... נו, טאָר ער דען פרעגן גאָר, צי האָט זי נישט אַמאָל אַזעלכעס אָנגעגרייט?

ער ווייסט, אַז באַלד וואָלט זי אים געענטפערט, ווי זי:

— אין אַ שלעכטער צייט זיך נאָך אויסבייטן?

און כאָטש, אימשטיינס געזאָגט, דאָס גאַנצע אויסבייטן... אָבער אַזוי וואָלט זי געענטפערט. גלייך ער — וואָלט עס טאַקע...

און נאָך ביי איר דערצו... וואָרום אין בעסטן פאַל טוט זי אים נישט אַ זאָג:

— כ׳לויף שוין... אַ קאָפּ הערינג ווילסטו?... כ׳טו נאָר אַ כאַפּ די פּאַטשיילע אויפן קאָפּ, לויף איך שוין זוכן... געהרגעט ווערן אויפן פראָסט! וואָרום דו האָסט דאָך מיר שיין געדרשנט, די וואָך אַריינגעברענגט אַ קעשענע מיט געלט. אויך דער קרעמער רעכט זיך צו לייזן אַ גרויסע „אַפּוֹתיקא״, ער שטייט אין געוועלב פון דער פרי אָן; כאָטש קיין משוגענעם הונט זעט מען היינט נישט, איז זיין געוועלב אָפן; ער וואַרט אויף דיר... — אָט אַזוי וואָלט זי אים דערציילט.

און דאַדורך, צי לוינט עס גאָר האָבן צו טוען? פאַרשווייגט ער טאַקע. פאַרבייגט ער. עסט ער טאַקע קאַרטאָפלעס מיט דער שאָל, אָן אַ שוב עפּעס, אָט ווי די מאַמע האָט זיי „געהאַט״... נאָר דערפאַר אָבער — אַז גאָט וועט העלפן, און בטחון האָט ער — ער וועט נאָר ארויסקומען אין גאַס, וועט ער דעמאָלט וויסן, ווי אַזוי צו רעדן מיט איר גאָר אַנדערע ווערטער. אמת: וואָס דיר איז דיר, נאָר וואָס מיר — איז מיר. איצטער אָבער, מוז ער זיצן דערווייל און שווייגן.

און ווי ער טראַכט אַזוי נעמט אים דאָך אָן אַ יצר־הרע צו זעען, וואָס זי קאָן, אַ שטייגער, ענטפערן, און ער גיט אַ פרעג:

— חנה־מלכה, צי האָסטו נישט אַמאָל אַ שטיקל הערינג?...

— יאָ — זאָגט זי — כ׳האָב.

דוידלס טאַטע קוקט זי אָן. ער ווייסט נישט, וואָס צו קלערן. עפּעס איז ער נישט אַהין, נישט אַהער. ער וואָלט נישט געוואָלט נישט גלויבן און האָט אָבער מורא צו גלויבן.

— וואָס־זשע קוקסטו מיך אַזוי אָן?—פרעגט דוידלס מוטער.

— גיי — זאָגט דער פאַטער — ווער?...

— כ׳מיין, דו ווילסט דאָך אַ שטיקל הערינג?
— נו, און אַז כ׳וויל...
— נו, גוט — זאָגט זי — כ׳גיי שוין צו דער טין... און נאָכוואָס אַ שטיקל — אַ גאַנצן?
דוידלס פּאָטער פילט, אַז ער איז שוין אַריינגעפאַלן... און לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ.
דוידל אַליין ווידער קוקט זיך צו שטאַרק צו דעם שפּיל, וואָס די מאַמע שפּילט מיטן טאַטן, און זי זאָגט ווייטער, אָבער שוין ערנסטער, וואָס דערפאַר האָט דער טאַטע נאָכמער מורא:
— ווי מען האָט עס נישט קיין יהדות, אין אַזעלכע טעג; און ווען כ׳וואָלט אפילו געהאַט אַ קעשענע מיט געלט, וואָס זאָל איבערגיין איבער די ראַנדן, נו, וואָלסטו געהאַט אַ האַרץ, כ׳זאָל דיר ערשט גיין זוכן הערינג, שאַפן פון מזבח, כאָטש די געוועלבן זענען צו?...
— הער־זשע — זאָגט דער טאַטע — כ׳זאָל אַזוי באַהיט ווערן פון שלעכטס, ווי כ׳האָב גאָר אַנדערש נישט געטראַכט וועגן דעם, נאָר אַזוי...
— ווי אַזוי?
— אַז באַלד האָב איך געטראָפן דאָס אָרט ביי דיר! אָבער ווי אַזוי! מיט די זעלביטשקע ווערטער, ווי זיי גייען פון דיין מויל אַרויס... ווי כ׳בין אַ ייד, גלייך איך וואָלט, זעסטו, אַ נביא געווען...
— נו, מילא־זשע, — וואָס־זשע דען ווילסטו, האָסטו דאָך ווידער אַליין שוין געטראַכט אַזוי...
— נאָר כ׳האָב דיר נאָר געוואָלט אויספּרוּוון — זאָגט דער טאַטע—זעען, ווי אַזוי דו וועסט דיך שטעלן שטאַרק...
— מילא, וואָס וועל איך גיין מיט דיר טענהן.

— דאָס אייגענע זאָג איך אויך...—ענטפערט ווידער אָפּ דער טאַטע — נאַ דיר באַלד אַ קעשענע מיט געלט...

— האַ, האַ, מיין פרנסה-געבער!

— וואָס! — זאָגט דער טאַטע, און באַלד בלייבט ער מיט אַ פאַרשוויגנהייט און די אויגן קוקן אויף איר.

— רבונו של עולם — ענטפערט די מאַמע — ווי כ׳האָב נאָר אַ שונאטע, זאָל זי אַזוי באַמאַנט ווערן...

— אָ— מאַכט דער טאַטע, אָבער אַזאַ לאַנגער אָ—אָ—אָ— כ׳בין שוין גוט אַריינגעקראָכן...

דוידל קוקט, ווי ביים טאַטן בייט זיך עפּעס איבער אַ פינקל אין אויג, דאָס זעלבע אויך ביי דער מאַמען און עס נעמט אים שיער אָן אַ געוויין. ער שרעקט זיך זייער פאַר זייער קריגן זיך. דערנאָך רוקט זיך אַ געקלעמטקייט אויך צו זיין העלזל.

—מאַמע — זאָגט ער — הער שוין אויף. — און ווען ער זאָגט דאָס, שטייען אים שוין טרערן אין די אויגן.

די מוטער פאַרשווייגט און דוידל קערט זיך אָפּ אין אַ זייט. און כאָטש ער וויל זיך שפּילן, נאָכדעם ווי ער ווישט אויס די טרערן, פונדעסטוועגן צעקנייטשט זיך נאָך אויפן פּנים ביי אים אַ קינדערישע גרימאַסע, וואָס ציט אים פונאַנדער דאָם מויל, ווי ער וואָלט זיך נאָך געשטיקט מיט עפּעס. אַוועק-גייענדיק אינגאַנצן אין אַ ווינקל, נעמט ער טראַכטן וועגן דער מאַמעס און טאַטנס שטענדיקער קריגעריי אין אַזאַ פאַל, ווען דער טאַטע פאַרדינט נישט אַמאָל.

דוידל האָט אָבער גרויס בטחון, פונקט ווי דער טאַטע זיינער, אַז דער פאָטער וועט נאָך אפילו גוט רייך ווערן.

„וואָס דאַרף דען אַ גוטער תבואה-סוחר האָבן? איין קויף נאָר אַ גוטן, און ער ווערט שוין רייך...”

און ערשט דעמאָלט, ווייסט דוידל, וואָלט די מוטער זיינע אויך גאָר אנדערש געווען. וואָרום אין גרונט איז זי אַ גוטע, אַ ווייכע, אַ האַרציקע, און אַ בעל־רחמנותדיקע. זי גיט אוועק אפילו אן אָרעמען, וויפיל זי קאָן. און דוידלען טוט אזוי לייד, פאַרוואָס די מאַמע קאָן נישט זיין קיין גוטע, ווי זי איז אין דער אמתן, און פאַרוואָס דער טאַטע — נישט קיין רואיקער, צופרידענער, כאָטש ווי ער איז, ווען ער דערציילט די מעשה פון פעטער בייבוש: „וועלכער האָט שוין אויך נישט געהאַט אַמאָל אויף שבת, אפילו קיין זאַך צו פאַרזעצן, ווייל אַלץ איז שוין געווען פאַרזעצט — פונדעסטוועגן האָט אים גאָט געהאָלפן". היינט פאַרמאָגט ער פיר פערד. געשפאַנען — אפשר פאר זעקס, אָדער אַכט... ווען האָט ער שטיין עטלעכע. אַ חוץ, וואָס די שוועגערין דעם טאַטנס, עטעלע, דוידלס מומע און דעם פעטער ביינושס ווייב — האָט אַ האַלז פערל, א גאָלדענע קאָליע, היינטישע די סערוואנטקע מיט גלאָזווארג, און שטענדיק איז ביי איר דא איינגעמאכטס.

א סך מאָל גיט דוידל דער מאמען געררעכט. די מאמע זיינע איז אזא צאַרטע, אַזאַ גוטע און אזאַ ווייכע, צום סוף האָט זי גאָר נישט... אָבער טאַקע גאָר נישט, נאָר אַן אויפגעשטעלט קעלנערל צום בלוזקעלע, שבת, ווען זי גייט אין שול אריין...

די מאַמע טענהט דאָס טאקע, אז זי האָט נישט מיט וואָס דעם האַלז צו פאַרדעקן... אָבער דער טאַטע איז אויך נישט שולדיק. ווען לוי דער תבואה־סוחר מאכט אים נישט קאָליע יעדן מסחר, וואלט אנדערש געווען. יענער כאַפּט באַלד ארויס די קנאקנדיקע הונדערטער זלאָטעס. דער טאטע ווידער קאָן אים נישט נאָכטון. בלייבט ער פאַרשעמט און קויפט נישט. אָט, ווען נישט דאָס, קויפט ער אויך דער מאַמען אַ גאָלדענע

קאַליע, פּערל. און יום-טוב, ווען די מאַמע קומט פון שול, טוט אויס דאָס צירונג, לייגט עס דערווייל אויפן בעט, וואַלט זיך דוידל געשפּילט דערמיט, אָדער גלאַט עס געהאַלטן... ווייל ער איז דאָך שוין נישט קיין קליין קינד.

און דאַדורך, וואָס וויל דען די מאַמע פון טאַטן:

—שוין צוועלף יאָר אונזער חתונה...—זאָגט זי—וואָס האָב איך דען ביי דיר דערלעבט?...—און די טרערן שטיקן זי—אפילו נישט קיין פּיצל קישן, ווי די רעכט איז. כ'וויל נישט קיין יאַשיקלעך און קישנס אַ גאַנצן טורם, ווי ביי דיין ברודער ביינוש.

אָבער דוידל ווייסט, אז כאָטש זי וויינט, גייט עס איר נישט אין די קישנס אזוי פיל, ווי אין דעם, וואָט דאָס לעבן איז איר פאַראומערט. ער גיט נאָך א קוק אויפן טאַטן, אויף דער מאַמען, און שפּירט, אז צווישן זיי וועט זיך שוין אָנהויבן עפּעס אַ שטיקל ברוגז. אַלץ איבער דעם נאַרישן שטיק הע-רינג, דורך וואָס ס'איז אַרויסגעקומען א„געשפּרעך”.

III

פונדעסטוועגן שפּירט דוידלס מוטער, אז ס'איז אים, דעם מאַן אירן, אויך גאָר נישט מקנא צו זיין. א מינוט קומט איר אויפן געדאַנק די פאַרצערטלטקייט, מיט וועלכער ער איז ביי זיין מוטער, דוידלס באָבע, אויפגעצויגן געוואָרן. ווי צו דער חתונה האָבן זיך געפריייט גאָט און לייט. וויפיל כלי-זמרים אין שטאָט—האָבן אַלע געשפּילט. בלויז שטריימל-מחותנים. די גאַס האָט זיך מיט זיי געבענטשט, אויסגעזעען האט זי יום-טובדיק. צו אזא כבוד וועט זי, דאכט זיך, אין לעבן שוין נישט דער-גרייכן. און זי זעט אים ערשט שטיין ביים פענסטער א טרויעריקן,

דאכט זיך איר, אז ער איז געפייניקט און זי פילט זיך שולדיק, אפילו פאר דער טויטער שוויגער.

—אברהם— זאָגט זי צו אים — אלץ איבערן שטיקל הערינג?...

דער טאטע קוקט זיך אום. האלט א ווײַלע איבער איר זײַנע גרויסע געפּענטע אויגן, און ער פרעגט:

—א סך האָב איך מיר שוין אויסגעבאָטן בײַ דיר?

—בײַ מיר?—גיט די מאַמע א האַסטיקן, ווייטאָגלעכן מאַך מיט דער האַנט—וואָס ווילסטו פון מיר? ס'טײַטש, נעם דיר אַליין. כ'האָב עפּעס באַהאַלטן? צו ווּעמען אַוועקגעטראָגן? צו א געליבטן, מיט וועלכן כ'האָב אַנדערע קינדער?

דער טאַטע בלייבט שטיל, פאַרלירט דעם חשק צו רעדן, לאָזט אראָפּ די ברעמען, ווי באַהאַלטן אין זיך, שפּירנדיק, אַז זי איז נישט אומגערעכט.

— כ'האָב מיך דען עפּעס געמאָנט?—זאָגט ער ערשט אין אַ ווײַלע אַרום. און אָפּרוענדיק ווידער אַ קליינע פּאָזע, גיט ער ערשט אַ געשווינדן בליק אין איר זייט – די וועלט איז פאַרמאַכט, ביים ברודער ביינוש שטייען אפילו די פערד אין שטאַל, און וואו האָב איך צו פאַרדינען?

אין דער מאַמעס אויגן צעבלישטשעט זיך עפּעס אַן אַדורכ- בעמענדיק געפיל, און זי זאָגט:

—אַ נישט, ס'האָט דיך ווער געטריבן? נאָר, אַז דו ביטסט דיר אויס הערינג, וואו זאָל איך דיר נעמען? און כ'זע דאָך, דו שטייסט טרויעריק, גלייך ווי אַ שיף וואָלט דיר אונטערגעגאַנגען.

— דורך דעם?

— איך ווייס?

— נאָר וואָס-זשע רעדסטו?

— זע — זאָגט די מאַמע, און די אויגן בלישטשן גערירט

פון לייד, ווייל ער וויל נישט פאַרשטיין — דו מיינסט, אַז איך יאָג דיך? מען יאָגט זיך, שונאי־ישראל, אַליין די קישקעס מיט די געדערים אַרויס. מען דערמאָנט זיך, ווי אַזוי מען איז גע־בליבן: אַביסל קאַרטאָפּלעס, און די פּרעסט האָבן צוגעשלאָגן, מיר וועלן חלילה דאַרפן אויסגיין, ווי די ליכט, אויב עס וועט נאָך לאַנג אַזוי אָנהאַלטן. אָבער וויל איך דען, אימשטיינס גע־זאָגט, דיך יאָגן? אדרבא, איך לויב גאָט פאַר דעם חסד. אויך מיט די קאַרטאָפּלעס איז מיר געשעען מער נס, ווי אַן אַנדער מאָל מיט לאָקשן. זענען דען נישטאָ אַזעלכע, וואָס האָבן דאָס אויך נישט, און מען „זשאַיעט" נעבעך נאָך אַ פּיצעלע קאַר־טאָפּלע, מען לעכצט, ווי אַ פיש אין וואַסער...

— מילא — זאָגט דער טאַטע — זאָל זיין ווי גאָטס ווילן, כ'האָב חלילה נישט קיין פּרעטענזיעס. כ'האָב פריער אַליין אויך געטראַכט, אַז ס'איז נאָך גוט, וואָס ס'איז דאָ כאָטש דאָס.

און ער ווייסט דער טאַטע, ווי ווייט זי איז זיך מוסר נפש פאַר דער שטוב, וועלכע איז שטענדיק איר זאָרג.

— מיר קאָנען גאָרנישט מאַכן—זאָגט ער, ווי צו פאַרגלעטן זיינע פריערדיקע טענות—וואָס קאָן מען טון; מיר מוזן איבער־וואַרטן דאָס שלעכטע, אפשר וועט גאָט פאָרט העלפן.

— רבונו של עולם — זאָגט די מאַמע שוין אַביסל לייכטער אָפּאָטעמענדיק און מיט אַ קורצער אויפלייכטונג אין די אויגן— וואָס פאַרלאַנג איך דען? נאָר אַ שטיקל ברויט מיט אַביסל גריץ וואָרעמער פאַר מיין שטוב ווען. האָב איך דען חלילה אַ טענה? כ'וויל נאָר געזונט און אַביסל צום געזונט, וואָס מען דאַרף. און אַ טאָמער גיסטו, גאָט, אַנדערע לאָקשן מיט יויך, אויב יענע האָבן די זכיה ביי דיר, פאַרגין איך זיי בתשואות־חן, איך פאַרקוק מיך נישט אויף זיי. זאָלן זיי האָבן געזונטערהייט. איינער צירונג, דער צווייטער—בעטגעוואַנט, איך

זיך גאָרנישט, נאָר מיין ערלעך שטיקל ברויט, מיין ערלעך אויסקומעניש. און געלויבט ביסטו גאָט דערפאַר, וואָס איך דאַרף נישט אויסגיין מיט מיין שטוב, ווי מען גייט שוין אין אַנדערע שטובן אויס.

דער טאַטע, וואָס הערט אויס און קוקט זי אָן, בשעת זי רעדט, פילט זיך אַליין אויך אַביסל ליכטיקער און ער זאָגט:

— מילא, מעגסט מיר גלויבן, כ'האָב שוין געזעען, אַז ס'איז ביי מענטשן נישט געווען קיין מזון סעודה אחת, און פונדעסטוועגן האָט גאָט געהאָלפן, און מען האָט נאָך געלעבט דערנאָך אויך, און מען לעבט נאָך אויך היינט — אָבער אַלץ הייסט געלעבט, הלוואי אויף אונזער שטוב, פון היינט כאָטש אין אַ האַלב יאָר אַרום.

— איך ווייס דען נישט — זאָגט די מאַמע — דיין ברודער אַליין איז אויך געווען נישט קשה אַראָפּ... נישט היינט געדאַכט.

— טאָקע נישט היינט געדאַכט — גיט צו דער טאַטע פרום צו די מאַמעס לעצטע רייד.

דוידלען טוט עס הנאה: ערשטנס, דער שמועס, פון וועלכן ער ווערט געוואָר אַזויפיל זאַכן, וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט — און צווייטנס, און דאָס איז דער עיקר, אַז ער פילט אַזש, ווי דאָס האַרץ וואַקסט: וואָס דער טאַטע און די מאַמע שמועסן צווישן זיך אַזוי גוט, בשעת פריער, האָט ער געמיינט, אַז עס האַלט שוין ביי גאָר שלעכט...

ער טראַכט נאָך אַביסל וועגן יענע שטובן, וואו מען גייט שוין אויס און מען „זשאַיעט" נאָך אַ שטיקעלע קאַרטאָפּלע... און עס שטעלן זיך אים פאָר שטאַרבנדיקע שטובן, מיט פאַר-מאַכטע לאָדנס און אינעווייניק, אין די ווינקלען, איז טונקל, ער ווייסט נישט פאַר וואָס...

— „עס קאָן אָבער נישט זיין"... — טראַכט ער זיך באַלד

צוריק, און ער שפּירט, אַז די וועלט וואָלט אויסגעזעצן צו מוראדיק. פונדעסטוועגן בלייבט אין אים איבער אַ פּחד, וואָס ער וואָלט אים געוועזן אַ בעלן מיט ווענען דורצושמועסן...

IV

אָנהייב פון זעלבן אָוונט. אין שטוב איז זייער שטיל. מען הערט דאָס פליסן פון דער שטילקייט. יעדער זיצט אויף זיין אָרט. דוידל קאָן מער נישט קיין פּלאַץ זיך געפינען. די מאַמע האָט גישט לאַנג אָנגעצונדן דאָס לעמפּל, לויכט עס מיט אַ רויטלעכקייט פאַרן אויוון. דאָרט זיצט דער טאַטע. אונטער זיינע פּלייצעס און אַרום זיין קאָפּ רוט אַ טונקלקייט און פאַר־טראַכטקייט. אויך די מאַמע זוכט לאַנגזאַם אַרום דאָס שערל, ווי מיט אַ שטילקייט און פאַרטראַכטקייט. — און וואָס האָט ער דאָ צו טוען, דוידל? ער שפּירט, אַז די פאַרגליווערונג, וואָס רוט אויף אַלץ, וועט אים איינשליסן דאָ, ווי אויף אייביק. און אַזוי, ער וועט זיך נאָר איבערלויפן צו זיין חבר יאָסעלען, געוואָר ווערן וואָס ער מאַכט, צי איז ביי זיי אין שטוב אויך אַזוי... וועט ער שוין זיין רואיק. און ער וועט אים נאָר דערציילן, וואָס זיין מוטער האָט געשמועסט: אַז אין טייל שטובן שטאַרבט מען שוין אויס פאַר הונגער...

ער טראַכט אָבער: וואָס וועט דער טאַטע זאָגן, אַז ער וועט אויפהייבן דעם קאָפּ און דערזעען, אַז דוידל איז נישטאָ? וואָס וועט די מאַמע ענטפערן? „אָט דערפאַר, וואָס די גיסט אים נאָך"... — און די מאַמע אַ זיפץ טוענדיק: „ווער נאָר אין גאָט גלייבט נישט, אימשטיינס געזאָגט"... און די טרערן וועלן זיך איר שטעלן אין די אויגן. און דוידל ווייסט נישט, פאַר־וואָס ער קריגט אַזויפיל צער איבער דער מוטער. ער באַשלוסט

זיך דאָך אַביסל איבערצולויפן. ער וועט נאָר זיין עטוואָס ביי־יאָסעלען, דערנאָך וועט ער קומען צוריק אַהיים און זיך לייגן גלייך שלאָפן מיט אַלע. ער האָט דערביי דאָס שאַליקל אויפגעזוסט, און ווען דער טאַטע מיט דער מאַמען זענען געווען פאַרטועז צווישן זיך, האָט ער, ביי אַ גוטער געלעגנהייט זיך אַרויסגעשאַרט פון שטוב.

אין דרויסן האָט אים אַ נייע שטילקייט פון דעם אָוונט אַרומגענומען מיט דער שאַרפקייט פון דער קעלט. אַ פולע, זילבערנע לבנה קיקט שטיל אַראָפּ איבער די גאַסן, און כאָטש ס'איז נאָך פרי אין אָוונט, זענען די גאַסן, ווי אויסגעלעערט. ווי ניי דערשיינט דוידלען דאָס אַלץ, און ווי דאָס ערשטע מאָל זעט ער דאָס אַלץ אין אַזאַ שטילקייט. אים קומט פאָר, ווי די שטילקייט פון דער ערד גיסט זיך צוזאַמען מיט דער שטילקייט פון אויבן, פון הימל. ער שיקט די אויגן פאָרויס אין גאַס אַריין און דערווייטערט זיך דאָרט אַהין, וואָס ווייטער אַלץ שנעלער.

עס האָט אים נישט אויסגעזעען, אַז עס זאָל זיין אַזוי קאַלט, ווי מענטשן זאָגן. די קעלט שפירט ער מער אין געפיל, ווען ער הויבט אויף די אויגן. די טיפע בלאָקייט, וואָס איז אויבן, ווי אַ ים אויסגעשפרייט, דאָס שטיין פון דער לבנה אייגנע אַליין, די אומענדלעכקייט און קריסטאָל־ריינקייט פון דער טיפער ווייטקייט, דאָס אַלץ גיט מער צו אַנען וועגן דער קעלט, ווי דאָס שפירן זי. עס איז אים אַזוי לייכט, ווי נאָך קיינמאָל נישט און ער לויפט אין זייער פריער - אויסגעפלאַנטן וועג צו יאָסעלען. אָט דערזעט ער, אַז ס'איז טאַקע נאָך נישט אַזוי שרעקלעך. פאַר לייבוש שענקערס גלעזערנער טיר שטייט אַן איינציק שליטעלע. דאָס פערד עסט רואיק, און פון אינעווייניק, פון שענק, הערן זיך פויגרישע הויך־רעדנדיקע שכרות־

קולות. עס גיט זיך אַ מאַך אויף די טיר, אַ פּאַרע גיט אַ שלאָג אַרויס פון דער שענק־ליכטיקייט, גיט זיך אַ דריי אין דער לופט, ווי אין אַ קעסל, און עטליכע גוים אין פּעלצלעך גיבן זיך אַ שיט אַראָפּ פון איבער דער שוועל מיט שווערע, ווי אַראָפּפּאַלנדיקע טריט אין ליידיקן מאַרק אַריין. דער מאַרק ווערט באַלד אָנגעפּילט מיט געשרייען פון דעם הויכן גערעדעריי אין דער הוילער לופט. די קולות קלינגען אָפּ, ווי אין אַ וואַלד. אַרום איז ליידיק, נאָר איינצייטיק, דאַכט זיך, איז דער גאַנצער מאַרק פול געוואָרן מיט זיי. עס ווערט באַלד אַראָפּגעצויגן די דערע פון פערד, דאָס זעקל אָבראָק פון דער ערד אויפגעהויבן, פאַרדרייט אויפן שנירל און דערנאָך אויפגעהאָנגען אויפן שליטן, באַלד גיבן זיך אין אים אויך אַ וואָרף אַריין די עטלעכע פוי־ערן, טייל בלייבנדיק ליגן אויפן שליטן און נישט קאָנענדיק גאָר זיצן. שוין גיט אַ פייף, אַ שווישטש — און דאָס שליטעלע אַנטלויפט איבערן מאַרק אַוועק, עס ווערט באַלד אַ צעקלינגלטע צערודערטקייט און עס הערט זיך דאָס טאָפּן פון דעם פערדס פּאַדקאָוועס, דאָס שאָרעווען פון נאַכטאַנצנדיקן שליטעלע מיט אַ שאַרן זיך אויף ביידע זייטן, אַמאָל אַהין, אַמאָל אַהער, און טיילמאָל נאָך מיט אַ פאַרלויף דעם פערד אין דער ברייט פונקט, ווי דאָס שליטעלע וואָלט אויך שכור געווען. עס ווערט שטיל, און דער גאַנצער מאַרק פאַרשטימט.

נאָר אָט גיט זיך ווידער אַ מאַך אויף אַ טיר — דאָס איז פון חיים סאָבינער, אַ שניט־סוחר. צוויי איינגעבויגענע ווייבער־פיגורן קעגן דער ליכטיקייט, וואָס אַנפּלעקט זיך פון דאָרט, ווי אין אַ פּאַס, גיבן אַ טראָג ארויס אַ שאַף. פּיפּסנדיק און גיך זאָגן זיי דריי מאָל: „היט זיך, היט זיך, היט זיך“, און אַ קער אויס דאָס שאַף, וואָס איינע כאַפּט עס באַלד אונטער ביי איין אויער, און ביידע ווערן צוריק אַריינפאַרשוואונדן אין שטוב.

ערשט איצט זעט דוידל, אַז די וועלט איז נאָך נישט אויס־געשטאָרבן, און לויפנדיק אזוי, פילט ער גאָרנישט אויך די קעלט. ער שניידט זיך אדורך איבערן מאַרק, פונוואַנען ער קומט באַלד ארויף אויף אַ ברייטער גאַס. דער שניי סקריפּעט, ווי מען שלייפט נאָדלען אויף מעסערס. נאָר דוידלען אַרט גאָר נישט, אים קווילט גאָרנישט דער פראָסט. ער קומט נאָך צו פּאַר אַ שמאָלער גאַס, וואָס שניידט זיך אַריין אין דער קווער, דורך דאַנען, אריינלויפנדיק אַ שטיקל אין איר, בייגט ער אָפּ רעכטס און קומט ארויס אויף נאָך אַ שמעלערע—אַן אונטערגאַס. אָפּלויפנדיק דורך איר אַ ווייטערע שטרעקע, בלייבט ער שטיין פּאַר אַ ווינקל פון אַן אויפגעפּראַלטן פּאַרקאַן, וואו קיין זכר פון קיין טויער איז שוין לאַנג נישטאָ, נאָר איז הפקר מיט זיין אָפנקייט אין גאַס אריין. אינעווייניק, לינקס אַביסל, פּאַררוקט אונטער דער פּאַרקאַן־וואַנט, זעען זיך צוויי באַלויכטענע פענ־סטערלעך, פון אַ קליין, פּאַרברודיקט שטיבל. שוין!—„יאָסעלע"—האָט דוידל געוואָלט אויסרופן, ווען ער איז נאָר אריין אין דעם הויפל און געבליבן שטיין קעגנאיבער די פענסטערלעך. נאָר ער האָט זיך באַלד צוריקגעהאַלטן, טראַכטנדיק, אַז „אָדער יאָסעלע וועט נישט הערן, אָדער גלייך מיט אים וועלן אויך אַלע שטוב־מענטשן דערהערן און מען וועט אים שטערן אַרויס־צוקומען..." ער איז צו הארט צו איינס פון די פענסטערלעך, געשטעלט זיך אויף די שפּיצן נעגל, אָבער גאָר נישט געזעען, וואָס אינעווייניק טוט זיך, צוליב דער געפרוירנקייט פון די שויבן. פון צייט צו צייט האָט זיך נאָר אַ שאָטן באַוואויגן אינעווייניק, אָבער ער פלעגט צודעקן דאָס גאַנצע פענסטערל. ווייל ווי עס האָט אויסגעזעען לויט דעם פינטל ליכטיקייט איז דאָס לעמפל געשטאַנען קעגנאיבער אין דער נידער, געשטעלט אויף דעם טישל, וואָס איז, מוז זיין, אין די לעצטע

טעג צוגערוקט געוואָרן צום אויוון. און ווייל דאָס פּייערל האָט געכאַפּט נאָר אין דער העלפט פון דער פיגור, וועלכע האָט עס מיט זיך פאַרשטעלט אינגאַנצן קעגן אויסן, איז דער שאָטן צו דוידלען אויסגעקומען ברייט איבערן גאַנצן פענסטערל און ער האָט נישט געקאָנט זעען די קאַנטן פון שאָטן, וואָס דורך זיי זאָל ער קאָנען באַשטימען, וועמענס געשטאַלט דאָס איז. ער וואָלט נייגעריק געווען צו וויסן, צי איז עס יאָסעלעס מוטער אָדער שוועסטער, און צי וועט ער יאָסעלען קאָנען אַרויסקריגן פון שטוב. ער טרעט דאַדורך אָפּ עטלעכע טריט, אונטערוויילעכטס, צוריק פון פענסטערל, אפשר פונדערווייטנס וועט אים גרינגער זיין צו כאַפּן דעם אויסזען פון שאָטן, אָבער אויך אזוי איז נישט מעגלעך. דעמאָלט גענענט זיך דוידל צו דער הויז-טיר, כּדי צו הערן דאָרט אונטער איר די קולות פון שטוב, וועט ער שוין דעמאָלט וויסן, וואָס צו טון... וואָרום געגאַנגען איז עס אין דעם—ווען ער וועט הערן יאָסעלען לויט זיין שטימע זיך דערנעענטערן צו דער טיר, קאָן ער דורך איין קראַץ אין איר אריין, ארויסקריגן אים אין דרויסן... ווייל יאָ-סעלע וועט זיך שטויסן, אַז דאָס רופט מען אים. אָבער דאָ ווערט פאַר דוידלען אינגאַנצן שטיל, נישט נאָר, וואָס ער זעט קיין שאָטנס אויך נישט. אין דער פינסטער שטייענדיק איצטער אונטער דער הויז-טיר, האָט עס אים ווי אָפּגענומען די מעג-לעכקייטן פון טראַכטן עפּעס אַנדערש, נאָר אויסצופירן דעם קראַץ אין דער טיר-קלאַמקע, פּונקט, ווי ער וואָלט זיך שוין געפינען נאָר אין דער טירס רשות. אָבער ווען ער האָט שוין געהאַט צוגעלייגט די האַנט צו איר, האָט זיך די האַנט דער-פילט אוממעכטיק און נישט געוואַגט אויסצופירן דעם דאָזיקן געדאַנק. „אין דער אמתן וואָס וואָלט דערפון געוואָרן?״ — האָט ער פלוצלינג דערפילט — „ווי איז דאָס מעגלעך, אַז אין שטוב

ווען מען וועט דערהערן אַ רודער ביי דער קלאַמקע און נישט זעען קיינעם אַריינקומען, אַז עס זאָל צוגיין נישט קיין עלטע-רער מענטש אַרויסקוקן אונטער איר, נאָר יאָסעלע, וואָס איז דער קלענסטער אין שטוב?" ער האָט זיך דאַדורך צוריקגעהאַלטן און געבליבן שטיין אַ ווײַלע, נישט וואַגנדיק קיין שום באַ-שלוס אָנצונעמען, אפילו זיך נישט אָפּצורוקן אויך פון דער טיר אינגאַנצן. ער איז געוואָרן וואָס אַמאָל אומרואיקער. ער האָט דערפילט די מחיצה, וואָס איז געבליבן שטיין צווישן אים און יאָסעלען, כאָטש אַזאַ נאַרישע — מיט איין רודער קאָן ער אים אַרויסקריגן, און דאָך בלייבט ער אָפּגעצוימט. אַ נאַרישקייט, וואָס אַהערגייענדיק איז עס אים קיין איין מאָל נישט איינגע-פאַלן צו טראַכטן וועגן דעם, און דאָך אַזאַ גרויסע שטערונג, איבער וועלכער ער קאָן נישט אַריבער. אַ מאָדנע פריילעכע עצה איז אים איינגעפאַלן: צו געבן דאָ אויפן אָרט אַ ביל, ווי אַ הינטל...

לויט עס האָט זיך אים געדאַכט, זאָל זיך יאָסעלען פאָר-שטעלן, אַז דאָס איז אַ יונגס און אַ שיינס... און דערהערנדיק דאָס, וועט ער גלייך קומען אַרויסצולויפן אונטער דער טיר, אָדער כאָטש נאָר אַ קוק אַרויס געבן בלויז, און ער וועט אים דעמאָלט געבן אַ צי ביים אַרבל: יאָסעלע... „ס'הייסט, דאָס בין איך"... אָבער אויך דאָס האָט ער נישט געקאָנט ביי זיך פועלן. ער האָט נישט געוואָלט שטיין. מאַכן זיך פאַר אַ „ניעבאָשטשיק", אונטער דער טיר, „קליין און איינגעשרומפּן"... ווי אים האָט זיך עפּעס געדאַכט, און אין די געדאַנקען זאָל ער ביי זיך זיין אַ הינטל! ער גלייבט אויך נישט, אַז דער ביל זאָל קאָנען ביי אים אַרויסקומען, ווי די רעכט איז. ווייל ער וואָלט דאָך נאָר געטון פאַר יוצא וועגן, אָן אַ חשק. און צום סוף נעמט אים שוין גאָר רייצן דער געדאַנק, צי וואָלט ער געבן אַ ביל, ווי

די רעכט איז, אָדער נישט? - אים דאַכט זיך, אַז נישט, און איז אפילו זיכער אין דעם, אַז נישט — ביי קיין שום אופן נישט! אָבער טראַכטנדיק דאָס, אַלץ מער שטעלט זיך ביי אים דער האַלז אָן, און אומגעריכט פאַר אים אַליין פאַלט אים ארויס פון העלדזל אַ ביל, פאַר וועלכן דוידל האָט זיך אַליין דערשראָקן. דאָס איז געווען עפּעס ענלעכס צו אַ פּיפּטש פון אַ הין... ער איז ארויסגעלאָפן געשווינד פון אונטער דער הויזטיר, אַזוי האָט דאָס אים אויסגעניכטערט, אָט זיין לעצטער זשעסט, וואָס ער איז באַגאַנגען, און ער איז געבליבן שטיין אין דרויסן אויפן פּלאַץ, ווי נאָך אַ גרויס נאַרישקייט.

ער האָט שוין אויך שיער געהאַט פאַרגעסן דעם צוועק, וועגן וואָס ער איז געקומען אַהער. נאָר אַ קוק געבנדיק פריער אויף דער לבנה, בשעת ער איז נאָר אויפן פּלאַץ אַרויס, און דערנאָך מיט אַ געוויסער צערודערטקייט איבער יאָסעלעס פענסטער, האָט ער זיך צוריק דערמאָנט. אים איז שוין קאַלט געוואָרן צוליב דעם לאַנגען און אומבאַוועגטן שטיין אונטער יאָסעלעס טיר, און ביסלעכווייז, אָנהייבנדיק שוין צו קלאַפּן אַ צאָן אין אַ צאָן, — וואָס דאָס קאָן זיין, איז אים געקומען אויך מער פון דערוואַרטונג, ווי פון דער קעלט גופא, — האָט ער אָנגעהויבן דאָס געדולד צו פאַרלירן. ערשט איז אים איינגעפאַלן דער ריכטיקער געדאַנק, ווי עס פּאַסירט אַלעמאָל, ווען די נויטיקייט וואַקסט אויס צום גרעסטן. נאָר דאָך האָט ער זיך אַ דריי געגעבן צום ערשטן אויף איין פיסל איבערן שפּיץ קנאַפּל, ווי דוידל פּלעגט עס אַלעמאָל טוען, ווען ער איז עפּעס געווען אומרואיק און נישט זיכער וועגן אַ זאַך, וואָס שטייט אים פאָר, — און אַריינלייגנדיק צוויי פינגערלעך אין מויל, מיט אַ געפּיל פון פאַרשטאָפּן זיך אַליין די אויערן, כדי נישט צו הערן, וואָס ער גייט טוען, האָט ער אַזאַ שניידיקן פייף געטוען, אַז עס

האָט אַזש אַדורכגעשניטן די פאַרשטייפטע לופט און אײַנגאַנצן אויפגעציטערט זי איבער דער ווײַטער ליידיקער געגנט. אָט דאָס איז געווען דער אמתער פײַף, וואָס דוידל האָט אים געדאַרפט טוען נאָך מיט אַ האַלבער שעה צוריק, ער זאָל פאַרשפּאָרן שטיין און פרירן. אַ מינוט שטילקייט און פאַרגליווערונג! און נאָך איידער דוידל האָט צייט געהאַט זיך אומצוקוקן צו די פענסטער פון שטובל, וואָס פאַר אַ רושם דאָס האָט דאָרט אינע-ווייניק אַרויסגערופן, האָט זיך שוין האַסטיק אַ פּראַל דערהערט פון דער טיר אונטער דעם הויז-איינגאַנג, און צום באַדויערן, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער פײַף איז אויך נישט געווען דאָס ריכטיק-אמתע מיטל. נאָך איידער ער האָט געקאָנט באַקלערן, צי זאָל ער אַנטלויפן פונדאַנען, צי נישט; ווייל עס קאָן דאָך אויך זיין, אַז עמעצער, וואָס וועט אַרויסקומען פון דאָרט, זאָל אים גאַנץ גוט אויספּאַטשן, אָדער ווייניקסטנס אויסזידלען, איז אָבער שוין נישט קיין צייט געווען דערצו. און כאָטש יאָסעלע איז געקומען אַרויסצולויפן פון דאָרט דער ערשטער, אָבער דערמיט איז עס נאָך נישט געווען געענדיקט.

— דו, דוידל? — האָט יאָסעלע אַ פרעג געגעבן.

— יאָסעלע? — האָט דוידל אָנגעהויבן.

נאָר יאָסעלע האָט אים נישט געלאָזט אַרויסזאָגן גאָר נישט, ווי ער האָט אים געשווינד איבערגעריסן:

— דאָס האָסטו דעם פײַף געטון? אַנטלויף שוין, וואָרום מיין שוועסטער גייט שוין אַרויס צו דיר — — —

— פאַר וואָס? — זאָגט דוידל — איך האָב דאָך זי נישט געטשעפּעט. איך טאָר נישט פײַפן?

— אָבער זי ווייסט גישט, זי ווייסט נישט. זי מיינט, אַז עפּעס אַנדערש...—זאָגט יאָסעלע אין גיכער אומרואיקייט—אָבער

וואַרט, איך וועל אריינלויפן און זאָגן, אַז נישט צו איר...— און אָפּזאָגנדיק דאָס, איז ער צוריק אַנטלאָפן אין שטוב.

דוידל איז געבליבן שטיין אַ פאַרווירטער און אין דער־וואַרטונג. ער האָט נישט געוואוסט, וואָס דאָ טוט זיך און וואָס ער האָט ווייטער צו טון. נאָר אָט קומט ארויס יאָסעלעס אַ גרויסע שוועסטער, מיט אַ הויכער, שוואַרצער פריזור אויפן שטערן, דאָס פנים איז אַ געשטיפּלטס, אַ שמאָלס, און זי טראָגט אַ לייכט טיכל איבערגעדעקט איבער די אַקסלען פונקט, ווי עס וואָלט געווען אין זומער... נאָר דערזעענדיק אַזאַ קליינעם ווי דוידלען, האָט זי, נאָך איידער זי האָט אים רעכט אָנגעקוקט אין פנים, ווער דאָס איז, אָנגעהויבן אויסצובייטלען: טפו זאָל ער ווערן, צו מיינע שונאימס קעפּ, שוין אויך אַ מענטש צום פייפן!...

דוידל איז געבליבן שטיין אַ צוגעשלאָגענער צום אָרט און ווי מיט קאַלט וואַסער אָפּגעגאָסן. ער האָט נישט געוואוסט, מיט וואָס דאָס שמעקט. נאָר דאָס, וואָס אונטער איר איז שוין געשטאַנען יאָסעלע, און יאָסעלע, האָט ער געזען, שווייגט, וואָס דאָס האָט אים נעבערענגט נאָך מער אין פאַרלעגנהייט, מיינענדיק, אַז דאָ איז טאַקע געשען עפּעס אַזעלכעס דורך זיין פייף: אפשר איז די מוטער קראַנק און ער האָט זי פון שלאָף אויפגעריסן, אָדער ער האָט אַזוי וועמען שטאַרק איבערגעשראָקן— האָט אים, דוידלען, דאָס אַלץ געמאַכט ווי פאַרשטיינערט, און געלאָזט פילן אַ געוויסע שרעק פאַר זיין עוולה, וואָס ער איז באַגאַנגען. אין דער אמתן אָבער איז דאָ געשען עפּעס אַנדערש. שוין צוויי וואָכן, ווי בענדיט שטריקנמאַכערס זון קומט נישט צו גיין צו נאַטשען *). אין דער ערשטער צייט, ווען ער האָט זיך נאָר מיט איר באַקאָנט, דאָס איז געווען מיט אַ האַלב יאָר

*) לאה, נאָר „נאַטשע" פון צייט אָן זי האָט געדינט אין וואַרשע, ווי די באַלעבאָסטע פלעגט זי רופן.

צוריק, האָט ער זי יעדן אָוונט ארויסגערופן פון שטוב דורך אַ פייף. שפעטער ווידער, ווען ער האָט שוין אָנגעהויבן אַריינ־צוקומען אין שטוב, די מוטער האָט אים אויפגענומען, און ער האָט זיך שוין געזעטיקט מיט דעם קומען, האָט ער זי אויסגעמיטן. נאָר איצט, דערהערנדיק דעם פייף, האָט זיך אין איר דער אַלטער ציטער אויפגעכאַפּט, און זי איז געוואָרן זיכער, אַז עס איז נישט קיין אַנדערער פייף, נאָר יענער. און אַך, ווי אַנ־טוישט! און יאָסעלע האָט פאָרויס געוואוסט, אַז דאָ וועט עפּעס אַרויםקומען גישט קיין גלאַטיקס פון זיין שוועסטער. וואָרום, ווי דערציטערט זי איז געוואָרן פון דעם דאָזיקן פייף! ווען זי' האָט אים דערהערט, האָט זי פונדעסטוועגן, אין באַרוישונג, נישט פאַרגעסן, אָדער אדרבא, איצטער ערשט נאָך האַסטיקער געדענקט, ווי יאָסעלען האָט זיך געדאַכט, נישט ארויסצולויפן גלייך, נאָר צוריק צו כאַפּן זיך שוין פון דער טיר אַוועק, — צוצולויפן צום שפיגעלע, וואָס זי האָט אַראָפּגעכאַפּט פון דער וואַנט, און שטעלנדיק עס אויפן טיש, אָנצוהייבן מיטן קעמל געשווינד ארויפצוקעמען און צורעכט מאַכן זיך די פריזורע אַזוי, אַז יאָסעלע, קוקנדיק אויף איר, האָט זיך אַליין אויך נישט געריכט, אַז דאָס זאָל זיין אַן אַנדערער, ווי בענדיטס זון... עס איז אים קיין שום ספק נישט געווען, און דערפאַר טאַקע איז ער אַרויסגעלאָפן נאָך פריער ווי די שוועסטער אַ קוק געבן. נאָר ווען ער האָט אומגעריכט דערזעען דוידלען: „דוידל, דו האָסט דעם פייף געטוען?...” איז אים נישט געבליבן קיין אַנדערע ברירה, ווי צו לויפן אין דער רגע שוין צוריק אין שטוב אריין, אפשר וועט אים נאָך געראָטן די שוועסטער צו פאַרכאַפּן צוריק, דערציילן איר, אַז דאָס איז נישט ער... וואָרום. אַז נישט, וועט קיין גוטס נישט ארויסקומען. עס האָט שוין אָבער נישט געהאָלפן, אַזוי נישט געגלייבט האָט זי, און אין

בלויזן לייכטן טיכל אויף די אַקסלען. כדי די פריזור נישט צו שאַדטן איז זי ארויס אין דרויסן. זי איז פון צערודערטקייט, ווען זי האָט דערזעען דוידלען און נישט געקאָנט גלויבן, אַז פון אים זאָל דאָס זיין דער פייף, צוגעלאָפן צום סלופּ פון אויפגעפּראַלטן פּאַרקאַן, אַרויסקוקן אויף דער גאַס, ווייל עס קאָן נישט זיין, אַז נישט פון יענעם זאָל זי דאָס האָבן געהערט. אָבער אַ פּאַר-צווייפלט געשווינד ארומכאַפּן מיט די בליקן די ליידיקע גאַס האָט איר האָפענונג שוין פּאַריאָגט. גליענדיק פאַר כעס, איז זי נאָך צוריק צו וועגס צו דוידלען צוגעלאָפן, דער אימפּעט האָט אפילו אויסגעזעען, אַז זי גייט אים אַראָפּלאָזן אַ פּאַטש, אין דעם פּאַטש האָט זיך געזאָלט אויסגיסן דער גאַנצער צאָרן פון לאַנג-געגאַרטן, לאַנג-געוואַרטן און נישט צושטאַנד געקומענעם אויסדרוק. אָבער קוים האָט איר אויג נאָר דעם ערשטן בלישטש געטוען, איר האַנט האָט זיך שוין געהאַט אַ כאַפּ געטוען איבער אים, איז זי אליין, ווי נישט וויסנדיק פאַרוואָס, פאַרשטיינערט געבליבן: ווער איז ער?—האָט זי פּלוצלינג אַ פרעג געטוען. דוידל האָט געשוויגן, בלאַס, דערשראָקן ווי דער טויט, און יאָסעלע האָט געענטפערט:

— מיינער אַ חבר...

זי האָט צוריק אַראָפּגעלאָזט די האַנט, און איר פּנים איז מיט איינמאָל ווי אויסגעלאָשן געוואָרן. מיט פאַרביטערונג האָט זי געזאָגט:

— איך וועל אים שוין מאָרגן צושטעלן אַ „בענקעלע“ פאַר זיין מאַמען. ער פייפט שוין אויך... איך ווייס, נישט-קשה, ווער ער איז. קום אַריין, יאָסעלע, שטיי נישט נעבן אַזאַ פּאַר-שוין, — האָט זי דאָס ברודערל אַ רוף געגעבן. זי האָט אים אַ כאַפּ געטוען ביים הענטל, און באַלד איז דוידל געבליבן ווידער שטיין אַליין. ער האָט אפילו קיין צייט נישט געהאַט איבער-

צוקלערן וועגן דעם, פאַר אים אומפאַרשטענדלעכס, וואָס דאָ איז מיט אים עפּעס אויף אַזאַ אומגעווײנלעכער אַרט פאָרגעקומען. דער קאָפּ האָט אים געדרוישט, ווען ער האָט אָנגעהויבן אַוועקצוגײן פון דער שטוב, און ער איז געווען אינגאַנצן דערשלאָגן.

ערשט איצט האָט ער אָנגעהויבן נאָכצודענקען וועגן דאָס פלוצלינגדיקע, פאַר אים אזוי רעטענישדיק געשעענע.

„וואָס האָט די שוועסטער געוואָלט יאָסעלעס? פאַרוואָס האָט זי אים שוין געוואָלט אראָפּלאָזן א פּאטש, מיט וואָס האָט ער זי צערייצט?"—אָבער דער סוד איז געבליבן פאַר אים ווײ־טער באהאלטן, און אָן אָפּשטויס, א פײַנטשאפט כמעט, צו דעם שלעכטס אירן, האָט אים ארומגענומען.

אָבער אויך אויף יאָסעלען האָט אים נישט ווייניק פאַר־דראָסן:

— פאַרוואָס האָט ער זי געפאָלגט און נאָכגעגאַנגען איר, אפילו, אז זי האָט אים געצויגן ביי א האַנט אין שטוב אריין? פאַרוואָס האט ער איס, דוידלען, געלאָזט אליין און נישט גע־בליבן כאָטש נאָך צוויי מינוט אין דרויסן נאָך דער שוועסטערס אוועקגײן, כדי ער זאָל אים דערקלערן כאָטש, וואָס איז דאָ גע־שען? ס'איז דאָך זײַן שוועסטער און זײַן שוועסטערס צוולה?...—

האָט ער צום סוף געריייצט שוין דערטראַכט. אָבער דוידל האָט נישט געוואוסט, אַז אין דער אמתן האָט יאָסעלע נישט געקאָנט מיט אים בלייבן לענגער אין דרויסן קעגן דער שוועסטערס ווילן, און נישט כדי דער שוועסטער צוליב צוטוען און אויך נישט אויס מורא פאַר איר. יאָסעלע האָט פאַר איר אינגאַנצן נישט קיין מורא געהאַט, נאָר גאַנץ עפּעס אַנדערש — גאָר אַן אַנדערע סיבה האָט אים באַוואויגן צו זײַן איצט נאָכגעבנדיק:

די שוועסטער האָט אָפּגעדינט אין וואַרשע גאָר נישט קיין קליינע צייט, נאָר קיין שידוך, כאָטש זי האָט פון צייט צו צייט

געהאַט אויף זיך בעלנים, ווי אַ שטייגער—אַן אלמן מיט קינדער, האָט זיך איר אַלץ נישט געמאַכט. האָט די מוטער דאַן איר געשריבן אַ בריוו: „מיין ליב קינד, אויב דו קאָנסט אין וואַרשע גאָר נישט דערגרייכן, קיין תכלית זעט זיך נישט, קיין יונג מיידעלע ביסטו דאָך שוין אויך נישט, און קיין געלט האָסטו דאָך אויך נישט אָנגעזאַמלט — קום אַהיים, אפשר וועט גאָט דאָ העלפן".

האָט די שוועסטער שוין אפילו געהאַט באַשלאָסן נאָכדעם, ווי זי האָט דאָס בריוועלע איבערגעלייענט, פאַר דעם איינעם וואָרט „קיין יונג מיידעלע ביסטו דאָך שוין אויך נישט" — נישט אַהיימצופאָרן. איר האָט עס געקלונגען אין די אויערן אָט דאָס דאָזיקע וואָרט פונקט, ווי מען וואָלט אירן אַ מיאוסן סוד אַנטפּלעקט, און דערצו נאָך, ווייסט זי נישט פאַרוואָס, דאָס האָט איר געשמעקט מיט דער מוטערס אַלטקייט און קלאָג-לידלעך. אָבער נאָך דריי טאָג פון דעם דערהאַלטן דאָס בריוול, האָט זי זיך אַליין אויך אָנגעהויבן איבערלייגן, אַז נישט נאָר זי פילט נישט קיין שום גליק אין דינען, נאָר אַז עס איז איר אפילו מיאוס, גאָר מיאוס געוואָרן. זי האָט נישט ליב געהאַט די באַלעבאָסטע, כאָטש זי רופט זי „נאַטשע", נאָר אין דער ערשטער צייט האָט זי דער דאָזיקער נייער נאָמען אַביסל געפרייט. עס האָט זיך איר געדאַכט, אַז אפילו פאַר אַ בחור, וואָס וועט אַרויפקומען צו איר, ס'הייסט אין דער מאַדאַמס שטוב, ווי אַ שטייגער, אַ געצגריוועטער שוסטער, פרעגן אויף איר און די מאַדאַם וועט ענטפערן: „נאַטשאַ" איז ערשט נישטאָ, אָדער: „וואַרט, זייט-זשע מוחל, זיצט, זי קומט שוין אַריין"... וואָלט עס אויך געווען שענער... אָבער איצט איז זי אייגנטלעך, צי נאַטשע, צי לאה, אַלץ איינס אין קוך... און קיין הונט פרעגט זיך נישט אויף איר. די שטעלע אַליין, צוליב איר, לאהס, לאַנג-יעריקער ארבעט

מיט פאַרשאַרצטע אַרבל און באָרפיסע פיס אויף דער שטיינער־נער פּאָדלאָגע אין קיך, האָט זי שוין אַזוי פיינט געקריגן, אַז ווי עס פלעגט זי אַמאָל לאָקן אַ גערדאַנק אין דער ערשטער צייט נאָך, אַ טאָמער קומט דאָ אַ חתן, וועט זי אים דערציילן, אַז זי איז נישט דאָ היגע „ווערדליק" ווי אויף אַ שטעלע—ס'איז אַ דינסט, נאָר „ווערדליק" ווי אַן אייגן קינד... ווי ס'האָט זי נישט געלאָקט אָט דער דאָזיקער געדאַנק אין דער ערשטער צייט, וואָלט זי איצט, ווען גאָט שיקט איר צו אַ חתן, פאַר ווענען זי זאָל קאָנען דאָס האַרץ אָפּרעדן, גלייך אים איר שווער געמיט אַרויסגעזאָגט, ווי פיינט זי האָט די שטעלע.

אויך די מאַדאַם האָט זי היינט נישט ליב. איר באַציאונג צו איר פריער איז געווען אַזאַ איידעלע, אַז נישט דאָס געלט, די שכירות, האָט זי דאָ אַהער צוגעבונדן. זי האָט זיך אין דער מאַדאַם באַשאַפן אַן אידעאַל: די איידלקייט – פאַר וועלכן דאָס געלט האָט ביי לאהן נישט געשפּילט די מינדסטע ראָלע און זי וואָלט איר אפילו געקאנט דינען זיבן יאָר אָן איין גראָשן.

און עס קאָן זיין, אַז איבער דעם טאַקע, וואָס זי האָט אין דער מאַדאַם געוואָלט זעען אַן איידעלע פרוי – די אויסגעשפּראָכענע איידלקייט—און דאָס איז די מאַדאַם, פאַרשטענדלעך, נישט געווען—האָט זי איר דאָס נישט געקאָנט פאַרגעבן... דאָס וואָרט „נאַטשע", וואָס זי האָט אַזוי פאַרצויגן גערופן מיט אַ קליינגעענדיקער שטים איבער אַלע סאַלאָנען, איז געווען „מאַדאַמיש", אַזוי צו זאָגן. און הגם עס האָט איר אויך געקליידט בעסער צום פנים, בולטער געמאַכט דעם אייגענעם וואוילשטאַנד, וואָס מען פילט דערביי פאַר דעם אייגענעם אָנזעען, – אָבער קיין טראָפּעלע נאַטירלעכקייט, ווער שמועסט שוין גאָר פון יענער געזוכטער „איידלקייט", וואָס „נאַטשע" האָט אין איר געזוכט,

איז אוודאי נישט געווען... און דאַדורך, קאָן זיין, איז זי לאהן פאַרמיאוסט געוואָרן צוזאַמען מיטן טראָגן אויף זיך דעם נאָמען „נאַטשע". בלויז מיט איין געשעענעם פאַקט אין שטוב האָט זי, לאה שוין געקאַנט צעברעכן דעם „אידעאַל" אירן, וואָס זי האָט געגאַרט אין דער מאַדאַם צו האָבן. דאָס איז געווען, ווען אַ וויטלעכער פאַמילאַנט דער מאַדאַמס, אַן אָרנטלעכער, קורץ-גע-קליידטער הער, שוין איבער די מיטל-יאָרן, מיט שוין גראָלעך זיך ווארפנדיקע האָר אין קאָפּ, האָט זי איינמאָל אין אַ שבת באַזוכט, ווייל ער האָט געהערט, אַז מען האָט די וואָך געוואָלט ביי איר אין געשעפט מאַכן אַן אויפבראָך, נאָר זיי זענען ניצול געוואָרן און די גנבים האָבן איבערגעלאָזט די אָגגעהויבענע „אַרבעט" אין דער מיט, מען ווייסט אַליין נישט, דורך וועלכן נס. און אָט, נאָך זיין אויסדריקן איר זיין פרייד איבער דעם נס און אויספרעגן וועגן געזונט, פרנסה און צופרידן לעבן מיטן מאַן, האָט זי נאָכדעם אַלעם געהאַט אַ כּוח אין זיך, ווען זי איז שוין געבליבן אַליין נאָך דעם הערס געזעגענען זיך, אי-בערצוציילן וויפיל שטיקלעך טאָרט יענער האָט אויפגעגעסן און וויפיל גלעזלעך ליקער ער האָט פאַרטרונקען צו זיי... אָט דאָס איז סוף-כּל-סוף געווען צום כאַראַקטעריסטישסטן פאַר דער מאַ-דאַם, ווי ס'איז דאָס רוב אין אַזעלכע פאַלן כאַראַקטעריסטיש פאַר פרויען אָט דער שטריך, און צום „אַנטשפּרעכנטסטן" איז ער געווען צום „אידעאַל", וואָס לאה האָט אַזוי געגאַרט אין איר צו האָבן. — אָט דאָס איז געווען דער ערשטער איינברוך אין לאהס אומענדלעכער איבערגעגעבנהייט, געטרייקייט צו דער שטעל, באַזונדערס צו דער מאַדאַם. און אַך, ווי נעמט זי ערשט אַ חתן! די שטעל איז איר איצט, נאָך אַ ריי יאָרן מידער אַרבעט און אויך נאָך אַ גאַנץ לאַנגער קייט אינערלעכע אומ-צופרידנהייטן, זייער, זייער פאַרמיאוסט.—האָט זי נאָך אַ לענגער

שוואַנקען אין די געדאַנקען, צי זאָל זי יאָ אַהיים פאָרן, צי נישט, נאָכדעם, ווי זי האָט דאָס בריוועלע דערהאַלטן פון דער מוטער — דאָך באַשלאָסן אַהיימצופאָרן, כאָטש זי האָט געקאָנט אַלע חסרונות פון דעם לעבן אין דער מאַמעס שטיבל, אַזאַ לעבן, וואָס איז שוין צו איר אַזוי צוגעפּאַסט, ווי פּאַר אַ פרייען בירגער די תפיסה. זי האָט זיך דאָך נאָך דריי טעג שוואַנקען איבערגעבעטן צוריק מיט דער מאַמעס בריוול, וואו זי שרייבט איר? „און קיין יונג מיידל ביסטו דאָך שוין אויך נישט"...

און אפשר וועט טאַקע גאָט העלפן, ווי עס שרייבט איר אויך די מאַמע, אפשר. וואָרום דאָ זענען די מענטשן אַרום פאַרשטיינערט. זי האָט אויך די באַלעבאָסטע פיינט געקריגן צוליב איין כאַראַקטעריסטישן פאַל: אַ ציגיינערין האָט לאהטשן קאָרטן געלייגט און געטראָפן, אַז די אָרעמע, לאַנג-גאַרנדיקע לאהטשן ליבט אַ בלאָנדער יונגערמאַן, און מער קיין אַנדערן חתן, ווי אַ קאָרטן-חתן האָט די לאהטשע נישט געהאַט, — אָבער אויך דאָס האָט איר די מאַדאַם נישט געקאָנט פאַרגינען, די ציגיינערין אַרויסגעיאָגט, נאָך איידער לאהטשע האָט צייט גע-האָט רעכט זיך איינצוהערן אין דער ציגיינערינס טרייסטנדיקע און האָפענונגס-ווערטער. אַך דאָס פאַרביטערטע האַרץ, ווער קאָן עס פאַרשטיין! אָבער די מאַדאַם האָט שוין צופיל פאַרקרימט דעם גוידער, בשעת זי האָט מיט פאַרדריסלעכע בליקן צו לאהן געטענהט: אַ מיידל זאָל זיך נאָר אַרומטראָגן מיט נאַרישקייטן אין קאָפּ...— אָט אַזאַ פאַרשטיינערטקייט טרעפט מען נאָר אין דער פרעמד. און לאהטשע האָט טאַקע באַשלאָסן: מיט אַלע חסרונות און מיט איינמאָל אין טאָג אַ שטיקל ברויט — נאָר אין דער היים. די לעצטע דריי טעג האָט זי געליטן פון אַ שווערן קאַמף מיט זיך. עס האָט זיך איר געדאַכט, אַז זי שניידט זיך אָפּ די מעגלעכקייט זיך איינצופונדעווען אַ לעבן אין דער

גרעסערער שטאָט. פון יענע הייזלעך, יענע געסלעך און יענע פאַרחושכטע מענטשן, וואוהין ס'איז איר ערשט אויסגעקומען איר לעבן איבערצוטראָגן, און ווער ווייסט איר חתן, וואָס זי וועט דאָרט אַמאָל קריגן, צי וועט ער נישט אויסזעצן, ווי אַ רוי־שטיק דאָמב...—אָט פון דעם אַלעם האָט זי אין די לעצטע דריי־טעג שווער געליטן. אָבער דורך דער צייט איז אין איר פאַר־געקומען, אומבאַמערקט פאַר איר, אַ שטילע פאַרענדערונג, און זי האָט שטילערהייט אויפן פערטן טאָג געמאָלדן דער באַלע־באָסטע, מיט אַ גאַנץ שטילער פאַרטראַכטקייט אין געזיכט, אַז זי פאָרט אַהיים.

פאַרוואָס, האָט זי נישט געוואָלט זאָגן.

— דו האסט דען דאָ אַ שלעכטע שטעל? — האָט די באַלע־באָסטע געפרעגט. וואָרום מער האָט דאך די באַלעבאָסטע נישט געקאָנט טראַכטן, ווי דאָס, וואָס די שטעל איז גוט, אָדער נישט, און העכסטנס, זי נאָך חושד זיין, אַז מן הסתם האָט זי גע־קריגן אַ נאָך בעסערע שטעל, מיט מער געלט, וואָרום קאָן דען אַ באַלעבאָסטע איינפאַלן, אַז אַ דינסט האָט נאָך באַדער־פענישן? אָבער לאהטשען איז עס שוין אייגנטלעך געווען אַלץ איינס. זי האָט זיך גענומען פּאַקן און איז אַהיימגעפאָרן.

אָט די סיטואַציע האָט באַשאַפן אין דער היים אַזאַ לאַגע, אַז די איינציקע זאָרג פון דער שטוב און דער איינציקער גע־דאַנק פון דער מוטער איז אָט דאָס מיידל. יאָסעלע שפּירט דאָס גוט אַרויס. וואָרום נישט איינמאָל, ווען די שוועסטער איז נישטאָ אין שטוב, באַגיסט זיך די מוטער מיט טרערן, זיפצנדיק וועגן דעם, — וואָס וועט פאָרט זיין דער תכלית מיטן מיידל. — און אָט דאָס האָט יאָסעלען נישט געלאָזט איצטער אַנדערש האַנדלען קעגן דוידלען, ווי ער האָט געהאַנדלט. ער האָט זיך נישט געקאָנט אַנטקעגנשטעלן דער שוועסטער, עפּעס איצט

גראָד נאָך מער, ווי אַן אַנדער מאָל, און ער האָט דוידלען געלאָזט אַליין.

דוידלען אָבער, וואָס איז דאָס אַלץ נישט געווען באַקאַנט, אויך נישט דאָס, אַז דער קליינער יאָסעלע נעמט שוין אַן אנטייל אין די זאָרגן וועגן דער לאַגע אין שטוב און אין דער באַציאונג צווישן דער מאַמען און דער שוועסטער — האָט ער, ווען ער האָט דערזען, אַז יאָסעלע גייט מיט דער שוועסטער און לאָזט אים איבער אַליין, נישט געקאָנט טראַכטן אַנדערש, ווי נאָר, אַז יאָסעלע איז נישט קיין גוטער חבר. דוידל האָט אומעטיק אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, געשטאַנען נאָך אַ ווײַלע פאַרטראַכט, דערנאָך מיט קליינע און פאַמעלעכע טריט אָנגעהויבן אַוועקצוגיין פון דעם שטיבל אַוועק.

לאַנגזאַם איז ער געגאַנגען און געקלערט, אַז אפשר זאָל ער נאָך צוגיין צו דעם, אָדער יענעם חבר? אָבער ער איז געווען פול מיט יאוש און אומגלויבן, זעענדיק, ווי זיין געטרײַעסטער חבר האָט אים אַזוי געלאָזט, אַז די איבעריקע זאָלן אַנדערש טוען.

ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט פון די געדאַנקען, איז ער געשטאַנען פאַר אַן אָנהייב פון אַ ברייטער און לערער גאַס, פאַר וועלכער עס איז געלעגן אַ פוסטער און גרויסער פלאַץ. אַ ברוגעם האָט זיך דאָ נאָר געפונען אין דער מיט פון דעם דאָזיקן פלאַץ, און אַ ווייס-געפרוירענער דראָנג האָט רייטנדיק אויף דעם קלאָצס אַקסל אַרויפגעקוקט מיט זיין שפּיץ צו דער לבנה.

אַ שטילקייט, אַז דוידלען האָט אויסגעזעען, ווי קיינמאָל האָט נאָך דאָ קיין מענטשס אַ פוס נישט געטרעטן און, אַז ער אַליין געפינט זיך דאָ ערשט, ווי אין אַ מדבר. ער איז געשטאַנען אַ ווײַלע, ווי פאַרחלומט, און אינעווייניק אין אים האָט געשלומערט דער געדאַנק: וואו גייט מען?...

ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט און נאָכאַמאָל אַ קוק גע-
געבן אויף דעם ווייס-באַזילבערטן שפּיץ דראָנג, וואָס האָט גע-
גלאַנצט פון פראָסט, דערנאָך אויף דעם טיפן, בלאָסן הימל,
האָט ער זיך דערמאָנט, ער ווייסט נישט פאַרוואָס, אין אַ נאַכט
אויפן שאָסיי, וועלכע ער האָט נישט געזעען, נאָר זיין פאָטער
האָט עס דערציילט. דאָס איז געווען אַ נאַכט, אין וועלכער
זיין פאָטער, פאָרנדיק איינמאָל קיין וואַרשע אויף אַ פור, איז
שיער געפרוירן געוואָרן. ער האָט נאָר בלויז אַראָפּגעריסט פון
וואָגן נאָך אַ דרימל, וואָס ער האָט געכאַפּט, אָבער ער איז
שוין געווען אַזוי פאַרשטייפט, אַז ער איז געבליבן שטיין ווי
אַ קלאָץ, נישט קאָנענדיק נישט נאָר נאָכהאַלטן דעם וואָגן, נאָר
אפילו קיין ריר נישט טוען מיט קיין גליד, און קיין קול נישט
אַרויסלאָזן. דער פאַרטוּלעטער בעל-עגלה האָט אָבער נישט גע-
זעען דאָס אַראָפּלאָזן זיך פון דער פור פון דוידלס פאָטער
און די פיר האָט זיך דערוויטערט... אַ שרעק, אַ טומל האָט
אים אַ ריס געגעבן פון אָרט, ווען די פיר איז שוין געהאַט
אָפּגעפאָרן, און ער האט דערזעען דעם טויט פאַר די אויגן. אָט
דאָס האָט אים גערעטעוועט, און ער האָט אַ געוואַלטיק-אָנגע-
שטרענגטן שפּרייז געמאַכט און אַרויסגעריסן זיך ווי פון אַ פאַר
אָרעמס, וועלכע האָבן אים שוין געהאַט פאַרגליווערט. דוידלען
שטעלן זיך ערשט די האָר אויף קאַפּויער, און ער פאַרגעסט אַליין,
אַז אויך ער טאָר זיך דאָ אויף דעם פּלאַץ נישט צו לאַנג
פאַרטראַכטן. וויסנדיק דאָס אַלץ, ווי אַזוי מען קאָן געפרוירן
ווערן, ווייסט ער אָבער נישט, ווי פּשוט אויך דאָס געשעעט.
דאָס קומט אַזוי איינפאַך, אַזוי זיס-גליווערנדיק, אַז מען רעכט
זיך גאָר נישט, אַז די שטילע מידקייט, וואָס מען פילט אַזוי
אָנגענעם אין די גלידער דעמאָלט – איז דער טויט, בשעת מען
פרירט. דוידל האָט אָבער גאָרנישט חושד געווען, נאָר עפּעס

אַנדערש האָט אים פון דעם פּלאַץ אוועקגעטריבן. האָבנדיק אַ בייגונג, ווי ער איז אַרויסגעקומען אויף אַ פוסטן פּלאַץ צו שטעלן זיך פאַרטראַכט, וואָלט ער דאָ אויך געשטאַנען ווי לאַנג און גאָט ווייסט מיט וואָס דאָס וואָלט זיך געענדיקט—אָבער אָט האָט ער דערזען אַ שוואַרצן פלעק פאַר אַ טיר פון איין זייט גאַס ביים סאַמע ערשטן הויז. אים האָט זיך פאָרגעשטעלט, אַז דאָס איז פריש אַרויסגעגאָסן וואַסער נאָכן אָפּוואַשן פון אַ טויטן און ער האָט גענומען אַנטלויפן. אין לויפן האָט עס אים מיט נאָך מער שרעק געטריבן. דעמאָלט האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער הערט איבער זיך דאָס רוישן פון אַ טויטן אין פרישע תּכריכים. פאַרוואָס עס האָט אים צו די געדאַנקען געברענגט, צי ווייל ער האָט שוין געהאַט אַמאָל באַמערקט אַזאַ פלעק פאַר אַ טיר נאָך אַ טויטנס אָפּוואַשן, אָדער גלאַט אַזוי די שטימונג פון פּלאַץ, צי גאָר, ווייל ער האָט געטראַכט וועגן טויט צוליב דעם טאַטנס שיערדיקן געפרוּירן ווערן—ווער קאָן וויסן. נאָר ווען ער האָט זיך אָפּגעשטעלט נאָכן אַנטלויפן, איז דאָס ערשטע וואָס אים איז געקומען אויף די געדאַנקען, געווען דער שפּיץ דראָנג, וואָס קוקט אַזוי פאַרגליווערט אַרויף פון איבער דער ברונעם צו דער לבנה. און מעגלעך, אַז דאָס געשטאַלט, וואָס האָט אַזוי ארויפגעקוקט צו איר, האָט מער שייכות, אָדער ווייניקסטנס געווען דער ערשטער פונדאַמענט אַרויסצורופן ביי אים אין געדאַנק אַ געשטאַלט פון אַ טויטן, איידער די אַלע אַנדערע סיבות, וואס זענען פריער שוין דערמאָנט. אויב נישט וואָלט ביי זיין אָפּשטעלן זיך פון לויפן דאָס נישט געווען זיין ערשטער געדאַנק, דער ערשטער פון די אַלע איבערלעבונגען, צום אַרויסשווימען נאָכאַמאָל אַזוי בולט אויפן זין. ער האָט זיך געפונען ערשט אויף דער בית-המדרש-גאַס, און בלייבנדיק שטיין, האָט ער טיף אָפּגעאָטעמט, און צוזאַמען מיט דעם איז

אַ טיפע באַרואיקונג אויף אים געפאַלן פון דער אַרומיקער באַ-וואוינטער גאַס.

און אַך, ווי הײמלעך דאָ איז. די גאַנצע גאַס טובלט זיך אין ליכטיקער לבנה-שײַן און פאַר דער וואַנט פון בית-המדרש שטײען דרײַ ייִדן אַ קופּקעלע, אַרײַנזאָגנדיק אין דער נאַכט אַרײַן אָנטקעגן דער לבנה אַזעלכע הײמישע קלאַנגען, אַז די גאַנצע גאַס ווערט אָנגעפּילט מיט אַ הײמלעכן רויש. דוידל דערנענטערט זיך אַהין.

ווײַזט אויס, אַז אין דעם פאַרבײַגעגאַנגען אויפן פריערדיקן פּלאַץ איז אומבאַוואוסט פאַר אים אַלײן אין אים שוין פאַרטיק געוואָרן דער געדאַנק אָפּצוטרעטן בײַ נאָך אײן חבר און כאָטש ער האָט די גאַנצע צײַט גאָר נישט געוואוסט, אַז ער טראַכט וועגן דעם און אפילו אַצינד נישט, איז ער פונדעסטוועגן גע-גאַנגען דאָרט אַהין, פאַרבײַגײענדיק די דרײַ ייִדן פאַרן בית-המדרש. אויף די בית-המדרש-שויבן איז געווען צו באַמערקן, אַז אינעווייניק איז נישט גאָר ליכטיק, צוליב דעם וואָס נאָר אײן לאָמפּ האָט, מוז זײַן, געברענט אין דעם הינטערשטן טײל בעלעמער, האָבן דאָ אַהער צו דער מזרח-וואַנט אַרויפגעשלאָגן שאָטנס פון פיר בעלעמער-זײַלן, און די שויבן זענען געווען פאַר-קראָכן מיט גראָען פּראָסט-שנײ, וואָס דאָס האָט געוויזן, אַז וואַרעם איז דאָרט אויך נישט זײער. עס האָט זיך אַרויסגעפּילט די לײדיקײט פון אינעווייניק דאָ אַהער אונטער דער וואַנט אַרונטער. דוידל איז פאַרבײַ געגאַנגען. ער איז באַלד פון דער צווייטער זײַט בית-המדרש שטײן געבליבן אויף דער גאַס, פאַר אײן הויז, וואָס האָט זיך בײַם ווינקל געשלאָסן מיט אַ לאַנגען הילצערנעם פאַרקאַן, אַ הויכן, וואָס האָט זיך ווײַט אַוועקגעצויגן אין דער לענג גאַס אַרויף. פון איבערן פאַרקאַן, נאָענט צום הויז, האָבן איבער טײל ערטער אַרויסגעקוקט צווייגל-ריטלעך,

וואָס האָבן געגלאַנצט מיט זייער אייז קעגן דער לבנה. שטיל איז דאָ געווען, ווי די נאַכט וואָלט דאָ נישט אָנגערירט געוואָרן. דוידל איז צוגעגאַנגען צו די שטיגלעך פון פּאָר אַ גלעזערנער טיר, וואָס איז געווען אין פּראָנט אויף דער גאַס אַרויס. ער האָט זיך דערהויבן אויף זיי און אַ קוק אַריין געגעבן דורך דער פאַרפרוירענער שויב. אויך צום פענסטער, וואָס איז געווען לינקס, האָט ער פון דאַנען אַוועק זייטיק אַ בליק געוואָרפן און אַראָפּלאָזנדיק זיך באַלד צוריק פון די שטיגלעך, אָפּטרעטנדיק עטלעכע איילן, אַ טריט צען צוריק אין דער ברייט גאַס אַריין, האָט ער אַ רוף געגעבן:

— אהרעלע!

פון אינעווייניק האָט זיך דערהערט אַ גיך טשאַפּען, נישט ווי פון טריט, נאָר ווי שליטנס וואָלטן זיך געגליטשט איבער דער פאָדלאָגע. עס האָט זיך אַ שפּאַר אָפּ געגעבן איין האַלבע גלעזערנע טיר, וואָס האָט זיך געעפנט מיט אַ סקריפּנדיקן ריס אָפּ פונקט, ווי זי וואָלט געווען צוגעפרוירן צו דער שוועל אונטן, און דורך דער שפּאַרע האָט זיך באַוויזן אַ יינגל פון אַ יאָר עלף. ער האָט געטראָגן אַ גרויס שמוישן היטל איבערן קאָפּ, וואָס פון אונטער דעם האָבן אַפּערגעבלישטשעט אַ פּאָר בלישטשנדיקע אויגן אין דער נאַכט אריין. באַלד צום ערשטן זענען זיי, ווי דוידלען האָט זיך געדאַכט, געבליבן שטיל, דערנאָך האָט זיך אין זיי ווי עפּעס געגעבן אַ רודער אויף אין בליק, דאָס איז געווען דאָס דערקאַנען דוידלען. באַלד האָט זיך דאָס יינגל אינגאַנצן געגעבן אַ גליטש ארויס אין דרויסן מיט צוויי גרויסע שטיוול, וואָס ער האָט זיי אריבערגעשיפּט מיט די פיס איבער דער שוועל, און אַזוי איז ער שטיין געבליבן אויף די שטיגלעך פון דער זייט טיר, פאַרמאַכנדיק זי הינטער זיך, און אָנגעקוקט דוידלען.

—וואָס האָסטו געוואָלט?—האָט אהרעלע געפרעגט, און אין אין די אויגן זיינע האָט אויסגעדריקט נישט ווייניק אומגעדולדיקייט.

דוידל איז געשטאַנען אַ ווײַלע, ווי פאַרפרעמדט און געקלערט, נישט וויסנדיק אַליין, וואָס אים צו ענטפערן.

— דו זיצסט אזוי די גאַנצע צייט אין שטוב? — האָט ער אים געפרעגט.

— יאָ — האָט אהרעלע געענטפערט — נאָר וואָס דען?

— איך ווייס נישט. האָט דוידל געזאָגט און עס איז אים אַליין קשה געוואָרן, צי קאָן מען היינט אַנדערש טוען, ווי זיצן אין שטוב. אָבער אין אַ ווײַלע אַרום צוגעגעבן — אָט גיי איך אַרום...

— דו גייסט? און נאָך וואָס-זשע טאַקע, דו ווילסט געפרוירן ווערן?

דוידל האָט אַ שמייכל געגעבן:

— שוין אזוי גיך? — און נאָך אַ ווײַלע ארום — קום אַראָפּ. וואָס שטייסטו דאָרט?—האָט ער פלוצלינג געענדערט דעם טאָן— אַז מען וויל קאָן מען אין שטוב אויך נישט מוזן זיצן...

— אָך, איך קאָן נישט האָט אהרעלע ווי זיך אָפּגעשאָקלט — דו זעסט, די מאַמע איז אין שטוב, זי פּרעגלט צו די וועטשערע, דו הערסט דאָס שפּריצן פון אייל?... האָט ער מיט אַן אויפגעהויבן פינגערל אין דער לופט אַריין, קעגן קאָפּ, ווי זיך איינגעהערט...— און דער טאַטע קומט באַלד אָן... — האָט ער אין אַ שטילערן, כמעט סוד-טאָן צוגעגעבן.

פונדעסטוועגן האָט אהרעלע אַ טשאַפּ אַראָפּ געגעבן פון די שטיגלעך, און איצטער זענען זיי שוין ביידע געשטאַנען האַרט פנים צו פנים, און די שאָטנס פון די צוויי קעפּלעך

האָבן זיך אָפּגעלייגט איבער דער ברייט גאַס, זייטיק נעבן זייערע פּיס.

אין גאַס איז געווען שטיל, און דוידלען האָט זיך גע־דאַכט, ווי אין דער שטילקייט וואַקסן זיך ביידע פנימער צווישן זיך צונויף, שטייענדיק נאָענט און נישט רירנדיק זיך פון אָרט.

— נו, זאָג גיכער — האָט אַהרעלע ארויסגערעדט און ווי אונטערגעאיילט צו דערפירן צו דער ענדע. דוידל האָט געזעען, אַז זיין האָפענונג איז פארלוירן, אהרעלע וועט מיט אים איצ־טער אין ערגעץ נישט גיין, און ער האָט אליין נישט געקאָנט פאַרשטיין, צוליב וואָס ער איז איצטער גאָר אהערגעקומען, אז עס איז אפילו נישטאָ וואו צו גיין אויך... עס האָט אים נישט געגליקט די היינטיקע נאכט — און ער איז טרויעריקלעך געבליבן, אַראָפּלאָזנדיק די בליקן טיפער אין זיך.

— דו ווילסט נישט זאָגן? — האָט אהרעלע אומגעדולדיק געפרעגט.

— דו ווילסט ארייננגיין צוריק אין שטוב? — האָט דוידל גע־ענטפערט.

— די מאַמע וועט באלד ארויסקומען פון דער טיר, און דער טאַטע קומט שוין אָן, ער איז געגאַנגען מחדש זיין די לבנה.

— נו, גיי — האָט דוידל געזאָגט.

ער האָט זיך דערמאָנט אָן יענע דריי יידן, וואָס זענען געשטאַנען פאר דער בית־המדרש־וואַנט, און ער האָט שטיל אָנגעהויבן זיך ארויסצודרייען פון אהרעלען. אהרעלע איז גע־שטאַנען פארוואונדערט. נאָר אָט האָט זיך שוין טאַקע באוויזן פון הינטערן ווינקל גאַס, וואָס פירט פון בית־המדרש, אַ ייד, וואָס איז געגאנגען מיט שווערע טריט און געשיקט פאָרויס אַ פּאַרע פון מויל קעגן דער לבנה. אהרעלע האט דערקאָנט דעם

פאָטער און געגעבן זיך א גליטש ארויף אויף די צוויי שטיגלעך און אַ „גוטע נאכט” צו דוידלען, און דוידל האט געזעצן זיך צו דערוויטערן באלד, ווייל עלטערע מענשן האָבן א טבע, אז זיי טרעפן ווען ביינאכט פאר זייער הויז, קוקן זיי אין די אויגן אריין, צי מען וויל זיי נישט אַמאָל קיין שלעכטס טוען...

ער האָט נאָר פונדערווייטנס נאָך געזען, ווי דער ייד טאַקע איז אהרעלעס פאָטער, ווי ער איז צוגעגאַנגען צום פענסטער פאַרמאַכן דעם לאָדן, אַרויפגעלייגט די אייזערנע שטאַבע, וואָס האָט פון דער וואַנט אַראָפגעהאָנגען און, ווי ער איז דערנאָך אליין אויך פארפאלן געוואָרן איבער די זעלבע שטיגלעך אין שטוב אַריין.

די גאַס איז געוואָרן נאָך שטילער. די לבנה און אויך די נאַקעטע ריטלעך, וואָס האָבן, ווי גלאָז-רערלעך, געגלאַנצט קעגן איר, האָבן איצטער דער גאַס צוגעגעבן נאָך מער איינזאַמקייט, און אין דער שטילקייט האָט ער דערשפירט דעם אונטערשיד צווישן זיך און אהרעלען. — עפעס אהרעלע מאַכט קיינמאָל נישט אַזעלכע געַנג, וואָס זאָלן פארפירן. און ער ווייסט נישט, פאַרוואָס ער האָט אים פיינט געקריגן. ער האָט אָנגעהויבן אַוועקצוגיין, און אַרויסקומענדיק צוריק אויף דער בית-המדרש-גאַס איז שוין איצט דאָרטן געווען אינגאַנצן לעער. אים דערמאָנט דאָס, אַז ס'איז שוין צייט צו זיין אין דער היים. און ער האָט אָנגעהויבן גיכער צו גיין. וואָס אַמאָל האָבן זיך די פלינקע טריט אַלץ שנעלער געלאָזט איבער דער גאַס, זיך צעשרייענדיק כמעט אין דער לופט מיט דעם הילכיקן אָפּסקריפּן פון איבערן האַרטן שניי. נאָר אָט איז ער שוין פאַר זיין שטוב און אין דער נאַכט ווערט פאַרפאַלן דאָס איינציקע לעבעדיקע באַשעפעניש, וואָס האָט זיך אין דער גאַס נאָך באַוואויגן.

אין יענעם אָוונט איז דוידל געווען אַזוי נישט מיט זיך, אַזוי צעשטריייט אין די געדאַנקען, אַז ער האָט פאַרגעסן אַ תּירוץ אָנצוגרייטן, אַ טאָמער וועט מען אים אין שטוב פרעגן, וואו ער איז געווען. די מאַמע האָט געטראַכט, אַז ער איז גע-ווען ביים פעטער ביינוש. וואו דען זאָל ער זיין אין אַזאַ פראָסט? נאָר אָט איז דוידל אַריין אין שטוב, ער איז פאַר-שטאַרט פון פראָסט און בלאָזט אין די פינגער, כאָטש דעם גאַנצן וועג אַהיים איז ער שוין געלאָפן. אָבער ערשט איצט האָט ער אָנגעהויבן דערשפירן די קעלט.

— וואו ביסטו געווען? — האָט די מוטער אים געפרעגט, ווי מען האָט עס געקאָנט פאָרויסזעען, כאָטש זי האָט זיך אויף אַנדערש נישט געריכט, ווי נאָר ביים פעטער ביינוש.

אָבער דוידל האָט זיך פאַרלוירן פון נישט צוגעגרייט זיין און געענטפערט:

— ס'איז נישט קאַלט...

— וואו איז נישט קאַלט?

די מוטער האָט אים אַ קוק אָן געגעבן, געזען, ווי זיינע בליקן קאָנען נישט געפינען קיין דרייסטקייט צו קוקן איר אין פנים אַריין, די בעקלעך פלאַמען און די אויערלעך זענען רויט ווי פייער, אַזש אָנגעצונדען פון פראָסט, — האָט זי נאָך אַ לענ-גער שטיל קוקן אויף אים געזאָגט צום פאָטער.

— גאָט דער לעבעדיקער ווייסט, וואו מען איז אַרומגע-לאָפן...

און זאָגנדיק דאָס, האָט זי מיט אַ שטילער זאָרג אין פנים זיך אַראָפגעבויגן און באַטאַפּט אים דאָס פאַלטנדל אַרום זיינע טריט. די זוים דערפון איז געווען אַזוי שטייף, ווי אַ האָרן, אַרומגעפּאַטשט מיט שניי פון גיכן לויפן, און האָט געקנאַקט

פון פראָסט־פאַרשטאַרטקייט פונקט, ווי אַן אויסגעטריקנטער ביין, אַז מען וויל אים איינבייגן.

— אַזוי איז מען אומגליקליך — האָט די מוטער ערשט אויסגלייכנדיק זיך אָפּגעזיפּצט — און איצטער דאַרף מען אָנגרייטן געלט פאַר דאָקטוירים און מעדיצינען — האָט זי צוגעלייגט אַ פינ־גער צו דער גאָמבע, דערענדיקט, בשעת דוידל האָט דעם קאָפּ אַראָפּגעהאָנגען.

— וואו ביסטו געווען? — האָט דער פאָטער געפרעגט. נאָר אָנגעהויבן האָט ער, דאַכט זיך, גאַנץ שטיל, מיט יענער שטיל־קייט, פאַר וועלכער דוידל האָט אַזוי ווייט נישט מורא, נאָר שפּירט זיך אין איר, ווי איינגעשרומפּן. — ווען האָסטו דאָרט געהאַט?

דער פאָטער איז צוגעגאַנגען, באַטראַכט אים, צי „אָטעמט ער כאָטש”, אָבער קיינמאָל אין אַזאַ פאַל האָט נאָך נישט גע־טראָפן, אַז דוידל זאָל זיך אַ ריר געבן. אַ טויט שטיל־שווייגן הענגט אין דער לופט, און דער פאָטער קוקט, פון וועלכער זייט אים אָנצוהייבן... עס פילט זיך, ווי אַ שווייגן פון פאַר אַ פאַר־ציקן. אָבער דער מאַמעס אויגן זוכן שוין אַן איבערהאַקונג צו דער אָנגעשטרענגטקייט. לאָזט זי אַראָפּ אַ בליק אויף דוידלס איינגעפאַלענע, איצטער נאָך אינגאַנצן איינגעקורטשעטע, איינגע־דאַרטע אַקסלעך, און איר רחמנות־בליק, וואָס נעמט זיך איבער מיט דוידלס צוגעשמידטן שטיין, טראָגט זיך באַלד איבער צום פאָטער און באַגעגנט זיך מיט זיינעם...

ווען דער פאָטער זיצט שוין צוריק ביים אויוון, קוקט ער נאָך אויף אים מיט קרומע בליקן, אָבער שוין פונדערווייטנס, און די פאַרשטיינערטקייט אין שטוב, די פאַרגליווערטקייט האָט שוין דעם אָטעם נאָכגעלאָזט. די מוטער זיפצט אָפּ, גייט בעטן

די בעטן, דערנאָך דוידלען דאָס געלעגער אזן אַזוי גייט מען שלאָפן.

V

די טעג האָבן זיך געצויגן לאַנג, די אָוונטן — נאָך לענגער. דוידל האָט שוין געהערט פון פאָטער אויסדערציילן אַלע מעשיות, טײַלמאָל שיינע, וועגן פרומע ייִדן, ייִדן צדיקים און אויך וועגן גרויסע מכניסי־אורחים. איינמאָל אָבער האָט ער דערציילט וועגן אַ ייִד, וואָס האָט אָן קיין אורח נישט געקאָנט גיין צום טיש, און אין אַ שבת, ווען ער האָט אַהיימגענומען אָרעמע לײַט, האָבן זיי געמוזט עסן מיט די זעלבע לעפל, וואָס ער און דאָס גאַנצע הויזגעזינד. און חלילה קיינמאָל נישט באַזונדער, ווער שמועסט — אין קוך, אָדער וואו... און ווי דער ייִד האָט זיך אַזו געפירט אַ ריי מיט יאָרן און שטענדיק נאָר געבעטן גאָט, אַז ער זאָל קאָנען מענטשן אונטערלענען, און אין הימל איז מען געווען דערפון זייער צופרידן, האָט עס דעם אשמדאי פאַרדראָסן, ווײַל ער האָט, מן הסתם, שטאַרק דערפון געליטן, ווי עס וועט זיך שפּעטער אַרויסווייזן, — האָט ער אַ באַפעל גע־געבן צו זײַנע „לײַט”, די שדים, אַז זיי זאָלן זען דעם ייִד צו שאַדטן, וואָרום אַז נישט דאַרף חלילה זייער קיום אונטער־צוגיין פון זיין פירן זיך מיט זײַנע „שטיק”...

איז טאַקע אַזוי געווען. די שדים האָבן צוגענומען דעם באַפעל, און איינמאָל אין אַ שבת־צו־נאַכטס, דער ייִד זיצט בײַ מלווה־מלכּה מיט נאָך אַ מנין ייִדן, ווי זיין שטייגער איז; אין שטוב איז ליכטיק, דער באָרשטש מיט קאַרטאָפלעס קאָכן שוין פרייליך, קומען אַריינצולויפן צוויי „דייטשלעך” אין קאַפעלוש־לעך... און גיבן אַ זאָג: אויב ער גייט נישט שוין אַרויסגעבן

זיי די תּבֿואה פון שפּייכלער, וואָס זיי דאַרפן שוין צושטעלן איבער דער גרענעץ, איז דער קאָנטראַקט אויס... ווי דער ייִד דערהערט דאָס, נעמט ער אַרויס דעם שליסל און וויל זיי אי־בערגעבן, אַז זיי זאָלן אַליין גיין זיך נעמען... איז דאָך אָבער אַ ווייב – אַ ווייב, נעמט זי שרייען: ווי הייסט אַליין, און אַז זיי וועלן נעמען דאָס, וואָס זיי דאַרפן נישט... ווי גייט מען נישט אַרויס אַ טריט פאַר דער שטוב אָנצוווייזן בלויז, מענטשן צו קיין טעות נישט צו ברענגען?... זעט דאָך דער מאַן, אַז דאָס ווייב טענהט גערעכט, מוז ער אָנצינדן די לאַמטער און מוז מיט זיי מיטגיין. און ווי ער קומט נאָר אַרויס איבער דער שוועל, פאַרלעשט זיך דאָס ליכט און ער ווייסט שוין נישט, וואו ער איז, נאָר די שדים פירן אים אריין אין אַ פּאַ־לאַץ, וואָס ער איז אינגאַנצן טונקל, די ווענט פאַרמרה־שחורהט, און אין מיטן פון דעם פּאַלאַץ זיצט איינער איינגעזונקען אין דער פּאָדלאָגע ביז צום האַלז און די באָרד זיינע שפּרייט זיך אויס איבער איר, ווי גרויס דער פּאַלאַץ איז. אַז דער האָט דעם ייִד דערזעען, גיט ער אַ געשריי, ציטערן די ווענט:

– צוואָנציק יאָר האָב איך אויף דיר געוואַרט. איבער דיר בין איך איינגעזונקען געוואָרן. נאָר איצט וועסטו שוין מער קיין מלווה־מלכּהס נישט אָפּריכטן...

און ער גיט נאָכאַמאָל אַ געשריי, דער אשמדאי, מיט אַ קול נאָך אַ העכערס, וואָס מען הערט עס פון איין עק וועלט צום צווייטן, און אַלע שלאַנגען, עקדישן, וואָס זענען נאָר דאָ אויף איר, זאַמלען זיך באַלד אין אַהער מיט אַ געצישעריי, אויסגעשטרעקטע העלזער, אויפגעהויבענע קעפּ אין דער הויך און די נאָדל־פּיסקלעך גלייך געווענדט קעגן ייִד, וואַרטנדיק נאָר אויף איין באַפעל.

– ווייסטו וואָס – זאָגט דער ייִד צום אשמדאי – איך זע

דאָך, אַז איך בין אַריינגעפאַלן אין דיינע הענט, טאָ לאָמיך כאָטש אָפּזאָגן נאָך עטלעכע פּסוקים פאַרן טויט און דערנאָך מאַן מיט מיר, וואָס דו ווילסט.

האָט אים דער אשמדאי דאָס דערלויבט, ווייל ער האָט געמיינט, אַז דער ייד וויל זאָגן ווידוי. אָבער דער ייד האָט אים אָפּגענאַרט און שטעלנדיק זיך אין אַ ווינקל, האָט ער אָנגעהויבן צו פאַרענדיקן די שבת-צו-נאַכטסדיקע זמירות, וואָס ער האָט אין דער היים אָנגעהויבן. און ווי עס איז געקומען צו די „אליהוס": אליהו הנביא, אליהו התשבי — מאַכט זיך אויף די טיר, עס לויפט אַריין אַ קליין, ברייט יידעלע, מיט אַ ווייסער באָרד און אַ שטעקן אין דער האַנט, און דערלאַנגט אַזאַ געשריי, אַז אַלע שלאַנגען טראָגן זיך אָפּ אין די ווינקלען אַריין און צום אשמדאי גיט ער אַ טופּ מיטן פוס: ווער האָט עס דיר דערלויבט? אַליין שוין גאָר אַ פּסקענער איבער דער וועלט, און קיין אויבערהאַר איז נישטאָ?!

אַז דער אשמדאי דערהערט דאָס וואָרט „אויבערהאַר", נעמט אים דער גאַנצער קאָפּ זיינער ציטערן, דער פּאַלאַץ הויבט אָן זיך טרייסלען, און דאָס יידל גיט אים נאָך דריי קלעפּ מיטן שטעקן איבערן קאָפּ אַזוי, אַז ער זינקט איינגאַנצן איין אין דער ערד מיט אַ יאָמערלעך געשריי; פון אַלע שלאַנגען און עקדישן ווערט גלייך אַש, און דעם ייד כאַפּט דאָס יידל אָן ביים אַרבל, גיט אים אַ פיר אַרויס הינטערן פּאַלאַץ, וואו ער רירט אָן די פיר ווינקלען מיטן שטעקן, ביז דער פּאַלאַץ זינקט אויך איין איינגאַנצן, און ערשט איצט דערזעט זיך דער ייד, מיט דער אויסגעלאָשענער לאַמטער אין דער האַנט, צוריק אונטער זיין טיר, וואו ער פּאַלט חלשות אויף דער שוועל, מיטן קאָפּ אין דער אויפגעפּראַלטער טיר אַריין. און ווען מען

דערמונטערט אים, מען ברענגט אים צוריק צו זיך, דערציילט ער ערשט די גאַנצע מעשה, וואָס מיט אים האָט פּאַסירט!—

— אַזוי — ענדיקט דער טאַטע — איז גרויס די מצווה פון הכנסת-אורחים, ווער שמועסט נאָך, אַז מען קאָן זיך פאַרגינען שבת-צו-נאַכטס, ביי דער מלווה-מלכה, צו זיצן מיט אַ גאַנצן מנין יידן ביים טיש.

דוידל שפּירט, אַז אויך זיין טאַטע וואָלט נישט געווען קיין אַנדערער ייד, ווי יענער, ווען ער קאָן נאָר, אָבער גאָט האָט אים נישט געהאָלפן דערויף, אויך די מאַמע צעגייט אַזש פון פיין:

וואָס וואָלט עס דעם רבונו של עולם געאַרט — טראַכט זי קוקנדיק אויפן טאַטן — אַז אויך דאָ-היינען וואָלט געווען אַזאַ שטוב, וואָס זאָל קאָנען גוטס טוען מיט מענטשן? זי וואָלט דאָך שוין אים, דעם מאַן, דעמאָלט נישט געיאָגט איבערצורייסן אין דער מיט די מצווה און גיין מיט די „דייטשלעך" געבן זיי די תבואה... היינט, מילא דאָס האַרץ איז פאַרביטערט, רעדט זי טאַקע, אָדער שווייגט אין בייזקייט, ווייל זי זעט דאָך, אַז די שטוב איז אומגליקלעך. אָבער דעמאָלט, דעמאָלט... נאָר עס שטעלן זיך איר באַלד טרערן אין די אויגן פאַר גוטסקייט, דערמאָנענדיק זיך, אַז ס'איז נאָך דאָ ערגערס אויף דער וועלט. גרעסערע צרות. וואָס וואָלט זי היינט געטון טאַקע אָן דעם זעקל קאַרטאָפלעס און אָן דעם ביסל האָלץ? אירע אויגן לייכטן אויף אין טרערן: זי איז נישט ווערט דעם חסד, וואָס ווערט מיט איר געטוען. און אין שטוב הייבט אָן אַרומצוגיין אַ זייער שטילער און אויפגערוימטער צער. דוידלס אויגן טרערן אויך דעמאָלט פון דער שטילער אויפגערוימטקייט, פון דעם בשלווה-דיקן אָטעם, וואָס דעם טאַטנס דערציילן האָט אַריינגעברענגט, און אַלע גיסן זיך צונויף, ווי אין איין שטילער געטריישאַפט.

יעדער טראַכט וועגן צווייטן און באַדויערט דעם צווייטן: די מאַמע — וועגן טאַטן, דוידל — וועגן דער מאַמע, און דער טאַטע — וועגן זיי ביידע.

— אָ, רבונא דעלמא כולא — זיצט ער פאַרטראַכט ביים אויוון — אַוודאי, ווען גאָט העלפט אים...

און אויך דוידל איז געצייגט ערשט צום טראַכטן: — אַוודאי, ווען גאָט העלפט אים...

און ער ווייסט נישט, פאַרוואָס אים קומט אויפן זין אַרויף יענער פריץ מיט דעם מיידל פאַרנאַכט אויפן טייך, ווי זיי גליטשן זיך אין דער האַלב־טונקלקייט, און ווי די צוויי שוואַרצע טיול־שאַרפן פליען איר נאָך הינטן. אָבער פון דעם גויאישן מיידל וויל ער נישט טראַכטן, בעסער וועגן גיטעלען... און זי, זעט ער, שטייט ביי איר אין גאָרטן הינטער דער שטוב, און ווי ער קומט צו איר צו און פרעגט זי, צי זי וועט גיין אַרויס אויפן פעלד. גיטעלע ענטפערט אים מיט אַ שאָקל דעם קאָפּ, אַז יאָ, און זיי גייען ביידע ביז צום עק פלויט, וואו ער העלפט איר אַריבערקריכן. אָבער דוידל ווייסט, אַז ער איז אַ יידיש יינגל און אַז ער מעג זי נאָר האַלטן ביי די שפּיצן־פינגערלעך, בשעת ער העלפט איר, נאָר זי אָנרירן אויפן קערפּערל טאָר ער נישט. זי שטייט מיט אים זייט ביי זייט אין פעלד, אויף יענער זייט פלויט שוין. דאָ צעגיסט זיך דאָס שפּילן פון אַ פויגל, וואָס טיקט זיך הויך אין הימל, און זיין שפּילן קומט ווי אַ סוד פון יענע הויכקייטן אַראָפּ און עס צעטרילט זיך אַזוי, ווי דער ציטער וואָלט זיך געהאַט אָפּגע־שטעלט און איינגעהערט זיך אין פויגלס שפּילן. פון דוידלס לאַנגען שטיין און איינהערן זיך דאַכט זיך אים, אַז אויך די פעלדער ווערן ווי איינגעשלאָפן פון מתיקות און אין די גרינגע טאָלן, אין אַלע נידעריקייטן דרינגט דאָס שפּילן אַראָפּ און עס

צעגיסט זיך איבער זיי. ווי אַ פּאַרסאָדעטקייט. אָבער אָך, ווען דוידל כאַפּט זיך אויף פון די געדאַנקען: וואָס קומט אים אַרויס פון זעען דאָס אַלץ, אַז פון דעם בלייבט גאָרנישט, און גיטעלע איז נישטאָ? אים נעמט אַרום אַ שטילער טרויער, ער דערזעט באַלד דעם צושטאַנד פון ביי זיך אין שטיבל, וואָס איז אַזוי ווייט פון דעם אַלעם, וואָס ער האָט נאָר וואָס געזעען און וואָס ער האָט דערוועגן נאָר וואָס געטראַכט, — אַז אים ווערט אַזש ענג אין האַלז. און אָט פּאַר דער דאָזיקער טבע זיינער, ווינטער ביי אַ געפרוירענער שויב צו זעען דעם זומער פונקט, ווי וואוינענדיק אין שטיבל צו פאַנטאַזירן נאָר וועגן פּאַלאַצן, קומט אים נישט איינמאָל אויס צו וויינען. ביי דוידלען ווערט אַזוי אויפן האַרץ, ווי אין אַ ווינטיקן טאָג פון סוף זומער דאָס אויפהעלן און צוריק פאַרטונקלט ווערן אין אַ שטיק פעלד, בשעת איבער דער זון יאָגן זיך וואָלקנס... צוויי גרויסע טרערן שטעלן זיך אים אין די אויגן און פאַרגיסן אים זיין זעען. אין אַזאַ צייט זעצט ער זיך צו נעבן דער מאַמען. ער פרעגט נישט וועגן שיין אָנטועכץ, וועגן גוט עסן, נאָר ווען ער וועט גיין צוריק אין חדר אַריין. די מוטער קוקט אויף אים דעמאָלט מיט רחמנות, זי ווייסט דאָך, אַז ער איז פון חדר אַנטלאָפן, אָבער זי פאַרשטייט, אַז אין דער היים איז אים גאָר שלעכט, און זי בלייבט זיצן שטיל. דוידל ווידער פאַרשטייט אויך איר וואונדערן זיך, און ער גיט דעמאָלט צו, אַז נישט אין דעם חדר, וואָס ער איז געגאַנגען, נאָר אין אַן אַנדערן וויל ער... ער בלייבט זיצן אין אַ שטילער פּאָזע, ווי אַ קינד, וואָס וויל זיך קווענקלען, און דער מוטער ווערט ווינד, קוקנדיק אויף זיין ערנסט. זי זעט, אַז ער איז טרויעריק, און כאָטש זי ווייסט, אַז זי קאָן אים נישט באַפרידיקן זיין פאַרלאַנג, פונדעסטוועגן פאַרגינט זי זיך נישט אים אָפּצוזאָגן, נאָר טרייסט אים:

— און אַן אַנדערן — זאָגט זי — אַז גאָט וועט העלפֿן, דער טאַטע וועט באַגליקט ווערן. אפשר צום זומער מען זאָל דערלעבן מיט געזונט.

אָבער דוידל פֿילט זיך נישט גאָר שטאַרק געטרייסט, ער האָט מורא צו פֿרעגן, פֿאַרוואָס דער טאַטע ווערט נישט באַגליקט, און פֿאַרוואָס איז ער ביז היינט נאָך נישט באַגליקט געוואָרן, און פֿונוואַנען ווייסט מען, אַז ערשט וועט ער עס שוין יאָ ווערן? ער הערט שמועסן אַלע מאָל וועגן גליק, אויך דעם טאַטן, ווען ער שווערט צוליב עפּעס. נאָר „פֿאַרוואָס, פֿאַרוואָס"? פּייניקט עס אים. אָבער פֿרעגן וויל ער נישט. עפּעס ווי ער וואָלט זיך געהיטן דאָס אָנצורירן, ווי מורא געהאַט די דאָזיקע ווערטער אַרויסצולאָזן פֿון מויל. און כאָטש ער וואָלט געוואָלט, אַז זיי זאָלן נאָך אויך אַמאָל וואויגען, ווי לוי דער תבואה-סוחר, אין שטובן גרויסע, מיט ווייסע גאַרדינען אויף די פֿענסטער, פֿונדעסטוועגן וויל ער דאָס נישט פֿרעגן. אַזוי זיצט ער באַלאָדן מיט שווערע געדאַנקען, האָט אַ סך צו פֿרעגן און פֿרעגט גאָרנישט. די מוטער, זעענדיק אים אַזוי זיצן, האָט פֿון צער און ווייטאָג אַ זיפֿץ געטוען און געזאָגט:

— וואָס זאָלן מיר טוען, מיר האָבן אונזערס נישט געקאַרגט. דיך געגעבן צו אַ מלמד אַ פֿרומען ייִד, וואָס זאָל דיך לערנען גאָט דינען, אלא דו האָסט נישט געוואָלט, וואָס זענען מיר שולדיק?...

דוידלען שטעלן זיך טרערן אין די אויגן, די מאַמע פֿאַרשטייט נישט, פֿאַרוואָס ער האָט נישט געוואָלט... און ווי דערוואַקסן ער האָט זיך אין דער מינוט געפֿילט, האָט ער פֿונדעסטוועגן זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן, אַז די טרערן זאָלן זיך אים נישט שטעלן אין די אויגן. אָבער ער וויינט נישט, ער הייבט נאָר בלויז זיין פֿאַרטרערטן בליק אויף צו דער מאַמען:

— נו, קריגט מען דען נישט קיין אַנדערן מלמד — פרעגט ער.

די מוטער קוקט אים אָן! ווי הייס איז איצט זיין באַגער צו לערנען. זי פאַרשטייט, אַז אַ קינד קאָן זיך מיישב זיין. עס איז אים דאָס ליידיק-גיין פאַרמיאוסט געוואָרן. זי קוקט מיט צערטלעכקייט אויף די טרערלעך, וואָס בלאַנקען אים אין די אויגן, אָבער העלפן קאָן זי אים נישט. זי ווישט זיי אים אויס און קאָן אים מער גאָרנישט זאָגן.

דעם צוזאָג אָנצוקומען אין חדר אפשר צום זומער האָט דוידל נישט געגלייבט: ווי קאָן עס דען די מאַמע וויסן פריער, איידער דער טאַטע ווערט באַגליקט? אָבער גרינגער אויפן האַרץ איז אים געוואָרן. דער מאַמעס געטרייסטאַפט, איר נאָענט זיין צו אים אין שלעכטע מינוטן, ווען דער טאַטע וואָלט זיך אפילו נישט אומגעקוקט אויף אים, מאַכט דוידלען פיל גרינגער און שטאַרקט אים.

„נאָר אויב ער וועט יאָ נאָך גיין אין חדר, אויב עס קאָן נאָך יאָ געשעענען אַזאַ נס, וועט ער אָפהיטן דאָס, וואָס ער האָט פריער געזאָגט — נישט צום זעלבן מלמד, נאָר צו אַזעלכן, וואָס וואוינט אנטקעגנאיבער יענעם: זאָל ער זעען, יענער רבי, אַז דוידל גייט יאָ אין אַ חדר, נאָר נישט צו אים"...

עס גיט אויף אים מיט איינמאָל אַ פּאָך מיט אַ קינדעריש גליק, און ער הייבט זיך שוין אָן זעען אין נייעם חדר: ווי דער רבי שטייט מיט אַ יאַרמעלקע אויפן קאָפּ, אַ פאַרטוּענער צווישן די תלמידים; אָבער ער, דוידל, קאָן שוין דעם שעור פון לאַנג, און דאַדורך דערלויבט אים דער רבי צו שטיין איצט ביי דעם אָפענעם פענסטער, איינער אַליין, און אַרויס-קוקן צו דער גאַס.

ער זעט, ווי אין אָפענעם פענסטער פון אַנטקעגנאיבערדיקן

רבין שטייט גיטעלע, אָבער אירע צוויי קאַרשן-אויגן מאַכן אים פאַרשעמט, און ער כאַפּט זיך באַלד אויף אין די געדאַנקען.

ער וועט נישט מער גיין דאָרט אַהין, אפילו צום נייעם רבין, און ער וועט נישט מער זעען זי, ווייל ער שעמט זיך פאַר איר... דען ביי אַ צווייטן מלמד, וואו די שויבן זענען פאַרגרינט און ס'איז נישט אַזוי ריין אין די שטיבן, וועט ער זיך נישט אַריינשטעלן אין פענסטער...

עס פאַרקלעמט אים ביים הערצל, און ער לייגט פאַר אומעטיקייט אַוועק דאָס קעפּל אויף דער שלאָף-באַנק.

VI

די איינציקע ליכטיקע טרייסט, וואָס פלעגט אין דעם שטיבל אַריינדרינגען, איז געווען דער שבת. צוזאַמען מיטן פרייטאָגצונאַכטס איז אויך געקומען די פרידלעכע רואיקייט. אַלע קולות פון אַ גאַנצער וואָך אַרום דעם שטיבל זענען גע-וואָרן איינגעשטילט. פון דוידלס פענסטערלעך פונקט, ווי פון די שכנישע, האָבן רואיקע פייערלעך אַרויסגעשיינט. אַן אויס-געשטערנטער הימל האָט זיך אויסגעשפּרייט, עס האָט אַ גרויסע וועלט אַראָפּגעסודעט פון דער הייך און מיט איר, האָט זיך געדאַכט, האָט יעדעס יידישע הייזל צוזאַמען מחשבות און דאַ-דורך שטייט עס אַזוי איינגעבויגן און פאַרטיפט שטילשווייגנדיק. דורך די ווענט האָבן זיך שטילע, דביקותדיקע ניגונדלעך גע-הערט, און טיילמאָל אויך אַזעלכע באַרמהאַרציקע ווערטער. אויך דוידלס פאָטער האָט דער דאָזיקער חשבון-הנפש נישט געמיטן חלילה. ס'איז די צייט פון באַהעפטן זיך מיט העכערע וועלטן. אַהיימקומענדיק פון דאַוונען, האָט ער אויף דער שוועל שטייענדיק, געקושט די מזוזה; אַראָפּ פון דער שוועל—האָט ער

זיך פאַרנייגט צו דער שטוב און געזאָגט „גוט שבת”. די מאַמע דוידלס איז אים שוין אַנטקעגן געשטאַנען, מיט אַן אויסגעליי־טערט פריש פּנים, אָפּגעוואַשן נאָך פון פריער לכּבוד שבת. זי האָט אויף אים געקוקט ווי אויף גאָטס אַ מאַן, אָבער דעם טעם פון שבת־זיסקייט האָט זי צוגעגרייט. ער איז טאַקע גע־גאַנגען אין שול אַריין, אָבער זי האָט דעם גאַנצן שבת „דורכ־געבראָכן”, פאַרטיק געמאַכט אים, און איצט פינקלט ער פון יעדן ווינקעלע אַרויס. אַ ליכטיקייט האָט זיך טאַקע איבער דער שטוב צעגאָסן. אויפן טיש האָט געפינקלט דער ווייַן, דאָס טישטיכל האָט שבת־נחתדיק צוגעדעקט די חלות, די ליכט האָבן געברענט אין די אויסגעפוצטע לייכטערס, און איבער אַלעם האָט זיך געפילט דער מאַמעס אָטעם, „זעט, ווי אַ שבת דאַרף ווערן איינגעאָרדנט”... האָט יעדע זאַך, סיי פון טיש און סיי פון שטוב געשמייכלט. און באמת האָט זיך די וואַרעמקייט און די צערטלעכקייט געטראָגן איבער אַלץ, פּונקט טאַקע, ווי די מאַמע וואָלט געוועזן אויסגעאָטעמט פון זיך אָט די גאַנצע ליב־לעכקייט. דער טאַטע האָט זיך אַ וואָרף געגעבן זאָגן „שלום־עליכם”. דאָס גאַנצע שטיבל איז פול געוואָרן מיט זיסע רוישנ־דיקע קלאַנגען, היימישע, ליבלעכע און דאָך ווייטע, פרעמדע, עפּעס ווי נישט דאָ אַהער וואָלט זיי דער טאַטע געזאָגט, נאָר צו אַ פרעמדער, אַנדערער וועלט, און פּונקט ווי צווישן געסט, נישט געזעענע, נאָר וואָס קומען אַראָפּ אין דעם דאָזיקן שטיבל אַריין, כּדי דאָס שטיבל צו באַשיינען, אַזוי האָט זיך דער טאַטע אַרומגעדרייט, מלאכים דערמאָנט, אויסגערעכנט, און גע־גאַנגען איבער דער שטוב אויף און אָפּ, און ביסלעכווייז זיך באַרואיקט פּונקט, ווי צווישן אייגענע...

נאָך דעם ענדיקן דעם „שלום־עליכם” האָט דער טאַטע, אָן מפסיק צו זיין, גענומען דאָס קאַרפינקעלע ווייַן, מיט אַ פול

גלעזל, וואָס ער האָט געהאַלטן אויף דער האַנט־פּלאַך, מיט פֿאַרמאַכטע אויגן, האָט ער קידוש געמאַכט, די מאַמע בײַ זײַן זײַט האָט מיטגעזאָגט שטילערהייט, ערנסט, ווי מען ציילט אַ שנירל פּערל — ביז דער טאַטע האָט געענדיקט, אויפֿגעמאַכט די אויגן, און נאָך דעם ערשטן זופּ, וואָס ער האָט געטוען, איר דאָס גלעזל מיט דעם רעשט ווײַן איבערגעגעבן. מיט אַ שטיליטשקער באַשיידנקייט, מיט ערנסטע ליפּן, ווי אַ מאַמע, וואָס ווייסט אויך ווי אַזוי דעם הייליקן שבת אונטערטעניק צו זײַן, האָט זי עטוואָס אָנגענעפּט אויף דעם ראַנד פֿון גלעזל און עס איבערגעגעבן ווײַטער דוידלען. איצטער האָט זיך אָנגעהויבן דער פּאַראַד־צוג צום וואַשן. פּאָרויס, ווי דעם טאַטנס אַ שטאַפּעט, איז די מאַמע געגאַנגען פֿאַר אים, פֿירנדיק אים צום וואַשן זיך דאָרט, וווּ ס'איז געשטאַנען אַ קיבעל מיט אַ שעפּ אויף אַ לאַנג הילצערן בענקל. בײַ דער זײַט דערפֿון, נענטער צו דער טיר, אויף אַ נידעריק קלעצל — דאָס שאַף, אַז אַרום און אַרום איז געווען אויסגעשיט מיט געל שבתדיק זאַמד, וואָס האָט צוגעגעבן אַ שבתדיקן חן דער גאַנצער שטוב נאָכדעם, ווי בײַטאָג איז דאָ געווען אַ גרויסע אומאָרדענונג מיט אַן אָנגעשפּריצטער פּאָדלאָגע, ווי נאָך אַ פּריײַטאָגדיקן טאָג.

דער טאַטע האָט גענומען די שעפּ אין די האַנט, באַטאַפּט איבערן ראַנד, צי זי האָט נישט געקריגן אַ ריץ אין דער הייך די וואָך, צי איז זי נאָך כּשר צו מעגן זיך וואַשן מיט איר. ער איז געווען זיכער, אַז מיט איר האָט אַזאַ מכשול נישט געטראָפֿן, נאָר אינדערוואָכן, ווען אַ ייִד באַזוכט זיך נישט אַלעמאָל אין די געדאַנקען וועגן זײַן פֿרומקייט, באַטאַפּט מען נישט די שעפּ, וואָרום אַזאַ אָפּגעהיטענע פֿרומקייט איז אַ לוקסוס, איז נאָר פֿאַר ייִדן, וואָס עסן פֿון גרייטן און קלערן גאָר ווי אַזוי צו פֿלעגן גאָטס מצוות און שטיצן זײַן תּורה —

דוידלס פּאָטער אָבער וויל נאָר כאָטש איינמאָל אין דער וואָך אום שבת, ווען מען וואַרפט פון זיך אַראָפּ דעם יאָך פון פּאַר־קויפט זיין, פון גציעג, פילן דעם טעם, וואָס עס הייסט אַן אָפּגעהיטענער ייד. ער נעמט אָן וואַסער און נאָך איידער ער האָט אויסגעגאָסן דעם ערשטן שיעור אויף דער ערשטער רעכ־טער האַנט, שטייט שוין די מאַמע מיט אַ קלאָר, ווייס האַנטוך אויפן אַקסל גרייט הינטער אים. די מאַמע איז פול מיט שיי־נענדיקייט, וואָס זי קאָן די הייליקע מצווה באַדינען, ווייל דאָ גייט עס נישט אין דעם טאַטן, נאָר אין דעם שבת מיט זיינע אַלע געננ. דאָס בלוזקעלע אירס מיט די פעלדלעך זענען אויסגע־קראָכמאַלעט אַזוי, אַז יעדעס שטייט באַזונדער. אונגאַנצן איז עס ווייס ווי שניי. פון דעם פעכלט אַרויס דער מאַמעס קלאָר געוואַשענער האַלז, און פון איבער איר אַקסל — דאָס האַנטוך. דער טאַטע דרייט זיך אויס צו איר מיט אויפגעהויבענע הענט, וואַרפט זי אים דאָס האַנטוך אויף זיי אַרויף, און ער דערהייבט זיי נאָך העכער צו „שאו־ידיכם", און פאַרגלייזט די אויגן צום בעליק ביי די דאָזיקע ערשטע צוויי ווערטער. דעמאָלט פירט זי אים צוריק צום טיש, וואו ער באַזעצט זיך, און עס הייבט זיך אָן אַ פייערלעכע מינוט מיט אַ טיף שווייגן. דער טאַטע הייבט אויף די חלות פאַר גאָט. מיט אַרויפגעצויגענע אַפּלען אונטער די ברעמען שטייט ער אַזוי אַ סעקונדע מיט די חלות אין די הענט און איז עפּעס מכוון ביי זיך אונטערן שטערן, ווי אַ שטייגער ער וואָלט ערשט אַ קרבן געבּרענגט, דערנאָך לאָזט ער צוריק די חלות איבערן טיש, און די פון דער רעכ־טער זייט דערהייבט ער איבער דער פון דער לינקער, אַלס די אויבערשטע. ער טוט עפּעס אַ שאַר איבער איר מיטן מעסער, ווי ער וואָלט איר, דער חלה, אַ וואָרענונג אָנגעזאָגט, אַז ער גייט זי שניידן... וואָרום גלאַט שניידן, גלאַט צוגיין

מיט אַ מעסער אין דער האַנט, איז עפּעס נישט קיין יידישע זאַך — און דעמאָלט ערשט שניידט ער זי אויף מיט גרויס דביקות. די מאַמע כאַפּט באַלד אונטער מיט איר ערשטן בליק, ווי אַזוי די חלה זעט אויס אינעווייניק. דער טאַטע איז פאַרטועַן, ט׳ינקט אַ שפּיץ פון דער אָפּגעשניטענער חלה אין קלאָרן זאַלץ־מעסטל, ברענגט אַראָפּ דעם ערשטן ביסן, און נעמט אָפּשנייַדן פאַר דער מאַמען אַ „מוציא״ איבער דער גאַנצער ברייט פון דער חלה, און דערנאָך אויך פאַר דוידלען. נאָך די ערשטע ביסנס ווייזט שוין די מאַמע אָן דעם טאַטן מיט אַ שיינענדיקן בליק אויף דער ווייסקייט פון דער חלה אינעווייניק: אויף דער גע־יוירנקייט און אויך אויף דער געברוינטקייט פון אויבן, אויף וואָס דער טאַטע איז מסכים מיט אַ שאָקל פון קאָפּ. ער זאָגט אַז „יאָ״, און ער פילט זיך ווי שוין אַ באַזעסענער, אַן איינ־געבירגערטער אין דעם שבת. ערשט איצט הייבט זיך אָן אַ לייכטער אָפּאָטעמען, נאָך דער פריערדיקער אָנגעשטרענגטער פאַרטועַנקייט, פון דער הייליקער שבת־פרומקייט. דער טאַטע באַקומט אַן אַנדער אָנבליק: ער האָט זיך נאָר וואָס צוריק צו־געבונדן צו די היימישע שטוב־זאַכן. די מאַמע ווידער פאַרגינט זיך שוין אַ שטאַרקערן באַוועג צו געבן, אַ העכער וואָרט צו רעדן. און ווען זי וויל אויפשטיין פון טיש, אויפגעבן די פיש, איז זי שוין אינגאַנצן פריילעך. נאָר דער טאַטע בעט זי, אַז זי זאָל זיך נישט איילן, נישט צו יאָגן מיטן עסן אויפגעבן: אדרבא — זאָגט ער — וואָס לענגער עס ציט זיך דער טיש, מער נחת, מער שבתדיקער תענוג, מער פילט מען זיך, אַז מען איז אַ ייד, און ער וויל אָנהייבן די זמירות. נאָר די מאַמע וויל עס נישט, ווייל זי ווייסט דאָך, אַז אין זינגען שווימט ער אַוועק און פאַרגעסט גאָר אינגאַנצן אָן טיש... און זי וויל דווקא, אַז ער זאָל זען, ווי פיין די פיש זענען געראָטן: אי געפע־

פערט צום טעם, אי געזאַלצן נישט צופיל, אי מיט צוקער, אי זיי זענען האַרט, כאָטש צוקער מאַכט לויז: נאָר זיי האַלטן זיך צוליב דעם, ווייל זי האָט מער אייער אריינגעטוען, און אויך ווייל זיי זענען טאַקע גוט געראָטן אין קאָכן. דער טאַטע לאָזט זיך איבעררעדן און וואַרט אָפּ, ביז די מאַמע ברענגט צו די פיש, און אַך, ווי גוט זיי זענען טאַקע, האָבן טאַקע די אַלע אויסגערעכנטע מעלות. דער טאַטע טינקט בנעימות אַ שטיקל חלה אין דער כמעט נאָך וואַרעמער, פרישער פיש-יויך, וואָס האָט אייגלעך, ווייל די מאַמע דערציילט, אַז שמאַלץ איז אין זיי געווען קלאָרע, גאָך קלערער, ווי פון אַ גאַנז, און אַז די פרישקייט און רויטקייט איז זיי געלעגן אונטער די אויערן, אַז עס האָט פאַרשמעקט די שטוב ביים האַקן זיי, כאָטש קיין מאַנדלען האָט זי דאָס מאָל נישט אריינגעטוען, ווייל זי האָט פאַרזעען און פאַרטוען פון זיי צופיל אין די חלות... ערשט דערנאָך נעמט זיך דער טאַטע זינגען, די ליכט ברענען פייערלעך, קנאַקן צו, און די גאַנצע שטוב ווערט פול מיט פרייד און מיט שבתדיקער גוטער געמיטלעכקייט. ערשט ווען דער טאַטע כאַפּט זיך אויף פון זינגען, שטייט שוין די מאַמע נאָך פון פריער מיט אַן אָפּגעצילעט אויג און זאָגט: אברהם, איך גיי שוין אויפגעבן די יויך. דער טאַטע באַגיטיקט עס, און אויפן טיש אַרויף באַווייזן זיך באַלד קלאָרע, ריינע וואַזעלעך, ביז צו די ראַנדן אָנגעפילט מיט געלער, הייסער פליסיקייט. אַ לייכטע פאַרע גייט דעמאָלט אויף פון זיי, אָבער זייער אַ דיניטשקע, צוליב דער איידלקייט פון דער מאַטעריע, וואָס איז אין די שיסעלעך. און אויך צוליב דער הייסקייט. עס בלישטשען אַרויס פון זיי די אייגלעך, ווי באַגילדעטע פון שטראַלן פון רובינען-שיין. עס שפיגלט זיך אין זיי אָפּ דאָס קאַרפינקעלע ווין מיט די גלעזלעך די שבת-פלעמלעך מיט די לייכטער,

און אפילו אויך דער מאַמעס פּנים און דער קלאָרער האַלז. מען עסט שטיל פון די לעפל, מען הערט דאָס פייער קנאַקן פון די פלעמלעך, עס פאַלט אַן אָנגעגעבעמע שטילקייט, ענלעך צו אַ שכּרות, און אַזוי עסט מען אָפּ, ביז עס פאַלט אַ זאַטע מידקייט, אַ זיסע שטילקייט איבער דער שטוב. ווען דער טאַטע שטייט אויף, העלפט אים די מאַמע שוין צו, זי העלפט אים אַראָפּציִען די קאַפּאָטע, און ער שטייט און וואַקלט זיך מיט זיס-צוגעמאַכטע אויגן אין מיטן שטוב — זי פירט אים דערנאָך אויך צו צום בעט, וואו זי הייסט אים לייגן זיך שלאָפן; און אַזוי געצערטלט, און אַזוי נישט אימשטאַנד אַליין עפּעס צו טוען, נאָר צו לאָזן זיך פירן ווי אַ קליין קינד, זעט דער טאַטע דעמאָלט אויס, און פון די אויגן זיינע טריפט די מידיקייט, און זי הענגט אַראָפּ פון אַלע גלידער און פון קאָפּ פונקט, ווי שווערע פרוכט אין אַ סוף זומער פון אַ שווער באַלאָדענעם בוים.

ערשט דעמאָלט גייט די מאַמע אַליין אין דרויסן אַרויס דעם לאָדן צו פאַרמאַכן. זי שטייט נאָך אַ ווײַלע אונטער דער וואַנט, אַ הייליקער ציטער, וואָס שניידט די לופט אַדורך, שמידט זי צו צום אָרט. אברהם משולם דעם איינבינדערס קול שוועבט נאָך אַזוי שפּעט אין דער נאַכט. זיין שטיל און טיף געזאַנג פון אַ בוידעם-שטיבל גיסט זיך צונויף מיט די שטערן. אויס-געפלאַסטערט קוקן זיי אַראָפּ מיט אַ טיפער הייליקייט. אָט אַזוי האָט אויך אַמאָל אין אַ פרייטאָג-צו-נאַכטס גאָט געלויבט דעם קאָזשעניצער מגידס פאָטער, און אין זכות פון הייליקן, דעם שבת, איז ביי אים דער מגיד געבוירן געוואָרן. ווען די מאַמע קומט אַריין פון דרויסן, איז זי פאַרחלומט אין געדאַנקען, ברענגט מיט זיך מיט די פרייטאָג-צו-נאַכטסדיקע שטילקייט, און זעט, ווי מיד דער טאַטע שלאָפט שוין אין דעם קלאָר-איבער-

געצויגענעם בעטגעוואַנט אין בעט. אָט אַזוי האָבן אַמאָל אויס־געזעצן די שבתים ביי דוידלען.

היינט אָבער, אָך, אין וואָס פאַר א מעמד דער שבת האָט עס דוידלס שטוב געטראָפן: נאָך דאָנערשטאָג פאַרנאַכט איז דער טאַטע געזעסן מיט אַ פאַרקלערטן שטערן און בליק אַנטקעגן די געל־מאַטע, מיט פראָסט באַלייגטע שייבלעך: „ווי־דער קומט אָן דער שבת"... נישט קיין פרייד איז דאָס מאָל דעם שבת׳ס צוטרעטן, נאָר אַ טיפע זאָרג. דאָס, וואָס אַמאָל— ווען מען איז אַ גאַנצע וואָך געווען פאַריאָגט—האָט שוין דער דאָנערשטאָג געגעבן צו פילן די פרייד, ווייל דער שבת רוקט זיך אָן, דער טייערער גאַסט, —איז עס היינט געוואָרן אַ לייד. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ פיינלעכע שטילקייט. אַלע מאָל פון דאָנערשטאָג ביינאַכט אָן האָט זיך שוין געפילט איבער דער שטוב דער ריח פון נאַמן פיש־שאָבעכץ, צעשניטענע ציבעלעס, קין, ווייל דער פרייטאָגדיקער טאָג איז קליין און מען קאָן נישט מיט אים אויסקומען—היינט אָבער פילט זיך אַן אויסגעלעקטקייט. אַ ווינט גייט אין שטוב אַרום, און אין טאַטנס שווייגן און אין דער מאַמעס בלייבן זיצן ליגט אַ פאַרקלעמטקייט. מען מיידט זיך אויס אָנצוקוקן, נאָר פון צייט צו צייט הערט זיך פון דער מאַמעס ווינקל אַרויס אַ זיפץ. דער טאַטע זיצט אַ פאַרשטאַרטער. דאָס פנים געל, און ער ווייסט נישט אויף אירע קרעכצן וואָס צו ענטפערן. אָט אַזוי האָט דאָס מאָל געטראָפן דער ערב־שבת די שטוב.

דוידלען נעמט אַ שטאַרקע בענקשאַפט אָן. פרייטאָג צו ליכט־בענטשן פילט זיך אַ קבר־שטילקייט אין שטיבל. מיט אַ צעקנוידערט כאַלאַטל און אין „מעשטעס" אָבגעשניטענע פון כאָלעוועס, שטייט דער טאַטע אויף פון פאַרן אויוון, אַ וואָכע־דיקער, אָדער נאָך ערגער: ווי נאָך אַ שבעה... ער וואַשט זיך

די הענטביים קיבעל, טומ איבער די קאַפּאָטע, דאָס איינציקע פּאַרמעגן, לכבוד שבת, און שטעלט זיך אין אַ ווינקל אַריין דאַווגען. דאָרט שטייט ער אַרומגעגאַרטלט מיט אַ פּאַטשיילעכל, און דאָרט אויך גלייכט ער זיך ערשט אויס דאָס היטל אויפן קאָפּ...

נישט אזוי אָבער איז דוידל געוואוינט געווען צו זעען אַ פרייטאָג פאַרנאכט. דאָס וואָרט „חנה-מלכה”, אָט דער ליב-לעכער נאָמען פון דוידלס מוטער, האָט היינט נישט געקלונגען פון טאַטנס מויל מיט אַזאַ צויבער. פרייטאָג נאָכמיטאָג, ווען ער פלעגט אהיימקומען פון גאַס מיט ברייטקייט, ווי איינער, וואָס האָט אַ גאַנצע וואָך „וועלטן איינגעריסן”, די שטוב צו באַזאָרגן, וואָס פאַר א גליק שוין בלויז דער אריינקום איז גע-ווען. „חנה-מלכה, גיב מיר אַ העמד און לאָמיך גיין אין מרחץ אריין”—האָט מען פון זיין מויל נישט געהערט. קיין שום זכיות אויפצווייזן האָט ער נישט, אַז „איצט איז שוין זיין צייט גע-קומען ארומצוקוקן זיך אויך וועגן זיינע זאַכן”... „דער שבת קודש קומט שוין אָן און אַ ייד איז מען”... ניין, די „זכיה” האָט ער היינט נישט געהאַט... און דאָס וואָרט „חנה-מלכה” האָט היינט נישט געקלונגען... „אַ גאַנצע וואָך פאַר דער שטוב און שבת-פאַר גאָט...—האָט זיין בליק זיך היינט נישט געקאָנט גרייסן. אויך האָט דער מאַמעס קול היינט נישט געענטפערט מיט דער ווייכקייט און דער ליבשאַפט, ווי צו א בן-יחיד:

— גיי, אברהמעשי, אליין צום קופּערט, דו זעסט דאָך, אַז איך בין פאַרטועז... אָדער: זע דאָרט, אויפן בעט ליגט שוין אָנגעגרייט...

ווער שמועסט נאָך, אין אַ זומערדיקן, אָדער פאַר פּסח-לייכט-ווערטערדיקן פרייטאָג, ווען דער טאַטע איז שוין געקומען צוריק פון מרחץ. דעמאָלט האָט די מאַמע געוואוסט, ווען דער

טאטע איז נאָך הינטער דער טיר געווען, אַז ער גייט שוין צוריק... מיט אַ שכן אין דרויסן האָט ער זיך נאָך פאַרן פענ־סטער אָפּגעשטעלט; אַ שכן חאָט געדאַרפט געניייטיק עפּעס פרעגן.

— דו ווייסט נישט, אברהם, ווי די וואָך איז מיט קעלבער געווען אין וואַרשע?...

— אוי, נישט גוט! —האָט דער טאַטע אים געענטפערט.

— און מיט פוטער און עופות?... — איז יענער געבליבן שטיין פאַרחידושט, און דער טאַטע האָט אויף דעם אויך גע־ענטפערט.

אזוי האָט דער טאַטע, כאָטש ער האָט נישט געהאַנדלט מיט דעם אַלעם און זעלטן געפאָרן קיין וואַרשע, געוואוסט אויף אַלץ אַן ענטפער צו געבן, און דער שכן פלעגט אים נאָך לאַנג ווען אָפּהאַלטן פאַר דער טיר. אָבער די מאמע האָט שטענדיק פאַראיבל, אז „אפילו אין שטוב אריין אָפּעסן לאָזט מען אים נישט גיין"... איז שוין געשטאַנען און געפּילנעוועט די מינוט, ווען ער וועט אריינקומען. זי איז אים גלייך אנטקעגן געגאַנגען, געוויזן אים, ווי ס'האָט פרישערהייט די שטוב פאַר־שמעקט און געבעטן זיך ביי אים, אַז ער זאָל נעמען אַ לעפל פערפל...

דער טאַטע האָט דעמאָלט אַ שמעק געגעבן אין דער לופט דעם ריח פון פארפרעגלעכטס, ווי אים האָט זיך אויסגע־מאָלט, אַ בליק געוואָרפן איבער די שויבן, צי ס'איז נאָך צייט פאַר שבת... גענומען די שעפּ צום וואַשן די הענט, און די מאמע איז שוין געלאָפן אויפגעבן, אומגעוואַרט אויף ענטפער.

אָט די אַלע זיסקייטן געדענקט ערשט דוידל, און אַ קעלט אַ פראָסט, און דער עיקר אַ ליידיקייט, רינגלט אַרום זיין נשמה, קוקנדיק איצט אויפן טאַטן מיטן פאַטשיילעכל אין זיין ווינקל... זיין פנים אין דעם ווינקל קנייטשט זיך איצט, וו

פארמעט, און איז פארשוויגן. באַצערט זעען אויס די פעלדלעך אין ביידע זייטן מויל. ווי איז ער אָבער געווען דערפרישט, און פון צווישן די ברעם־הערעלעך האָבן ארויסגעקוקט, ווי בלישטשנדיקע דימענטלעך, וואַסער־שפּראָצעלעך, פארבלאָנדזשעטע פון באָד, אין די פריערדיקע פרייטאָגן. היינט אָבער איז מער נישטאָ דאָס אַלץ, און ווי איינגעקנייטשט זעט אויס דער טאַטע. די מוטער דרייט זיך שוין אויס צוריק פון ליכט־בענטשן איבער די פיר חלבנע ליכטלעך, און די לייכטערלעך שטייען זיי פאַר־שטופּט מיט שטיקלעך קויל, אַז זיי זאָלן זיך בעסער האַלטן אין די רערלעך. זי דערזעט דעם טאַטנס שטאַנד אין ווינקל, אַ מאַן אין אַ פּאַטשיילעכל, אימשטיינס געזאָגט... און אין די אויגן פארגייט איר אַ טונקלקייט־ ווער שמועסט, אַז זי גיט נאָך אַ קוק פארן אויוון, וואו דער טאַטע איז געזעסן אַ גאַנצע וואָך — און איר דאַכט זיך, אַז אַ גרוב איז דאָרט אויסגעזעסן געוואָרן...

זי זיפצט אויס אַ „געלויבט ביסטו גאָט דערפאַר", ווייל זי שפירט, אַז ס'איז שבת, און זי ווייסט נישט, וואָס מיט זיך צו טוען ערשט. זומער גייט זי פאַר דער טיר, שמועסט מיט איינער, מיט אַ צווייטער שכנה, ביז דעם מאַנס צוריקקומען פון שול, ווינטער — קוקט זי דערווייל נאָך אַמאָל אונטער די שטערצלעך פון די טעפּלעך אויפן הייסן קוימען, — היינט אָבער זענען די שויבן באַפּעלצט און אויפן קוימען ליגט די קאַלטקייט און אויסגעלאָשנקייט־ זי זיפצט נאָך אַמאָל אָפּ אויף דעם מאַנס שטיין אין ווינקל: „אָט, דאָס איז דאָס פאַרגעניגן"...

דער טאַטע גייט אויס „שמונה־עשרה" און זעט, אַז דוידל שטייט נעבן אויוון און דאַוונט, זאָגט ער אים:

— דוידל, גיי צום טיש מיטן סידורל.

אָבער אין שטוב בלייבט עפּעס אַ שטילקייט הענגען, נאָך

זיין קול, אין דער לופט... עס דאַכט זיך, ווי ער וואָלט פאַר־לוירן די שליטה אויף זיין הייסן... איצטער, ווען ער איז גע־גאַרטלט אין אַ פּאַטשיילעכל... דוידלען ווערט אַזש אַ רחמנות און ער פּאָלגט אין דער מינוט.

די מאַמע קוקט גישט מער אין טאַטנס זייט... ווייזט אויס, אַז עס געפעלט איר גאָרנישט דעם טאַטנס שאַפן זיך... און אין דער שטוב ווערט, ווי אַ שפּרינג־פעדער וואָלט אַ צי־טער געטון אין דער לופט און פארגאנגען אין אַ שווייגן, אי־בערלאָזנדיק נאָך זיך אַ דין טענדל פון אַ—נאָכקלינגען... אַזוי דערציט זיך שוין ביז קבלת־שבת.

דוידל שטייט ביים טיש, אָבער ער דאַוונט נישט, זיין טרויער איז גרעסער. ער טראָגט זיך אַריבער צו אַ צווייט טרויעריק בילד. ער זעט פאר זיך יאָסעלעס געשטופלטע שווע־סטער, וואָס האָט קיין חתן נישט, און זי וויל אים, דוידלען, שלאָגן. אָבער דוידל איז איצט זיינס מוחל. ער ווייסט נישט פאַרוואָס, און אַ רחמנות נעמט אים אָן ווענן איר שטיקל אַרויסגעזעצענעם פּנים קעגן דער לבנה.

— „פאַרוואָס האָט זי אים געוואָלט שלאָגן?... — פילט ער ווי אַ רחמנות ערשט צו איר בלאַסן און אַליין דערשראָקענעם פּנים. כאָטש פאַרשטיין קאָן ער נאָך ווייטער נישט, וואָס דע־מאָלט איז פאָרגעקומען. נאָר ער פילט, אַז עפּעס איז מיט איר דעמאָלט נישט גוט געווען. אויך אהרעלע טשאַפּ, זיין צווייטן חבר, קאָן ער נישט פאַרשטיין, נאָר אויך אים איז ער איצט מוחל. עס טוט אים האַרציק באַנג און עס ווייטאָגט אים פאַר זיין צייט, וואָס ער האָט דעמאָלט צוליב אים פאַרבראַנגט אין דרויסן. איצטער אָבער, ווען ער דערמאָנט זיך אָן זיין אייגע־נעם שטאַנד, אָן זיין טאַטנס הולך, צוזאַמען מיט די „נאַריש־קייטן", וואָס ער, דוידל, גייט נאָך... צעברעכט עס אים נאָר

דאָס הערצל. אין די פלעמלעך פון די ליכטלעך זעט ער דעם אומעט פון דער שטוב. זיי שטייען, דאַכט זיך פונקט, ווי קליינע קינדער, „פיר שוועסטערלעך"... טרויעריק האַלטן זיי זיך ביי די הענטלעך, פאַרקלערט אין דער שטילקייט און אַריינגעטועט אין מחשבות פון דער שטוב...

דוידל וואָלט נאָך געשטאַנען לאַנג אַזוי פאַרטראַכט, דעם טאַטנס קול אָבער באַמקעט אַרויס, ווי אַ זשום פון אַ פליג. „שלום-עליכם!"... און עס הערט זיך דער אומעט איבער דער שטוב. דוידל כאַפּט זיך דעמאָלט אויף און דערפילט ווי אַ שרעק, ווען ער דערזעט, אַז ער האָט נאָך גאָרנישט געדאַוונט. ער האַלט ערשט ביי די ערשטע זייטלעך. אַ ווייטאָג נעמט אים אָן פאַרן מוזן איבערמישן אַ סך בלעטלעך אויף איין מאָל, אָבער ער מוז שוין, כּדי ער זאָל נישט בלייבן הינטערשטעליק. „לכו נרננה", געדענקט ער, האָט ער שוין געזאָגט, ווי אין חלום... מישט ער איבער צו די סאַמע וויכטיקסטע ערטער, צו „שמע ישראל" — ווייל „לכה דודי" שעמט ער זיך שוין צו זאָגן, און נאָכדעם גייט ער שוין צו צו „ויכולו השמים והארץ" פון דער „שמונה-עשרה".

באַלד האַלט ער גלייך מיטן טאַטן ביי „שלום-עליכם", אָבער דאָס סידורל שרייט, דאַכט זיך, צו אים: גנב, האָסט אונז, שבתדיקע אותיות, באַגנבעט! אויך דאָס קול לייגט זיך אים איצט נישט צום דאַוונען. גיכער וואָלט עס געוואָלט זיין אין צער און אין ווייטאָג פונקט, ווי ביים טאַטן, אין ווען עס שפירט זיך היינט אַ סך יסורים. אַלץ איז אייגעשרומפּן אין זיך פונקט, ווי אין שטוב וואָלט אַרומגעגאַנגען אַ ווינט, און דוידלען שטעלן זיך די טרערן אין די אויגן. שטיל קרעכצט דער טאַטע אָפּ דעם „שלום-עליכם". עס שפירט זיך, אַז דאָס מאָל איז די שבתדיקע הייליקייט נישט געקומען, און אַז זי

האָט נישט נאָכוואָס דאָ צו זיין. און קאָן זי דען דאָ קומען און קאָן זי דען ווערן אויפגענומען דאָ, ווי אין אַ וואַרעמער ליכטיקער שטוב? צי איז דען די מאַמע אַזוי פריילעך און איר פּנים זיס-שמייכלענדיק, אויפגערוימט, ווי אָן אַנדער־שמאָל? האָט דען דער טאַטע געהאַט דאָס אייגענע פאַרדבקעטע, אַריינגעטועטע, ברענענדיקע קול, וואָס אין אַלע יענע שבתים? ניין, די מאַמע זיצט אין איין ווינקל, דער טאַטע שטייט אין צווייטן, און ער ווייסט גאַנץ גוט, אַז צום שבת האָט ער היינט קיין העזה נישט. וואו איז ער דען געווען אַ גאַנצע וואָך, וואָס האָט ער דען געהאַנדלט, געקויפט און פאַרקויפט?—גאָרנישט. פון וועלכע מרחקים איז ער דען געקומען צו פאָרן, אויף וועלכע שיפן גאָלד און זילבער געבערענגט געלאָדן? מען זעט, ווי דעם טאַטנס אויגן זענען פינסטער, זיי זענען דורכגענומען, ווי מיט אַ שוידער פון קעלט, דאָס פּנים איינגעשרומפּן, די פּלייצעס איינגעבויגן, דער שטערן געצרונצלט: „נישטאָ קיין שבת". דער טאַטע פאַר־קוועטשט די אויגן, פאַרגייט אין אַ נישט-היימלעך טראַכטן. וואָס קאָן ער טראַכטן, דער טאַטע? „אַז אפילו די מלאכים הייבן אים שוין אָן אויסצומיידן"... דער טאַטע שרומפּט איין, איז זיך מיאש און ענדיקט מיט אַ זיפץ? „מסתמא דאַרף אַזוי זיין"...

ער האָט אַפילו שטילערהייט נישט געזאָגט „גוט שבת"... סיידן נאָר במחשבה, אויף וואָס די מאַמע האָט ממילא נישט געהאַט צו ענטפערן. דוידל גלייבט אָבער, אַז אין דער מחשבה האָבן זיי עם ביידע אין זין, ווייל פון יידישקייט זאָגט מען זיך חלילה נישט אָפּ... אויס יידיש קינד—וועט די מאַמע חלילה נישט ווערן צוליב דעם פאַרשטערטן שבת... — פאַלט דוידלען פּלוצלינג איין אַ קינדערשער געדאַנק. אָבער דאָס שווייגן אַליין פאַרמערט דעם טרויער. די מאַמע הייבט אינגאַנצן נישט אויף

די אויגן, זיצנדיק אין איר ווינקל, ווי אַ חלום שיינט עס נאָר צו זיין, אַז דאָס זעלבע פּנים איז אַמאָל געווען פריילעך. דער טאַטע שטייט נאָך אַ ווײַלע, נאָכדענקנדיק פּונקט, ווי אין דער לופט וואָלט עפּעס געהאָנגען. דער מאַמעס שווייגן ווערט אַ סיבה, אַ גורם צו נאָך אַ גרעסערער שטילקייט. דעם טאַטנס בליק ווערט אָבער נישט אַנדערש, אויך דער מאַמעס נישט... אַביסל אין צער פאַרטראָגן, ווי פאַרבלאָנדזשעט, גייט דער טאַטע צו צום קיבעל, זיך וואַשן, אויפן קאָפּנבערטל פון בעט הענגט כמעט אַ פּייכט האַנטוך, דעם „שאו-ידיכם" הערט מען אים אויך כמעט נישט זאָגן, נאָר פאַרטראַכט קוקט ער אויף די ליכטלעכס ברענען... עס הערט זיך זייער טריפן און אין שטוב איז שטיל, און מיט אַן אָנגעצויגענעם שטערן לייגט דער טאַטע דאָס האַנטוך אַוועק און גייט קוים צום טיש. מיט פאַרטראַכטקייט מאַכט ער אַ „המוציא" איבער איין חלהלע, גרויס ווי אַ פייגעלע! אַ כזיתל, אַ כּבֿרלע... דערנאָך — שטיל, גלייך ער וואָלט אַ געפּאַלנקייט באַגאַנגען, קײַעט ער דעם ביסן. אויך דוידל וואַשט זיך, קײַעט אַ שטיקל, און קוקט זיך נישט מער אום, וואָס איבער דער שטוב טוט זיך, נאָר זיצט אין זיך פאַרזונקען. ער הייבט נישט אויף צום טאַטנס פּנים קיין אויג, און שווייגנדיק קוקט ער האַרט אין שטיקל טיש אַריין, וואָס ליגט אים אונטער דער נאָז. אָבער אויך דאָס זעט ער נישט — ער זעט נאָר איין מחשבה, עפּעס אַ קלעפּעדיקע, אַ פינסטערע, וואָס ציט זיך, ווי סמאָלע, און וואָס האָט קיין שום מחשבה נישט אין זיך, און וואָס איז גאָר אַליין קיין מחשבה נישט. נישט נאָר ביי אים אין קאָפּ איז אַזוי, נאָר די גאַנצע שטוב. די גאַנצע לופט, און אפשר אויך די גאַנצע וועלט, איז אַזעלכע. ער איז אין דעם צושטאַנד, ווען געדאַנקען פאַרלאָזן זייער היכל נאָכדעם, ווי עס קומט אָן דער אומעט, די „שוואַרצע פּרינצעסין"...

אויס מחשבה, ס׳איז אַלץ אַזוי ליידיק און הויל, נאָר אַ נשמה אַ וויינענדיקע, אַ פאַרקלערטע, אַ באַטריבט־פאַרטראַכטע, האָט זיך באַזעצט, נישט נאָר אין מוח, נאָר אין גאַנצן וועלט־רוים, ווי אַ וואָלקן וואָלט זיך איבער דער שטוב געלייגט, אַזוי זיצט אויך דער טאַטע, און זעט אויס, ווי אַ שאָטן פון אַמאָליקן טאַטן. אויך די מאַמע, שפּירט דוידל נישט אומקוקנדיק זיך, איז פאַרגליווערט אַזוי, אין אַ צער, וואָס הענגט איבער איר איינגעהילט...

נאָר פּלוצלינג – אַ שאָרך רייסט איבער די שטילקייט פון הינטן. דוידלס אויער פאַרנעמט דעם שאָרך פון דער מוטער. מען הערט שוין דייטלעך אַ פּאָר לופט אָפּשיפּיעכצן פונקט, ווי די לופט וואָלט זיך פונאַנדערגעגאַנגען פון אַ קלעם און ס׳איז גערוימער געוואָרן... די מאַמע קומט צו פון הינטן, אַביסל יויך, צוזאַמען מיט אַ קעלבערן אָפּגעקאָכט פיסל, אין אַ שיסעלע... זי האָט עס אַרויפגעשטעלט אויפן טיש, און צוריק איז זי אַוועקגעגאַנגען פון דאַנען שטיל צו איר אָרט, און עטוואָס איז געוואָרן פרייליכער. אַ גריל האָט אויך אָנגעהויבן צוצושפּילן פון הינטערן קוימען אַפּער, און דאָ, אין דעם שיסעלע, גייט אויף אַן עטוואָס ווייסלעכע פאַרע אַנטקעגנאיבער די ברענענדיקע ליכטלעך, וואָס די פלעמלעך שטייען שטיל פאַרקלערט, ווי מיט אַ ישוב־הדעת...

– „וואָס שטייען זיי אַזוי?“ – פאַרקוועטשט דוידלען נאָך אַמאָל אונטערן הערצל, אָבער ס׳איז שבת, מען טאָר נישט וויינען...

– וואָס וויינסטו, דוידל? – דערהערט ער פּלוצלינג אַ קול, און ער בלייבט דערשראָקן פונקט, ווי דער בעליק וואָלט אויף אים אַראָפּגעפאַלן.

דאָס איז נישט געווען דער מאַמעס קול, עס האָט זיך אים נאָר געדאַכט...

VII

דוידל האָט אָבער געהאַט אַ נייגונג צו חלומות, וואָס דאָס פֿלעגט פֿון אים אַ תּל מאַכן און פֿאַרפֿירן אים אין שאול תּחתּית. נישט איינמאָל האָט ער זיך געזעען אין די טיפֿסטע אומגליקן, — עפּעס אַזעלכע שוואַרצע אָפּגרונטן פֿלעגן זיך פֿאַר אים אויסשפּרייטן, טיילמאָל אויך אַזעלכע ליכטיקע וועלטן, אַז ער האָט פֿאַר קיין פֿאַל נישט געוואוסט, וועלכע איז די אמתע וועלט, די פֿון די חלומות, אָדער די פֿון דער וואָך. אָבער אויך אין דער וואָך האָט ער זעלטן געוואַכט. איינמאָל האָט זיך אים געחלומט אַ חלום, אַז ער און זיין פֿעטער בײַנושעס ייִנגל שטייען אין אַ זומער באַגינען בײַם ברעג פֿון טײַך און הינטער זיי זעען די לאָנקעס און די גערטנער מיט די פּלויטן. דער טאָג האָט זיך נאָר וואָס געעפֿנט און אַרום איז שטיל און ליידיק. אָבער אָט ווי זיי שטייען אַזוי האַרט בײַם וואַסער און קוקן אויף זײַנע געשליפֿענע פּאַליעס, וואָס יאָגן זיך צום ברעג, דערזעען זיי ביידע, ווי פֿונווייטנס, איבערן טײַך הייבט זיך אָן צו בערגלען דאָס וואַסער מיט עפּעס אַ געבלאָזנקייט און אויפֿגעהויבנקייט, ווי עפּעס וואָלט דאָס וואַסער געוואָלט זיך אויפֿשטעלן. און פּלוצלינג, זיי דערזעען פֿונדערווייטנס, ווי עס הייבט זיך אויף פֿון אונטערן וואַסער אַפֿער אַ וואַסער־מענטש, דער קאָפּ איז געווען אַ ווילד גרויס געשטאַלט מיט האָר, — קוקנדיק מיט פּנים צו זיי, האָט ער אָנגעהויבן צו לייגן קלאַפּ־טער אין וואַסער, אָנמאַכנדיק אַזאַ געשפּריץ מיט די הענט בײַם רייסן זיך פֿאָרויס צו זיי, אַז דוידל האָט זיך שוין געשפּירט פֿאַרלוירן, וואָרום נאָך איין מינוט — און דער וואַסער־מענטש וועט זיי האָבן דערגרייכט. דעמאָלט ווייסט נישט דוידל, וואָס עס האָט זיך מיט אים געטון, נאָר ער האָט זיך דערזעען

פלוצלינג ~ לויפנדיקן, צוזאַמען מיטן פעטער ביינושעס יינגל, און ווען ער איז געקומען צום געדאַנק, זענען זיי שוין ביידע געשטאַנען פאַרן לעצטן פלויט, צווישן וועלכנס בלייזן פון אין דער ברייט געלייגטע לאַטעס זיי זענען אַדורך אויף דעם ברייטן זאַמדיקן שליאַך, שוין נאָענט ביי דער שטאָט. דאָ איז דוידלען ליכטיקער געוואָרן, און דאָס געמיט האָט זיך אים באַרוואיקט, און ווען ער איז אַרויפגעקומען אויף דער בריק, דערזעט ער גאָר, אַז ס'איז היינט יום־טוב, די זון שיינט מיט אַ שיינעם רויטלעכן קאָליר, ווי אין די ערשטע נאָכמיטאָג־שטונדן, און זיין טאַטע און נאָך אַ סך יידן שטייען דאָ פונקט, ווי צו „תשליך"... דוידל האָט זיך אויסגעמישט צווישן די יידן און באַהאַלטן זיך אונטער זיין טאַטנס קאַפּאָטע, האָבנדיק דאָס געפיל שוין פון געזיכערטער רעטונג. אָך, וואָס פאַר אַ פרייד עס איז געוועזן צו אַנטרינען פון אַזאַ שרעק און צו בלייבן געראַטעוועט מיטן לעבן. אָט אַזעלכע און ענלעכע חלומות האָבן זיך דוידלען געדאַכט נישט איינמאָל, און ער פלעגט שיער אומקומען פאַר שרעק.

איינמאָל האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער שטייט פאַר זייער שטיבל אַרום איינס ביינאַכט אין זומער־צייט. ס'איז אַ שטילע לבנה־נאַכט, און ווי אין שניט־צייט איז די נאַכט ווייך און די לבנה שיינט נידעריק פאַרוואָרפן אויף דרום־זייט. ביי דער וואַנט פון זייער שטיבל, סאַמע ביים פונדאַמענט, בלישטשן בלאָלעכע קליינע שטיקעלעך גלאָז מיט אַזאַ שטילקייט, און אָט, אַז ער האָט אויפגעהויבן די אויגן איבער דער ווייטקייט, דערזעט ער פלוצלינג גיטעלע דעם רבינס שטיין איבער די שפּיצן פון וואַלד־פּאַס... ער האָט זיך אַזוי פאַרחידושט אויפן אומבאַוועגלעכן שטיין אירן און אויפן פּנימל. זי האָט געהאַט אין זיך אַ גאַנצר וועלט שווייגן איינגעזויגן, און קיין ריר האָט זי־

זיך נישט געטוען פונקט, ווי זי וואָלט געווען פון וואַקס אויס-געגאָסן. ער איז צוגעצויגן געוואָרן צו איר נענטער, און ער האָט זי גאָרנישט געפרעגט, נאָר אַליין געזען, פאַרשטאַנען און געפילט, אַז זי איז עפּעס אין אַ טיף אומגליק. און אָט, ווערט ער באַלד אַריבערגעטראָגן אויף אַן אַנדערן פּלאַץ. ער זעט, ווי זיין רבי און די רביצין זיצן ביי זיך אין שטיבל איינגעהילט אין טרויער. ער פרעגט זיי, וואָס דאָ איז, און זיי זאָגן אים: גיטעלע איז געשטאָרבן...

— ניין!—האָט זיך דוידל אַ ריס געגעבן מיט אַלע כּוחות—זי איז נישט געשטאָרבן. זי לעבט!—און עס דאַכט זיך אים, אַז ער איז ביי די גזלנים אין וואַלד, אָט ביי די אַלע, וועגן וועלכע ער פלעגט שטענדיק טראַכטן און מורא האָבן מיט אַלערליי שרעקן אין דער וועלט... שטייט ער איצט פאַר זייער הייל, וואָס איז פונדערווייטנס, אונטער אַ גרינעם, נישט גאָר שטאַרק משופּעדיקן באַרג, נאָר אַ ברייטן.. און ביי דעם צו-פּיסנס פון באַרג, דערזעט ער גיטעלען שפּאַצירן איינע אַליין, ער גייט צו איר צו און ער פרעגט זי:

— גיטעלע, וואָס טומטו דאָ?

— אָט דאָ בין איך... — גיט זי אים אַ צייכן, און אירע אויגן קוקן שטיל און טרויעריק און האַלטן זיך פרעמדלעך פון אים. אין דער רגע האָט אים אַ טיפער טרויער אָנגעכאַפּט ביים האַרץ, ער האָט פאַרשטאַנען, אַז זי איז דאָ ביי די גזלנים און אַז זי האָט זיך מיאש געווען פון צו קאָנען קומען שוין מער צו אירע עלטערן... דוידלען האָט די דאָזיקע ביטער-קייט אַדורגעדרונגען, און ער האָט איר געזאָגט: „לאָמיר אַנט-לויפן"... אָבער וואָס, ווי אַזוי, האָט ער געפילט זייער ביידנס אומבאַהאָלפנקייט, ווייל אַז מען זעט אויס אַזוי טרויעריק, איז מען מסתּמא שוין פאַרפאַלן... נאָר אָט האָט זי, ווי דורך אַ

בישוף, פלוצלינג אירע הענטלעך צו אים אויסגעצויגן, און ער דערזעט זיך מיט איר שוין אויף אן אַנדערן פלאַץ, וואו דער ביז איצטיקער חלום האָט שוין מיט דעם גאָר קיין שייכות נישט.

ער דערזעט זיך מיט איר זיצן ביי א ראָוו, גאנץ ווייט־לעך פון שטאָט, ביי א זייטיקן וועג, ס'איז פארנאכט, ביי זונ־זעצן, ווען די זון איז שוין גרויס ווי א ראָד און פייערדיק, און עס זעט זיך שוין דער שטויב פון דעם ערשטן פי־אַהיימ־טרייבן פון די פעלדער... ווען די פי מיט דעם זייל שטויב הייבן זיך אָן צו דערנענטערן, שטייט דוידל דעמאָלט אויף מיט גיטעלען, און ביידע גייען גלייך אין שטאָט אריין, אָנגע־נומען ביי די הענט.

ווי נאָר זיי קומען אין דער ערשטער גאַס, קוקן נאָך זיי נאָך די שכנים פונקט, ווי זיי וואָלטן געווען ערשט פרעמדע דאָ אין שטאָט... ווען ווי זענען אָבער צוגעקומען צו איר פאָ־טערס הויז און אריין דאָרט אַהין, האָבן זיך דער מוטער גע־שטעלט אַזעלכע ליכטיקע פערל־טרערן אין די אויגן, וואָס קומען געוויינלעך נאָר נאָך אַ גרויס אומגליק און נאָכן איבער־לעבן א טיפן צער. ערשט דאָ האָט זיך דוידל דערמאָנט, אַז, אייגנטלעך, האָט ער דאָך גיטעלען ערשט פון די גזלנים גע־ראַטעוועט... און ער האָט געזעען, ווי דער רבי פּאַקט זיך איין אַ פעקל, נעמט דעם טלית און תפילין מיטן שטעקן און זאָגנ־דיק: איך בין נישט ראוי דאָ־הינען צו זיין... איז ער ארויס פון שטוב, איבערלאָזנדיק דאָ אַלץ צו דוידלס רשות... און דאָ האָט זיך דוידל אויפגעכאַפּט. די דאָזיקע סצענע איז געווען פאַר אים אזוי ריירנד, אַז ער איז אַ לאַנגע צייט געלעגן און געטראַכט: וועלכע איז אייגנטלעך די אמתערע, די בעסערע וועלט, און וועלכע וואָלט געדאַרפט זיין דיווירקלעכע, צי די,

אן וועלכער ער איז באַוואוסט געוואָרן און קיינער האָט אים זיין עוולה נישט צוריק באַגיטיקט, אָדער וואָלט זי געדאַרפט זיין די און אַזוי, ווי ער האָט זי ערשט געזען אין חלום... וואו די גערעכטיקייט ווערט באַלוינט און די שולדיקייט — באַשטראָפט...

אָבער דער דאָזיקער חלום איז געשען אַ קליינע צייט נאָכדעם, ווי ער האָט אַוועקגעוואָרפן דאָס חדר, נאָך פאַראַיאָרן זומער, און ער האָט שוין מער נישט געזען גיטעלען. איצטער אָבער אין דעם דאָזיקן פרייטאָג־צו־נאַכטס, אין וועלכן מיר טרעפן דאָ דוידלען, האָבן זיך אין אים צעשפּילט יענע מאָמענטן, וועלכע, ווער ווייסט ווי אַזוי, האָבן זיך דורך דעם דאָזיקן יאָר אָנגעטוען אין אַנדערע, פאַנטאַסטישערע פאַרבן, און ער האָט זיי אָנגעהויבן זען אין דער ווירקלעכלייט, אָדער ווייניקסטנס האַלב אין דרעמל, האַלב וואַך.

אָט שטייט ער ווידער, איינער אַליין אונטערן פענסטער, פון זייער שטיבל, ווידער איז אַזאַ ווייכע, שטילע נאַכט און די לבנה איז פאַרוואָרפן אויף דרום — אָבער וואָס פאַר אַ רייכקייט פאַרכאַפּט ערשט דאָס אויג, ווען ער זעט, לויט דעמאָלט, גיטעלעס שטיין אויף די שפּיצן־ביימער. דער וואַלד אין לבנה־שיין, זעט אויס, ווי אַ זילבערנער דיוואַן אויסגעשפּרייט, און זי שטייט און זעט גאָרנישט, און איר פּנים איז איינגעהילט אין אַ גרויס ליכט.

— וואָס איז דאָס? — האָט דוידל קוים ווי אין האַרץ דערוואַכט, און ער איז צוגעגאַנגען נעענטער, כדי נאָך בעסער זיך איינצוקוקן.

ער האָט געזען, איר פּנים איז טרויעריק, איר קאָפּ — אומבאַוועגלעך, און אים איז קלאָר געוואָרן אַ גאַנץ בילד, וואָס

האָט אַ שייכות נאָך פון זיין ערשטן חלום צו דעם, וואָס ער זעט איצט אין דערווירקלעכקייט...

ווי שוין וויסנדיק איצט וואָס דאָ קומט פאָר, אָבער ווי דאָס וואָלט שוין מער קיין חלום נישט געווען, איז דוידל אויך דאָס מאָל, אַזוי האָט זיך אים געדאכט, אוועק צום מלמד אין שטיבל אריין, איצט שוין אויף א וואָר... כדי צו קאָנען זיען דאָס ווייטערדיקע, וואָס אים האָט זיך געדאַכט אמת צו זיין, אָדער וואָס ער האָט, ווייניקסטנס, געוואָלט, אַז עס זאָל אַזוי זיין...

— וואָס איז מיט אייער גיטעלען? — האָט ער געפרעגט.

די מוטער, האָט זיך אים פאָרגעשטעלט, ווי מיט אַן איינגעהאַלטן געוויין אין האַלז, און דער פאָטער, דער מלמד, האָט אַ בורטשע געטוען אין דער באָרד אַריין, ווי ער וואָלט זיינעם אַ שונא דערזעען...

דוידל אָבער איז אומעטיק געשטאַנען זיין וועג, ביז די רביצין האָט אים ביי אַ האַנט אָנגענומען און אריינגעפירט אין דעם צווייטן שטיבל, וואו ער פלעגט זיצן און זיך לערנען שרייבן. דאָרט האָט זי אים איר האַרץ אַנטפּלעקט:

— זע, — האָט זי געזאָגט — מיין אומגליק!... — און זי האָט זיך אין דער שטיל צעכליפּעט, העשנדיק מיט דער גאַנצער ברוסט.

דוידל איז געוואָרן אַזוי אַדורכגענומען, ווי פאַרשטיינערט און האָט נישט געוואוסט, וואָס איר צו ענטפערן.

— זי איז נישט געשטאָרבן... — האָט ער איר געזאָגט און, פאַלנדיק דער רביצין אויפן האַלז, האָט ער גלייך מיט איר געוויינט. דערנאָך, ווען דוידל האָט זיך אויסגעווישט די טרערן, האָט ער ווידער געזאָגט:

— אויב, איך וועל זי אין דריי טעג אַרום נישט צוריק-

ברענגען, וועט איר וויסן, אַז אויך מיט מיר האָט אַן אומגליק פּאַסירט און איך וואָלט עס דעמאָלט איבערגעבן מייגע עלטערן, אַז זיי זאָלן נאָך מיר שבעה זיצן...

אַזוי האָט זיך דוידל געזעגנט מיט דער רביצין, וואָס זי האָט ער זייער געליבט אַלס גיטעלעס מוטער און אויך דערפאַר, וואָס אַ שטענדיק רחמנות צו אַלע אַרום איז געלעגן אויף איר פּנים אויסגעגאָסן, פּונקט אין היפּך צו דעם רבינס שטרענגען פּנים און שטענדיקע אָנגערוקטע ברעמען—וואָס זענען ווי אַלץ געווען אַ שונא...

אָט אויף דעם דאָזיקן שוין אָנגעגרייטן פּלאַן פון לאַנג, וואָס איז ביי דוידלען געלעגן אייגנטלעך שוין פון פאַראַיאָרן זומער אָן, באַלד נאָך יענעם ערשטן חלום, האָט זיך דוידל ערשט געלאָזט גיין פון שטאָט אַרויס, אַריינקומענדיק גאַנץ טיף אין וואַלד...

און וויווירקלעך דער גאַנצער וועג, אויף וועלכן ער האָט זיך ערשט געדאַרפט געפונען, איז אים געשטאַנען פאַר די אויגן. אָט זעט ער ווי קלאָרע שטראָמען פון זאַמד-שניירלעך, טייל ברייטע ווי צעפּ און נאָך גרעסערע, וועלכע עס האָבן אויסגעשפּרייט פליסנדיקע וואַסערלעך אויף דעם וועג און, אָט באַלד איז ער שוין אין טיפן וואַלד, פונוואַנען מען זעט שוין בישט קיין אָנהייב, נאָר אַרום און אַרום, הויכע, אַלטע ביימער און געדיכטער שאָטן, אין וועלכן עס שטייט ווי איינגעהילט יענער שרעקלעכער באַרג, וואָס די הייל געפינט זיך אונטער אים. ער דרייט זיך דערווייל אַרום איינער אַליין, דוידל, און שפּירט זיך ווי ער וואָלט אָפּגעוואַרט גיטעלען, וואָס דאַרף, מוז זיין, אומבאַדינגט, באַלד אַרויסקומען... ווייל זי, מוז זיין, ווייסט שוין אויך, אַז ער וואַרט דאָ אויף איר.

און ווי ער שטייט דאָ, אָדער שפּאַצירט, טיילמאָל, זיך

איבער הין און צוריק, עטלעכע טריט נאָר, צווישן בוים און בוים, אזוי ווי מען וואַרט איינעם אָפּ... דערזעט ער פּלוצלינג גיטעלעס אויבערשטן האַלבן טייל קערפּער, אַפּערקומענדיק פון אונטער דער צווייטער זייט באַרג, און, אָט, דערזעט ער זי שוין אינגאַנצן, ווי זי קומט נענטער אַהער מיט אירע דראָבנע טריט פון אונטערן קורצן קליידל, נאָר שפּאַצירנדיק, ווי זי וואָלט אים גאָרנישט געזעען. גייט ער צו איר צו און פרעגט זי:

— גיטעלע, בענקסטו גאָרנישט אַהיים?

ערשט איצט דערזעט ער, ווי טרויעריק זי איז, ווען זי הייבט אירע אויגן אויף.

— וואָס זאָל איך טוען פאַר דיר? — פרעגט ער זי ווידער אזן ער זעט, ווי גרויסע טרערן שטעלן זיך איר אין די אויגן און רינען אויף איר באַק אַראָפּ. זיי שווייגן אַ מינוט, צי צוויי, ערשט דעמאָלט הייבט זי די אויגן אויף איבערן באַרג, ווי זי וואָלט אים געוואָלט זאָגן, אַז דאָרט היט מען זי...

— דו ווילסט מיט מיר נישט אַנטלויפן? — פרעגט ער זי. זי לאָזט נאָך האַסטיקער טרערן און שווייגט אַראָפּלאָזנדיק די ברעמען צו דער ערד.

דעמאָלט נעמט ער זי אָן ביי די שפּיצן פינגערלעך און זאָגט איר:

— קום!...

און אָט, ווי דאָס גראָז איז הויך, דער וואַלד שאָרכט שטיל און פון אויבן בלאָזט אַריין אַ שטיל ווינטל איבער די שפּיצן ביימער, בשעת זיי ביידע לויפן שוין, דערזעט ער ערשט איר ליכטיק געשטאַלט, די הערעלעך, וואָס גלעטן איר דאָס אויער און די פון פאָרנט, וואָס צערטלען איר שטערן, ווערנדיק צעבלאָזן פון ווינטל. אירע אויגן גליען שוין ערשט און דאָס פּנים איז פאַררויטלט און עס שלאָגט אַ היץ. אָבער ער שטעלט

איר אָפּ דעם גיכן לויף, אָננעמענדיק זי ביי אַ הענטל, ער וויל ניש, אַז זי זאָל ווערן צו שטאַרק דערמאַטערט אין איר לויף, ווייל ערשטנס איז זי אים אַ שאָד און צווייטנס, ווייל זי וועט אָפּשטיין און זיי דאַרפן נאָך אַ גאַנצן טאָג לויפן, ביז זיי וועלן אַרויסקומען פון וואַלד... ער זעט, ווי גיטעלע איז דער־שראָקן און ער קלערט איבער וועגן נאָכרייטן פון די גזלנים, אויב זיי וועלן זיך אויפכאַפּן און דערזעען, אַז גיטעלע איז נישטאָ... דעמאָלט זענען זיי ביידע פאַרלוירן. אָבער ער קאָן ביי זיך נישט פועלן, גיטעלען צו לאָזן לויפן אַזוי ווי ער וואָלט געקאָנט, ווייל ער איז אַ ייגגל און איז פלינק, און זי איז אים אַ שאָד. פרעגט ער זי, צי זי וויל זיך נישט צוזעצן ביי דער זייט וועג, אָפּצורוען? אָבער זי דרייט מיטן קעפּל אויף ניין, אַז זי וויל נישט, ביז זיי וועלן נישט אַרויסקומען פון וואַלד.

אַזוי זעט דוידל אויסצופילן די בלייזן פון דעם אַמאָליקן חלום, וואָס האָט זיך אים שוין לאַנג געחלומט, נאָר האָט צוליב די איבערשפּרונגען פון איין בילד צום צווייטן, פאַרפעלט. די באַציאונגען צווישן אים און גיטעלען, איז נישט מער געווען, ווי די נשמה פון צווישן זיי ביידע, אומאָנגעטײַען אין רעאַלע פאָרמען, רמזים און איבערהאַקונגען אָן צוזאַמענהאַנגען.

אָבער איצט, ווען דוידל אַליין „מייסטרעוועט" איבער דעם חלום זיינעם, וואָס האָט זיך אים געחלומט מיט אַ יאָר צוריק און איז געלעגן טיף אין אים פאַרבאָרגן און געוואַרט, ביז ער זאָל קומען צו זיך אין דער גאַנצקייט, האָט אים דוידל איצטער, אַדאַנק דעם חלומס לאַנגען שלאָפן, ביז דוידל זאָל ווערן עלטער מיט אַ יאָר, געקאָנט אים טאַקע גאָר אַנדערש אויסשטעלן.

דאַדורך, ווען דוידל האָט זיך איצטער דערמאָנט אָן

יענעם זיצן מיט גיטעלען אונטער דער שטאָט פאַרנאַכט ביי זון-זעצן, ווען די פּאַסטוכער טרייבן שוין אַהיים די פי, ווי עס האָט זיך אים געחלומט אין זיין יענעם חלום, האָט דוידל ערשט איצט דערכאַפּט, אַז אייגנטלעך האָט דאָרט געדאַרפט צוקומען נאָך איין מאָמענט, וואָס דאָס זאָל שליסן דאָס זיצן דעמאָלט אונטער דער שטאָט, מיט דעם בילד פון די גזלנים אין וואַלד, ווי איין גאַנצן חלום. אָט דעם מאָמענט האָט דוידל ערשט אַליין צוגעמאַכט, אָדער, „צוגעמייסטרעוועט" אין יענעם אָרט אַריין, וואו אין חלום האָט ער געפעלט...

פונקט איז ער מיט גיטעלען, נאָך אַ גאַנצן טאָג אַנטלויפן פון די גזלנים, אַרויסגעקומען פון וואַלד אין סאַמע פאַרנאַכט... אמת, אַז קיין פּאַסטוכער האָבן זיי איצטער גראָד נישט גע-טראָפן, אָבער דערפאַר די זון-זעצן פונקט, ווי דעמאָלט, יאָ. אירע לעצטע שטראַלן האָבן זיך געהאַט צעגאָסן נאָר הויך אין רוים, בשעת די גראָזן אויפן פעלד האָבן שוין געהאַט אַ מורמל געטוען אין דעם ווינטל, וואָס האָט איבער זייערע קעפּלעך דורכגעצויגן, צום שלאָפן גיין. אין פּורפּור האָבן זיך פּוכענע שטילע וואָלקנדלעך געהילט, און די דעכלעך פון דוידלס שטעטל, וואָס ער האָט פונווייטנס געזען, האָבן זיך שוין געהאַט צו-בויפגעקופּעט, בשעת ערגעץ אויף אַ הויכן שפּיץ בוים האָט זיך אַ קליין ביסעלע רויטקייט געזעגנט מיט דער וועלט אין פאַר-נאַכטיקן שווייגן.

אָבער ווי ד.ידל איז אַ מייסטער אין צומאַכן מאָמענטן צו אַ חלום און „אויסלאַטן" אים ווי עס געהער צו זיין, איז דער חלום אָבער אַ גרעסערער מייסטער פאַר אים, אומגעהויער נישט צום פאַרגלייכן, און ער האָט דוידלען געוויזן אַזוינס, פון וואָס ער האָט געמעגט שטוינען... אָט שוין האָט ער דער-זען באַשיינפערלעכע אויפגערעגטע פּנימער פון אַ סך גזלנים,

ברענענדיקע אויגן, מיט אויפגעשטעלטע וואָנסעס, וואָס שטעכן, און איינער, דער עלטסטער מיט אַ זילבערנעם פּאַס איבערן אָרעם, האָט געזאָגט:

— קינדערלעך, וואָס האָט זי אונז אָפּגענאַרט, מיר, וואָס האָבן אונזער גבורה אַוועקגעשענקט פאַר איר פונקט, ווי שמשון פאַר דלילהן, צום סוף האָט זי אונז אָפּגענאַרט...

און ער האָט ווייטער געזאָגט:

זעט, קינדערלעך, צעשפּרייט זיך איבערן וואַלד און קוקט נאָך, איבער וועלכן שפּיץ בוים אַ וואָלקנדל וועט זיך אָפּ־שטעלן און אַראָפּקוקן אויף אים, זאָל מען זי זוכן... קאָן זיין, אַז זי האָט זיך דאָרטן פאַרשטעקט פאַר אונז.

אָבער מען האָט זי נישט געפונען.

— דאָס קריגל ווייַן, וואָס שטייט אונטערן באַרג — האָט דער עלטסטער געזאָגט — זאָגט עדות, אַז זי איז שוין נישט מער ביי אונז. וואָרום, ווען זי וואָלט דאָ געווען אַ גאַנצן טאָג, וואָלט עס נישט געבליבן אומבאַרירט... אויך דאָס פליייש, וואָס מיר האָבן פאַר איר אַרויסגעשטעלט, וואָלט זיך ערשט נישט געוואַלגערט אין די גראָזן, צעשלעפּט פון די פייגל...

און באַלד איז געוואָרן אַזאַ אויסמישן זיך פון פנימער מיט פנימער פון גרויס אויפרעגונג פון די גזלנים, אַז עס האָט אויסגעזעען ווי אַ שטורם הייבט זיך אָן אין דעם פינסטערן וואַלד... אָט אַזאַ בולטקייט פון געשטאַלטן, אויסדרוק פון אויפ־רעגונג און אימהדיק געשרייעריי, ווי פון לעבעדיקע מענטשן, האָט נאָך דוידל ביז דעמאָלט נישט געהאַט אויפגעפּאַסט, אַז אַ חלום זאָל דאָס קאָנען געבן, און ער איז געלעגן אַ באַטויב־טער און אַליין נישט געוווּסט וואָס צו טראַכטן, צי איז ער איצט נאָר וואָס געשלאָפן און געחלומט, אָדער האָט זיך אים דאָס אַלץ געדאַכט אין וואָך?—

דוידל האָט זיך קוים באַרואיקט, נישט דערקלערנדיק בײ זיך, צי האָט ער דאָס לעצטע בילד געזעען שוין אין שלאָף, אין אַ רגע, ווען ער האָט געכאַפּט אַ דרימל אין מיטן טראַכטן, אָדער נאָך אין וואַך? וואָרום באמת איז ער געווען אַזוי פאַר־טראָגן אין דעם, אַז ער האָט נישט געפילט, צי איז ער דעמאָלט געשלאָפן, אָדער האָט ער געוואַכט. אָבער ווייטער, פון דעם מאָמענט אָן האָט ער זיך שוין קלאָר געדענקט, אַז ער וואַכט און טראַכט נאָך אַלץ איבער דעם לאַנגסטיקן חלום, און, וויפיל דאָס לעצטע בילד האָט אים אַביסל צעטומלט, האָט אים דער־פאַר די ענדע פון דעם דאָזיקן חלום אינגאַנצן אויסטערליש אַ הנאה געטוען, איבערהויפּט, וואָס דער פאָטער מוז באַלד פאַרלאָזן די שטוב, ווי נאָר ער מיט גיטעלען קומען צוריק בשלום, געראַטעוועט פון די גזלנים...

— אָט דאָ האָט איר צוריק אייער טאָכטער, און ווייטער, פאַרלאַנג איך מיין שכר, אַז דער רבי זאָל פאַרלאָזן די שטוב...

אָבער פאָרט איז אַ חלום אַ בלינדע זאַך. קיינער טאָר נישט צופיל גלייבן אין זיין גוטסקייט, ווייל מען ווייסט נישט, ווי אַזוי ער וועט זיך נאָך ווייטער וויקלען. דוידל איז אינגיכן איינגעשלאָפן, איצט שוין אויף אַן אמת, און אָט, וואָס אויף דעם באָדן פון דעם דאָזיקן לאַנג־געשעענעם חלום און איצטיקן פרישן נאָכדענקען פון דוידלען וועגן אים און איבערמייסטרע־ווען אים, איז אויסגעוואַקסן פון־דאָס־ניי.

ער שלאָפט. דאַכט זיך אים גאָר, אַז ער שטייט איינער אויף אַ פעלד אונטער דער שטאָט. אַ זילבער־צעגאָסענע לבנה־נאַכט איז. נישט נאָר וואָס די לבנה שיינט מיט שטראַלן, נאָר עס צעגיסט זיך ווי אַ זילבער־טייך איבער זיין קאָפּ. פון דער לבנה ציט זיך ווי אַ זילבערנער שטעג ביז אַראָפּ אויפן פעלד. אַלץ איז הערלעך... אָבער איין קלייניקייט: דאָרט אויף דעם

שטראַלן-שטעג אויבן, שפּילט זיך אַ מיידעלע מיט אַ בלאָנד קעפּל אונטער דער לבנה, שטיל, אַז עס גליווערט דאָס בלוט. די פּיסלעך, ווי זילבערנע, אין זילבערנע פּאַנטאָפּעלעך, הענגען אַראָפּ פון אונטער אַ לייכט, קורץ שטראַלן-קליידעלע... דאָס בילדל איז אַזוי פּאַרנינפטיק צום זעען, ווי רואיק, ווי שטיל און פרידלעך עס זעט אויס די גאַנצע נאַכט אַרום. אָבער, אָט, גיט זיך אַ קליינטשיקן וויג דאָס בילדל אין דער הייך, ווי עס וואָלט זיך עטוואָס אַ רוק געגעבן פון זיין געוויינלעכן אָרט, און עס הייבט אָן מיט אַ לייכטקייט צו גיין אַראָפּ, אַראָפּ. אָט דער פּראָצעס פון דעם לאַנגזאַמען שוועבן האָט דוידלען אינגאַנצן צוגעשמידט צו זיך, וואָרום ער האָט נישט געוואוסט, וואָס דאָ וועט ווערן. אָבער דאָס בילדל קומט אַלץ נידעריקער און נידעריקער און, ווען עס איז שוין אינגאַנצן נידעריק איבערן פעלד, גיט עס אַ פלינקען באַוועג זיך, אַזוי ווי עס וואָלט אַ צוק געגעבן מיטן גאַנצן קערפּערל און עס בלייבט שטיין אויף דער ערד, מיט אַ קאָמעדיאַנטישן קלאַפּ-צו מיט די פּיסלעך... דאָס איז געווען אַ מיידל פון אַ יאָר פופצן, אָדער זעכצן. זי איז גלייך געבליבן שטיין מיט די אויגן איבער אים, דוידל האָט ווי אַ שטילע שפּראַך אַרויסגעהערט פון זיי, אָן אַ שום עפּעס אים צו זאָגן, אפילו קיין ריר מיט קיין ברעם נישט געטועט, נאָר ווען זי האָט זיך אויסגעדרייט און אָנגעהויבן צו גיין, איז דוידל אונטער איר שוין נאָכגעגאַנגען, זייענדיק אינגאַנצן דורכגעזאַפּט דערמיט, אַז ער דאַרף איר נאָכגיין. אָבער אָט האָט זי פאַרשנעלערט אירע טריט און דוידל איילט זיך איר נאָכצוהאַלטן, — נאָר עס קאָן נישט זיין... אויף וויפיל ער פאַרשנעלערט זיך נאָך איר, אַלץ נאָך שנעלער ווערט זי... און ער שפּירט, אַז אַזוי וועט עס זיין אָן אַן אויסגאַנג, ער זאָל אפילו אָנהייבן צו פליען, אַלץ וועט זי זיין פאָרויס

און אַלץ וועט ער זי נישט דערגרייכן... און, אָט, ווען דוידל איז שוין אָן אָטעם געבליבן און דער דראַנג צו דערגרייכן זי איז שוין פונקט, ווי ער וואָלט געוואָלט פון אַ פייער אַרויס — און הינטערשטעליק איז אים אוממעגלעך צו בלייבן—גיט זי זיך דעמאָלט אַ דערהייב פון דער ערד, אויפשטייגנדיק אין דער לופט און דוידל בלייבט ליגן אויף דער ערד אין זיין אָנמעכטיקן נאָכקוקן איר...—גרינג ווי אַ מלאך האָט זי אַרויפגעשוועבט, אַלץ העכער און העכער, און איז פאַרשוואונדן איבער די שפּיצן ביימער פון אַ וועלדל. איבער דעם זעלבן אָרט איז שפּעטער געבליבן שטיין אַ ווייס וואָלקנדל...

דאָ האָט דוידלען אַרומגענומען אַ גרויסער צער. די ערשטע דערדריקטקייט פון נאָך אַן אַנטרונען גליק, האָט זיך ערשט דוידלען געלייגט מיט אַזאַ שטאַרקייט אויפן האַרץ. דאָס איז געווען עפּעס ענלעכס מיט דעם פאַרלירן גיטעלען, נאָר שטאַרקער, ווייל דאָ האָט די ווייטאָג געהאַט אַ געשטאַלט, ער האָט ערשט דאָס ערשטע מאָל געזען, ווי אַזוי מען פאַרלירט, ווי אַזוי עס אַנטרינט פון דער האַנט אַרויס און מען קאָן עס נישט גרייכן, נישט צוימען, נישט אָפּשטעלן. ער האָט געפּרוּאווט אין מיטן פון נאָכיאָגן זיך נאָך דעם בילדל שרייען, אָבער דער גומען זיינער איז געווען, ווי הויל און דער אָטעם האָט נישט געניגט אויף אַרויסצוברענגען כאָטש איין קלאַנג, אַזוי איז דער האַלז געווען פאַרקוועטשט, אי פון אינערלעכן געוויין, וואָס האָט אָנגעהויבן אין אים אויפצושטייגן און פאַרצויגן אים דעם האַלז פון צופיל אומגליק און ביטערקייט, אי פון דערשטיקט זיין אָן אַן אָטעם. אָבער אויך איצט, ווען ער איז געלעגן אויף דער ערד מיט די אויגן ארויף, איז ער געווען פאַרשטיינערט. איבער דעם אָרט, וואו זיין גליק איז פאַרשוואונדן, הויך איבער די שפּיצן ביימער איז געבליבן שטיין

אַ טאָפּעלטע שטילקייט, ווי די, וואָס איז פריער געווען אויף דער וועלט, און די גאַנצע אַרומיקייט האָט אויסגעזען, ווי אויסגעלעערט. ער האָט מער האָט נישט געטראַכט, ווי נאָר דעם איינעם געדאַנק. וועגן זיך און זיין קומען דאָ אַהער און אין אַלגעמיין, ווער ער איז דאָ פאַר איינער אין דער דאָזיקער אַרומיקער שטילער וועלט, ווי עס קומט אויס אַזעלכע זעאונגען צו זען—האָט ער גאָרנישט געטראַכט. אָט דאָס דאָזיקע, וואָס אים האָט ערשט אַרומגערינגלט, איז געווען פאַר אים אין דעם מאָמענט דאָס נאַטירלעכסטע, שאַרפסטע און לעבעדיקסטע לעבן מער, ווי דאָס אַלץ, וואָס ער האָט ביז היינט געקאָנט. און דאַדורך איז אויך זיין צער געווען, איצטער אין שלאָף, טיפער און שרעקלעכער, ווי אין וואַך. ווי לאַנג ער איז געלעגן אַזוי, האָט ער נישט געקאָנט אַנען, אָבער ביסלעכווייז האָט דער הימל אָנגעהויבן פאַרטונקלען דאָס ליכט און די בלאָקייט איז געווען ווי אויסגעלאָשן, דאָס פעלד איז געוואָרן אַלץ טונקעלער און טונקעלער, ביז עס האָט שוין אַ דייטלעכע שוואַרצקייט אַלץ באַדעקט און דער הימל איז געוואָרן, ווי אַ שוואַרצער פּאַנ-צער, וואָס איז גאָרנישט ענלעך צו קיין פאַרוואָלקנט ווערן, ווי מיר זענען געוואוינט צו זען אים אין זיין געוויינלעכן סדר, ווען ער הייבט זיך אָן צו פאַרציען מיט כמאַרע, נאָר עפּעס גאָר אַ מעטאַלענע, גלאַטיקע שוואַרצקייט, וואָס קאָן נאָר אין חלום מעגלעך ווערן, אַז אויך אַזוי קאָן אַ הימל אַמאָל אויסזען...
פון דער פינסטערקייט, וואָס האָט דוידלען אַרומגענומען, האָט ער זיך געפילט, ווי צווישן ווענט פאַרמאַכט און ער האָט גע-האַלטן די אויגן צו, נישט געפינענדיק פאַר נייטיק מער אין ערגעץ צו קוקן. ווי לאַנג ער איז אַזוי געלעגן, האָט ער אויך נישט געוואוסט, נאָר אָט, פון צוקאָפּנס, ווי פון אַ שוואַרצער וואַנט אַרויס, וואָס שטייט ווי אַ מצבה איבער אים, האָט זיך

אַרויסגעשטעקט אַ פּנים, טאַקע ווי פון אַ מצבה אַרויס, און דאָס איז געווען אַ פּרויען-פּנים, אַן עלעגאַנטס, ווי פון אַ יונגער דאַמע, לייט דעם פיינעם שמאָלן שניט דערפון, ווען די ביינער זענען נאָך נישט גענוג רעכט אַנטוויקלט און צעשפּרייט, און איבער דעם פּנים איז געווען אַ לייכטע שוואַרצע גאַזע, אַ וואָאַל, און די אויגן פון איר האָבן דוידלען אַזוי דרינגלעך אַריינגע-קוקט אין פּנים אַריין, אַז ער האָט שוין ערשט, ווי אין חלום פאַרגעסן און אויפגעשטאַנען, ווי צו איר באַגער. זי האָט גענומען גיין אין דער זייט אריין טאַקע צום וועלדל און ער נאָך איר, האַרט אונטער אירע טריט, אויסהערנדיק דעם שאָרך פון דעם לאַנגען, שמאָלן, שוואַרץ-טיכענעם קלייד, וואָס האָט זיך געפּעלבלט אַרום אירע פיס און גאַנג און איבערגעשאָקלט זיך פון איין זייט אויף דער צווייטער, לויט דעם טאַקט פון אירע טריט.

אָט בלייבן זיי שטיין פאַר אַ בזשעזשענעם יונגען וועלדל, ווי דוידל כאַפּט זיך אויף איין מינוט קלערן, וואוהין זיי גייען? און אָט אין דער מינוט, ווען ער דערוואַכט צוריק מיט זיך, דערזעט ער זיך שוין ווידער איינעם אַליין, אָבער אין עק פון וועלדל און ער גייט שוין איצטער אַליין טיפער דערינען. אויף אַ מאָדנעם פּלאַץ איז ער אַרויסגעקומען: אין סאַמע מיטן פון דעם וועלדל אַ ליידיקער קיילעכיקער פּלאַץ אַרומגערינגלט פון די ביימלעך און אין דעם פּלאַץ שטייט אַ הויז, אַ גראָס, וואָס איז אַמאָל געווען ווייס נעקאַלכט, אַן איינציקע ברייטע טיר אין דער מיט פון דער בייכיק-אויסגעבויגענער וואַנט פונקט, ווי זי וואָלט געטראָגן און שווערלייביק געווען, אָבער אַלץ אַרום איז פאַרשטימט, אין דעם הויז איז קיין פענסטער נישט געווען, און, ווי עס ווייזט אויס, אויך נישט קיין באַ-שעפעניש, און די טיר איז געווען פאַרמאַכט. אַ גראָלעכקייט, ווי אַ מישונג פון נאָענטן טאָג האָט זיך שוין אין דער לופט

אָנגעהויבן, און דוידל איז געשטאַנען גלייכגילטיק אין מיטן דעם פּלאַץ, ווי ער וואָלט נאָך גאָרנישט באַנעמען, וואָס ער טוט דאָ און צו וואָס איז ער עפּעס דאָ אַהער פאַרקראָכן... אָבער אָט איז ער געקומען צו זיך און זיך אָנגעהויבן אָפּצורוקן פון דעם הויז. דאַכט זיך אים פּלוצלינג, אַז ער שטייט נעבן אַ פּלויטל און, אָט, ווי ער וויל זיך נאָר אָפּרוקן, דערזעט ער נישט קיין פּלאַץ אַרום זיך וואו דעם טריט צו שטעלן, נאָר אָנהאַלטנדיק זיך אָן דעם פּלויטל, וואָס איז געווען ווי אַ דאָר־פישס געלייגט פון דרענגלעך, אין דער ברייט, איינס איבערן אַנדערן, האָט ער נישט מער ווי אַ שמאָל פּאַסיקל ערד האַרט אונטערן פּלויטל, וואוהין ער מוז אַריינשטעקן די פיס און, אַזוי זיך רוקן לענג־אויס איבער דעם פּאַסיקל, ווייל אַרום און אַרום איז אָפּגרונט...

ווען ער איז שוין אַראָפּגעקומען אין אַ טאָל אַריין, וואו דאָס פּלויטל האָט זיך געענדיקט, האָט דער מאָרגנשטערן גע־שיינט מיט אַ גרינער שאַרפער פאַרב און דאָס פעלד איז גע־ווען גרין און אין האַלב־טונקל און אין האַלב־טאָגעניש איינ־געהילט. אָבער דאָ טאַקע אין סאַמע טאָל איז געשטאַנען אַ ליידיקע, פאַרמאַכטע קאָטש, מיט צוויי פערד, און קיינער איז נישט געווען, נאָר ווי עמעצער האָט זיי אַזוי אַנידערגעשטעלט, פאַר דוידלען, וואָס איז אַ גאַנצע נאַכט נאָכגעלאָפן נאָך אַלץ, וואָס ער האָט באַגעגנט, אָדער וואָס עס האָט אים באַגעגנט און איז געפירט געוואָרן נישט פון זיין ווילן, איז דאָס געווען אַ בייער וואונק... ער האָט, ווי נישט וויסנדיק פאַרוואָס, נישט ווער האָט אים געהייסן, נישט ווער האָט אים גערופן, נאָר ווי עס וואָלט שוין ממילא פון זיך אַליין געווען אַזוי באַשטימט... גע־לאָזט זיך צוגיין גלייך צו דעם טירל פון דער קאָטש, געעפנט עס און אַריין אינעווייניק. און אַזוי ווי ער איז שוין אינעווייניק

געזעסן און נאָך נישט קיין צייט געהאַט דאָס טירל צו פאַר־מאַכן, איז די קאָטש שוין געפאָרן מיט איב גאַנץ שנעל מיט דער שנעלקייט פון פאַר אַ קאַטאַסטראָפע... און אַט טראָגט זיך די קאָטש שוין ווייט ערגעץ און דער לופטן, פאַרלירנ־דיק שוין אַפילו די ערד פון אויג, ווייט, ווייט און הויך, הויך, אַז דוידל האָט שוין ווידער קיין אָטעם נישט און דער־פילט דעם שטורם, פון וועלכן עס ווערט, אָט, אָט שוין אַלץ צעקראָכן. אָבער דאָ דערזעט ער די קאָטש אַריבערפליען איבער אַ שפּיץ באַרג, וואו אין דער סאַמע פון זיין מיט שטעקט אַן אויפגעשטעלט דרענגל, און דוידל גיט זיך אַ וואָרף דערויף דורך דעם אָפענעם טירל פון דער קאָטש, אָנצוכאַפּן זיך דעראָן, ווי אין דער איינציקער רעטונג, און ער איז אַזוי טאַקע גע־בליבן צוגעקלאַמערט מיט דער ברוסט און ביידע הענט און אַלע כוחות אַרום דעם דרענגל, אַז דער אימפעט פון דעם פליען זאָל אים נישט געבן אַ טראָג אַראָפּ...

אָבער אין דער רגע פליט אָן אַ מיידל איבער זיין קאָפּ, די — שוין גאָר אין טריקאָטענע הייזלעך, און — טראַך!... איבערן קאָפּ מיט אַ לאַנגער פייערדיקער שנור, צעשלענגלט, ווי אַ בליץ און דוידל קאָלערט זיך מיטן קאָפּ אַראָפּ פון באַרג בליץ־שנעל...

אַ טויטער אַנגסט־שווייס איז אים אויפן פּנים געשטאַנען, ווען ער האָט אין דער זעלבער רגע טאַקע אויפגעכאַפּט זיך פון זיין פייניקנדיקן שלאָף. ער האָט אַראָפּגעלאָזט מיד דעם קאָפּ פון זיין געלעגער, אויסדרייענדיק זיך אין אַ זייט, דער־שלאָגן אין געדאַנקען. ער דערזעט ערשט, וואָס פאַר אַ ראָלע עס שפּילט אַ חלום אויף דעם קאָפּ פון אַן אָרעם ייִנגל און וואָס פאַר אַ שווערן גורל אים, דוידלען, איז עס אויסגעטיילט געוואָרן. אָבער אַלץ נישט פאַר קיין גומע מעשים... — טראַכט ער זיך. און ער ווייסט נישט פאַרוואָס אים קומט איצטער אין

געדאַנק אַריין אַ מעשה וועגן אַ שאַרבן פון אַ טויטן קאָפּ פון אַ מענטש, וואָס ער און נאָך יינגלעך האָבן געהאַט געפונען אונטער דער שטאָט מיט צוויי יאָר צוריק. דעם שאַרבן האָבן זיי אַריינגעוואָרפן, אַרומגעהאַקט פון איינעם צום אַנדערן, מיט די פיס קלאַפנדיק, ווי מען שפּילט אין פּילקע. דוידל דערמאָנט זיך ווי די נאָז-ביינדלעך ביז צו די אויגן-לעכער, האָבן זיך אויסגעבראָכן פון אַרומוואַרפן זיך מיט אים און אינגאַנצן האָט ער אויסגעזעצן אַזוי משונהדיק... אַזוי איז אַ מענטש נאָכן טויט?... און נאָכמער זינדיקע מחשבות קריכן אים אין קאָפּ אַריין... ער ווייסט נישט פאַרוואָס ער דערמאָנט זיך אָן פאָטערס ביינערדיק פּנים און געמאָרשטשעטן שטערן, דין געפּעלבלטן, ווי פון א פּאַפּיר-הויט, מיט פאַרפּעדערטן קאַפּל, איינגעגראָבן אין דעם רויטלעכן און געל-געפלעקטן קישן-איינשיטל. „און צי האָט יענער מענטש, פון וועלכן מען האָט געפונען דעם קאָפּ, אויך אַמאָל געלעבט, ווי זיין פאָטער – איז אים מיטאַמאָל געקומען אין קאָפּ – און צי האָט ער אויך געהאַט קינדער... און וואו זענען זיי הייַנט?...” אָבער ניין, דוידל קאָן דאָס גאָרנישט גלייבן, כאָטש ער ווייסט, ער שפּירט, ער אַנט, אַז ס'איז יאָ אַזוי... עפּעס אַ גרויסע צאָל פון פאַרגאַנגענע יאָרן און פאַרגאַנגענע צייטן שוועבט, ווי אַ סוד. איבער דעם דאָזיקן געפונענעם קאָפּ, און ער געהער שוין גאָר קיינמאָל נישט צו קיינעם...

דוידל געדענקט, ווי שפּעטער, נאָך זון-זעצן האָבן די יינגלעך פאַרלאָזט דעם שאַרבן אויפן פּלאַץ, און ער, דוידל, האָט נישט געוואוסט, פאַרוואָס עס האָט אים געצויגן און נישט געלאָזט אים אַוועקגיין, ביז וואַנען ער וועט נישט טוען עפּעס פאַר אים... עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער טאָר אים נישט איבערלאָזן אויף דער הוילער לופט און אַן אומבאַוואוסטזיניקער דרך-ארץ האָט זיך אין אים געוועקט, ענלעך ווי דרך-ארץ צו

האָבן פאַר דער וועלט... ער האָט דעם קאָפּ דעמאָלט גענומען אונטער דער פאָלע פון זיין פאַלטנדל און שוין, כמעט, אין דער טונקלקייט פון דעם אָוונט, האָט ער אים באַגראָבן אונטער דער וואַנט פון דער שול, וואָס איז נעשטאַנען אַריינגערוקט אין בית־עולם. דעמאָלט האָט דוידל געשפּירט אַ גרויסע באַ־פרידיקונג אין האַרץ, דאָס ערשטע מאָל אין לעבן, עפּעס אַן ערנסטע זאַך, האָט זיך אים געדאַכט... וואָס גייט אַרויס פון די גרענעצן אויסער זיינע שפּילערייען. און כאָטש ער האָט דעמאָלט פאַרשפּעטיקט מנחה צו דאַוונען, דאָך איז אים געווען רואיק אין האַרץ און שטיל פרידלעך האָט זיך אָפּגעזעצט דאָס געמיט און זיין נשמה. אַ לאַנגע צייט דערנאָך האָט דוידל, דאַכט זיך, נישט געהאַט מער קיין בייזע געדאַנקען, נאָר אָט האָט זיך אָנגערוקט דאָס דאָזיקע חדר, פון וועלכן ער איז פאַר־טריבן געוואָרן און זיין רואיקייט איז ווידער צעשטערט גע־וואָרן. אָנפאַנגס געדענקט ער, וואָס פאַר אַ גליק ער האָט גע־פילט, בשעת מען האָט אים צו דעם דאָזיקן מלמד אַוועקגעגעבן. ווייל, ווי ס׳איז שוין אין סאַמע אָנפאַנג דערציילט, איז דער דאָזיקער מלמד נישט געווען קיין געוויינלעכער, געבוירענער צו דעם פאַך. אי די ריינקייט פון זיין שטוב, אי זיין גוט און לייטזעליק פּנים און ווייכער בליק, נישט ענלעך צו אַנדערעס אין דעם פאַך, די שטרענגע, בייזע, מיט ביטערקייט אָנגעזאַפּט, האָבן דוידלען, ווי אויפן זיבעטן הימל אַרויפגעזעצט. ער האָט נישט געשפּירט פון יענעם חדר די מרה־שחורה, וואָס עס יאָגט פון די ווענט פון אַנדערע מלמדימס חדרים, נאָר אדרבא, ווי אַ ליכטיקייט איז דערפון אויפגעגאַנגען און דוידל האָט זיך גע־פילט פראָסט אויסגעלייזט פון די פריערדיקע גלותן און איז געווען דערהויבן ווי צו אַ העכער און פרייער לעבן. ער גע־דענקט נאָך מיט וואָס פאַר אַן אויפגערוימטקייט ער איז אַוועק

צו זיין פעטער בײַנושעס ייִנגל, ביידע זענען אַוועק אונטער דער שטאָט, געקליבן די ערשטע געלע, זאַפטיקע וואַסער־בלימלעך, וואָס זייערע בלעטלעך און שטענגלעך זענען אַזוי גרין און גלאַנציק, באַזונדערס די בלעטלעך, ווי אַטלאַס, און אָנגעטרונקען פול מיט וואַסער און רופן אַרויס אַזש אַ גליסטיקייט פון יעדן אויג צו זיך. און עס דאַכט זיך אים אויך, דוידלען, אַז ערשט דעמאָלט האָט ער געהאַט באַנייט אַ פּאָר הייזלעך מיט געהאַקטע קעשענעס, וואָס מען האָט אים אויף יענעם פּסח געמאַכט, און שטייענדיק דערנאָך מיט זיין פעטערס ייִנגל אויף אַ הויכער קופּע דאָמב, שוין אויסגענוצטן און אַרויסגעשיטן פון אַ גאַרבערײַ, וואָס איז געשטאַנען נאָענט טאַקע צו דער לאָנקע, וואו זיי האָבן די בלימלעך געקליבן, האָט דוידל געשפּירט זיך דעמאָלט דערגאַנגען צום העכסטן שפּיץ פון גליק אין זיין לעבן. אָט דאָ, פון דער גרויסער קופּע דאָמב אַראָפּקוקנדיק, איז געלעגן פאַר אים די וועלט אויסגעלייגט גלייך ווי אויף אַ טיש. ער געדענקט נישט, צי האָט ער דעמאָלט אַ סך דערציילט זיין געשוועסטער־קינד וועגן זיין גליק און וואָס ער האָט אים דערציילט, אָבער אין דוידלס געריטלטע בעקלעך און אין גלאַנץ פון די אויגן האָט אַ גרויס גליק אַרויסגעשיינט. אָט דאָס איינע מאָל, אויף וויפיל ער געדענקט, איז דוידל גליקלעך געווען אין לעבן — אַ פּאָר נייע הייזלעך און אַ ניי חדר, וואָס האָט זיך אַזוי טרויעריק אויסגעלאָזט פאַר אים. ווייטער געדענקט דוידל נישט קיין פרייד. און אַך, וואָס האָבן זיך די חלומות גענומען צי אים, וואָס ווילן זיי פון אים האָבן? צי איז דוידל אַזוי זינדיק?... אָבער יאָ — רייסט זיך ביי אים אַרויס דאָס האַרץ. קיין שום ייִנגל טראַכט נישט אַזוי פיל וועגן מיידלעך, ווי ער, דוידל, וואָס, אַז דאָס איז אַ גרויסע זינד, ווייסט ער שוין פון לאַנג, פון די אַלע מעשיות, וואָס ער האָט זיך שוין געהערט

אין שטוב אַנדערצײַלן פון דער מאַמען זײַנער, אַז מען העגגט פּרויען אויף יענער וועלט בײַ די בּרוסטן דערפאַר, ווײַל זײ שטעלן זיך אַמאָל אונטער אַרויסצוזעמען אַ בּרוסט אָנצוזייגן דאָס קינד אין די אויגן פון אַ פרעמדן מאַנספּאַרשוין, און אויך די מעשׂיות, וואָס ער ווייסט שוין פון חומש, ווי פון כּזבּי-בּת-צור, וואָס איז געקומען אין לאַגער צווישן יידן און געמאַכט זײ זינדיקן. און אַך, דאָ, האָט אַזאַ קלײנער, קלײנטשיקער דוידל, נישט קיין חס אויף זײַנע טאַטע-מאַמע און האַלט נאָר שטענדיק אין איין טראַכטן וועגן גיטעלען, וועלכע לאָזט זיך גאָרנישט אפילו פון אים אָנקוקן. און פאַרוואָס באַווייזט זי זיך אַלץ אײנאײנעם, נאָר אין אַזעלכע שרעקנדיקע געשטאַלטן, אָט ווי דאָס לעצטע מאָל, און אויך ווי פאַראַיאָרן, נאָך אין ערשטן חלום. פאַרוואָס זעט ער זי שטענדיק נאָר אין דער לופטן, איבּער שפּיצן בּײמער פון די וועלדער, אָדער ווי וואָלקנדלעך, צו וועלכע ער קאָן נישט צוקומען. אויך דאָס לעצטע מאָל דאָס זילבּערנע מיידעלע אונטער דער לבנה העגגען, איז דאָך נישט געווען ווער אַנדערש, ווי נאָר זי, און פאַרוואָס האָט זי אַזוי פיל פרעמדקייט צו אים, אַז זי קאָן זיך נישט פאַר אים באַווייזן אויף איין גלײַך און אין אַזעלכע געשטאַלטן, אַז ער זאָל קאָנען צו איר צוקומען. מאַנכעס מאָל, ווי אַ טויטקייט, ווי אַ טיף שווייגן איז אויסגעגאָסן אויף איר פּנים בּיז פאַרגליווערונג; מאַנכעס מאָל, ווי אַ נישט דאָ-וועלטיקע. נאָר ווי אַ שפּילנדיק מלאכל פון הימל אַראָפּ—אָבּער אַלעמאָל פרעמד און ווייט, ווייט פון אים. אָבּער אויב וועגן איר, גיטעלען, וואָלט ער זיך שוין מוחל געווען, זײַן שווער פאַרבּרעכן, ווי טראַכטן וועגן איר, ווײַל סוף-כּל-סוף האָט ער געשפּירט אין איר נישט עפּעס אַנ-דערש, ווי אַ מלאכל און אַ ריין, גאָר ריין זילבּערן נשמהלע... האָט ער זיך אָבער פאַר קיין פאַל נישט געקאָנט מוחל זײַן

זיינע געדאַנקען אויך וועגן אַלע אַנדערע מיידלעך, וואָס האָבן אין פאַרגלייך מיט גיטעלען, אויסגעזען מגושמדיק, אינגאַנצן דאָ-וועלטיק, מיט בּרוסטן און לייבער, וואָס דאָ איז שוין, מוז זיין, יאָ אַן עבירה צו טראַכטן וועגן זיי... אים פאַרדריסט גאָר שטאַרק דאָס קוקן זיינס דעמאָלט אויפן מיידל, וואָס האָט זיך געגליטשט צוזאַמען מיטן הער אין פאַרנאַכט אויפן טייך. און ווער ווייסט, צי איז זי נישט געווען זיין צווייטע העלפט חלום אין דעם היינטיקן אויפדערנאַכט... וואָרום די צווייטע העלפט חלום, כאָטש ער האָט נישט אַזוי פיל איבערגעלעבּט אין אים און זיך נישט דורכגעזאַפּט מיט אים ווי מיט דער ערשטער העלפט, איז אָבער מיט יענעם טייל געקומען אַ פינסטערניש אויף דער וועלט, וואָס דאָס באַווייזט, אַז דאָרט איז געווען מער מכשפתדיקס, מער כּישוף און מער זינד. ווי פון אַ שוואַרצער „מצבה” האָט זי איר פּנים אַרויסגעשטעקט אים צוקאָפּנס און אין אַ שוואַרצער וואָאַל איז זי געגאַנגען. און אָט אין דער וואָאַל דערקאָנט ער דאָס פּנים, די פיגור און דאָס שוואַרצע קלייד פון יענעם מיידל, וואָס האָט זיך אין דעמאָלטיקן פאַרנאַכט געגליטשט. איז אויב אַזוי, טראַכט שוין דוידל וועגן שיקסעס אויך... און נאָך מער, ער טראַכט אפילו וועגן עפּעס ערגערס, אויך וועגן קאָמענדיאַנטקעס און קונצנמאַכערינס. וואָרום אָט אין דעם דאָזיקן שפּרונג אַראָפּ אפילו פון דעם מיידעלע, וואָס איז אַראָפּ אויפן פעלד פון דער לבנה, אין זיין ערשטער זעאונג, אין דעם קלאַפּ צו אירן מיט די פּאַנטאָפעלעך בּיים בּלייבּן שטיין אויף דער ערד, אויך אין איר פלינקן צוג, ווי אַזוי זי האָט געמאַכט דעם לעצטן בּאַוועג אויף דער ערד אַראָפּ, ווען זי איז שוין געווען אַ פּאָר איילן נאָך אין דער לופטן... אָט דאָס-אָ, איז שוין געווען נישט קיין ריינס, נישט קיין בּלויז גיטעלעס און נישט קיין בּלויז זילבּערן מיידעלעס, וואָס קומט

ערשט פון דער לבנה אַראָפּ, אָדער פון הימל, נאָר ערדישס, סאַמע ערדישס און קינצנמאַכערישס, נאָר געמישט מיט גיטעלעס ריינקייט... ווער שמועסט נאָך דאָס מיידל, וואָס ער האָט שפּע־טער געזען איבער זיין קאָפּ אָנפליען מיטן לאַנגען בליץ אין דער האַנט און אין טריקאָטענע הייזלעך... און ער דערמאָנט זיך אָן אַ פאַקט, ווי ער איז איינמאָל אין אַ זומער נאָך וואַ־רעמס, אַ זייגער פיר, נאָכגעלאָפן אויף דער גאַס, צוזאַמען מיט נאָך יינגלעך, נאָך אַ יונג מיידל פון אַ יאָר צוואַנציק, אַ קאָ־מעדיאַנטקע אין טריקאָטענע הייזלעך. פאַר דעם הויז פון הערשל שענקער, וואו דער ברוק פון דער גאַס ענדיקט זיך שוין און עס ציט זיך אַ רינשטאָק איבער איר ברייט, איז דאָס מיידל געגעבן אַ טאַנץ אַריבער, בלייבנדיק אַ ווײַלע, ווי הענגען אין דער לופט מיט דעם שפּיץ פיסל, וועלכעס זי האָט אַרויסגע־וואָרפן פאָרויס; דערנאָך מיט דעם צווייטן, וואָס איז נאָכגעקומען, האָט זי געגעבן אין דער לופט נאָך אַ פּאַטש צונויף מיט דעם ערשטן, בלייבנדיק באַלד שטיין אויף ביידע פיסלעך גלייך—און אָט דער דאָזיקער שפּרונג איז עס געווען אויך דער שפּרונג פון דעם מיידעלע, וואָס איז אַראָפּ פון דער לבנה... און די טריקאָטענע הייזלעך, מיט דעם בליץ אין דער האַנט איבערן שפּיץ באַרג, איז עס געווען די קאָמעדיאַנטקע אַליין, וואָס האָט אויך נעהאַלטן דעמאָלט אַ שפּיץ־ריטל אין דער האַנט און גע־פּלאַסקעט דערמיט איבער די קעפּ פון די יינגען, וואָס זענען איר נאָכגעלאָפן, און זיי געקנאַקט מיט דעם אין דער לופט... אָט אַזעלכע געשטאַלטן הייבט שוין דוידל אָן צו זעען אויך אין חלום, נישט געוווּג, אַז ער האָט זיי געזען אין וואַך... די לעצטע טוען אים זייער לייד און ער הייבט זיך אָן צו פילן, אַז ער פאַרקריכט וואָס אַמאָל טיפער אין זינד...

און אַ גאַנצער און אמתער בעל־תשובה ווערט דוידל אין

דער דאָזיקער הייַנטיקער נאַכט. וואָס פאַר אַ ווערט האָט דען
דאָס נאָכגיין די אַלע נאַרישקייטן און דאָס אַרומשטיפן מיט
אַזאַ גרינגקעפּיקייט. צי קאָן ער זיך גלייכן צו אהרלע „זלאָפּ",
וואָס דער פאָטער זייַנע פאַרמאָגט אַ מיל, אָדער קאָן ער זיין
פאָטער גלייכן צו לוי תבואה-סוחר? דאָס איינציקע, וואָס קאָן
אים ראַטעווען, אַז ער זאָל זיך נישט פאַרזינדיקן אינגאַנצן די
נשמה, איז גיין אינדערפרי פרום דאַווענען, גלייך מיט אַלע
גרויסע מענטשן, דעסגלייכן פאַרנאַכט זאָל ער דאַוונען הייס
און מיט כּוונה, אָט דאָס וועט אים באַשירמען פון אַזעלכע
געדאַנקען, וואָס נאָר שדים שטעקן אין זיי. אָבער דוידל דער-
פילט ערשט דעם אמתן טרויער: ווי קאָן ער אָנהייבן פרום צו
זיין, אַז עס פאַרטרייבט אים אויף ווי ווייט און ער קאָן עס
נישט פאַרטראָגן, בשעת ער הערט אין אַ שבת-פאַרנאַכט אַ
ייד, אַז ער „באָנקעט", „באָנקעט"... אָדער אין אַ שבת אינדער-
פרי, ווען ס'איז שכן דאָס מעביר-זיין די סדרה מיט אַזאַ
טרויעריקן ניגון, ווייל דער ניגון איז ווי אויסגעווייקט אין
טונקעלהייט, אין נישט ריינער לופט און אין קופּעס מיט ברו-
דיקע שמאַטעס אין דעם זעלבן שטיבל, ווי דער ייד דער שכן,
וואוינט ד' על ד' און עס ליגן נאָך דאָרט א ווייב מיט
פינף קינדערלעך אין בעט און אויף צעריסענע שטרוי-זעק. אַך,
ווי קאָן עס דוידלען לאָקן די דאָזיקע פרומקייט, די אביונישקייט,
בשעת זי שטויסט אים אָפּ, און ווי קאָן ער דען הערן דאָס
געפּייניקטע גאָט לויבן, וואָס דערמאָנט דוידלען שטענדיק אָן
קלאַנג פון ביינער פון טויטע, אָן געוויין פון אויף בית-עולמס
און תכריכים פון טויטע... און ווידער שטייט ביי דוידלען אויף
די אַלטע שאלה מיט דער נאָגנדיקער געפּייניקטקייט: „און וואָס
וועט שוין זיין, אַז משיח וועט קומען?... צי וועט ער, דוידל,
געדענקען, אז דאָס איז ער"... ווייל, ווי ער האָט געהערט

דאַרף די וועלט שטיין וויסט טויזנט יאָר, איידער משיח וועט קומען. און וועט ער קומען, צי וועט דוידל וויסן נאָכדעם, ווי ער איז שוין טויזנט יאָר געווען געשטאָרבן, טויזנט יאָר נישט געלעבט און איבער דער צייט האָט זיך די וועלט גע־ריייניקט... אַז דאָס איז ער?... און אַ טאָמער וועט ער עס נישט וויסן, טאָ וואו וועט אַהינקומען יענער דוידל, וועלכער וועט נישט וויסן וועגן דעם שפּעטערדיקן און דער דעמאָלטיקער וועט נישט וויסן וועגן דעם פריערדיקן: וואו וועט ער אַהינקומען, אָט דער דוידל, וואָס לעבט איצט דאָ... איינמאָל האָט ער נאָר געטראַכט וועגן אָט דעם זעלבן און עס האָט אים געגעבן צו פילן די ביטערקייט וועגן דעם, וואָס עס הייסט, נישט זיין זיכער מיט זיך אַליין, נישט האָבן קיין שום גאַראַנטיע, אַז דער, וועד ער איז דער, וועט ער אויך זיין שפּעטער און אַז ער וועט נישט פאַרפאַלן ווערן ערגעץ, וואָס ער ווייסט אַליין נישט וואו אַהין און ער קאָן עס זיך גאָרנישט אויסמאָלן אויך... דאָס איז געווען, ווען אַזאַ געדאַנק איז אים געקראָכן אין קאָפּ אַריין דאָס ערשטע מאָל, אין אַ שבת־צונאַכטס. אין דער הינ־טערשטער טייל שטוב צו דער טיר צו איז געווען טונקל, נאָר אַ ליכטל האָט געברענט אויפ׳ן טיש, דער טאַטע איז דעמאָלט נישט געווען אין דער היים, אפשר אינגאַנצן נישט געווען הי־יענעם שבת, און ער, דוידל, האָט געזאָגט דעמאָלט די שבת־צו־נאַכטסדיקע זמירות פון סידורל. ער געדענקט, ווי די טרערן האָבן אים פאַרגאָסן די אויגן, אַזוי, אַז ער האָט נישט געקאָנט זעען די ווערטער גלאַטיק, נאָר ווי זיי וואָלטן אין אַ טייך אַרומגעשוואומען, און דערנאָך האָט ער אַוועקגעלייגט דאָס קעפּל אויף דער מוטערס שויס, ליגנדיק פאַרשוויגן אַ גאַנץ לאַנגע צייט. און נאָך איין מאָל האָט ער געזעען די צייט, ווען משיח איז שוין געהאַט געקומען. דאָס איז געווען ביי אים פאַרבונדן

מיט זיין שוועסטערלס טויט, איז דאָס אויך נישט געווען פאַר אים קיין גרויסע גדולה, אָבער פאַרטוועגקייט אין זיין אייגענער ווייטאָג האָט ער געהאַט אין דעם דאָזיקן געדאַנק, וואָס האָט אים אפשר נישט אַזוי ווייט געטרייסט, ווי ער האָט געהאַט אין וואָס צו פאַרטיפן זיך מיט זיין עלנט. דאָס שוועסטערל האָט ער געליבט, ווי מען קאָן ליבן ביי זיבנייאָריקער עלטער. ביי איר לעבן האָט ער זי אפשר נישט רעכט אָנגעקוקט, ער האָט זיך ספעציעל מיט איר קיינמאָל נישט אָפּגעגעבן. ער האָט נאָר געוואוסט בלויז, אַז זי איז זיין שוועסטערל, און, אַז טיילמאָל, ווען זי וויל עפּעס ביי דער מוטער, וויינט זי, טיילמאָל מיט גרויסע האַרציקע טרערן און טיילמאָל אין דער שטיל, אַז קיינער זאָל נישט זען און נישט הערן... און אָט דאָס דאָזיקע גשמהלע, ווען עס איז געשטאָרבן, האָט ערשט דוידל, דערנאָך, אָנגעהויבן צו דערקאָנען זיין שוועסטערל. איר ליכטיק פּנימל, בעת ווען עס איז שוין געלעגן אינם קבר פון לאַנג, האָט אים אויף קיין רגע נישט געמיטן. איר שטילינקער פאַרלאַנג, וואָס פלעגט זיך ביי איר אַממיינסטן אויסדריקן, נישט אין וואָרט, נאָר אין פּנימל און אין די טרויעריק-קוקנדיקע אויגן, שטענדיק, ווען זי פלעגט עפּעס וועלן, איז אים ערשט געשטאַנען אינגאַנצן פאַר די אויגן מיט אַלע זיינע שטריכן אויף איר פּנימל. אַ טיף רחמנות האָט אים ערשט דערנאָך געמאַטערט און ער האָט נישט פאַרשטאַנען דאָס רעטעניש פון דעם דאָזיקן נשמהלעס זיין אויף דער וועלט און דאָס יונגערהייט צוריק אָפּגעריסן ווערן... גאָט, דו גאָט... פלעגט דוידל גאַנצע טעג קלאָגן און אין האַרץ איז געלעגן אַ פינסטערקייט אויסגעשפּרייט, און דוידל האָט דעמאָלט ווי איבערגעגעבן אויף הפקר דאָס בלינדע רעטעניש און דעם בלינדן גורל פון לעבן און שטאַרבן. אָט דעמאָלט האָט זיך דוידל אַליין אויפגעבויט אַ משיחס קומען.

און זיכער קאָן מען זיין, אַז ווען די מענטשן, וואָס לעבן שוין טויזנטער און טויזנטער יאָרן אויף דער וועלט, ווען זיי וואָלטן דאָס נישט געוואוסט שוין פון לאַנג, אַז משיח וועט קומען, וואָלט עס זיך דוידל אָן זיי אויך אויפגעבויט אַצינד... און טאַקע אַזוי, ווי זיי, מיט אַ תחית־המתים און פאַר דאָס שוין — מיט אַן אייביק לעבן... וואָס זאָל אינגאַנצן אונטערברענגען דעם צער פון טויט. אָט דעמאָלט האָט ער גאַנץ אָפט געפלעגט צו זעען פאַר זיך אַ ברייט, גרויס און אומבאַגרענעצט פעלד און עס פליען אַרום אין דער לופטן נשמהלעך, אין געשטאַלטן פון מיניאַטור־מענטשעלעך, נאָר נישט פון מאַטעריאַל, דאָס קאָן מען נישט אָנטאָפּן, נאָר בלויזע לויטערקייטס־געשטאַלטלעך. זיי שוועבן היין און צוריק אין דער ברייט און אין דער ווייט, און אַ שטענדיקע שטילקייט, די שטילקייט פון דער אייביקייט איז אויסגעגאָסן איבער דעם גאַנצן פעלד. ס'איז אַ טאָג אָן אַ נאַכט און ס'איז אַ לעבן אָן אַ שטאַרבן, ווייל עס קאָן גאָר קיין שטאַרבן נישט זיין דעמאָלט, ווען משיח וועט קומען... דאַקעגן פלעגט ער אויך זעען דאָס אומגליקלעכע בלאָנדזשען פון זיין שוועסטערל אין אַזאַ ליידיקן, ווי אים האָט זיך דעמאָלט געדאַכט, און גרויסן הימל, בלאָנדזשעט זי און בלאָנדזשעט, אין אַ טיפער פאַרשוויגנקייט און יאָושדיקן בליק, נישט קאָנענדיק געפינען קיין היימישע מיט וועמען צו זיין צוזאַמען... נאָר איז פאַרמשפּט אויף אייביקער אייביקייט צו זיין עלנט און אָפּגעריסן און נאָר אַזוי צו בלאָנדזשען. אַך, וויפיל טרערן דאָס האָט דוידלען געקאָסט, וואָס מען האָט זיי געקאָנט זעען און וויפיל ריס אין האַרץ, וואָס דאָס האָט שוין קיינער נישט געזעען, איז נאָר אַ שאָד, צו וואָס גאָט האָט דאָס לעבן אינגאַנצן באַשאַפן און אַוודאי קאָן ער דערמיט נישט פאַרגלעטן דעם צער פון טויט. אָט אַזוי האָט דוידל געליטן אין זיינע שרעקלעכע שעהן

און אייניקע פון די דאָזיקע שרעקלעכע, האָט ער געהאַט אויך אין דעם דאָזיקן פרייטאָג-צו-נאַכטס.

נאָכאַמאָל איז ער אַנטשלאָפן געוואָרן, אָבער דאָס מאָל מיט נאָך וויניקער דערפאָלג און נאָך וויניקער נחת. ער איז געווען אומגליקלעך מיט זיין נייגונג צו טראַכטן און דערפאַר איז ער געווען אויך אומגליקלעך, צו האָבן די נייגונג צו חלומות.

קוים האָט ער נאָר די אויגן צוגעמאַכט און איינגעשלאָפן, דערזעט ער זיך שטיין אויף דער לאָנקע נעבן דער שטאָט, פאַרן טייך. עס דאַכט זיך אים, אַז ס'איז אַ יום-טוב, לויט דער רואיקייט און זונען-שיין, וואָס ליגט איבער דעם פלאַץ אויסגעגאָסן. די כוואַליעס פון טייך באַוועגן זיך אַזעלכע שוואַרצלעכע, געשליפענע און צווישן זיי שווימען אַרום און טיקן מיט די קעפלעך אונטערן וואַסער אַרונטער, עפעס ווי איינזאַמע פאַרלאָזטע, אַ געזינדל קאַטשקעס. פאַרוואָס איז עפעס אַזוי שטיל, וואונדערט זיך דוידל, און פאַרוואָס שלאָפט עפעס דאָס גאַנצע שטעטל אָדער נאָך בעסער — עס זעט עפעס אויס, ווי אויסגעלערט. און קוקנדיק אויף די קאַטשקעס זיך טיקן מיט די קעפ אונטערן וואַסער, נעמט אים אָן אַ געדאַנק: עס דאַכט זיך אים עפעס, ווי די דאָזיקע קאַטשקעס זענען דאָ אויפן טייך איבערגעלאָזט אויף גאָטס באַראָט. און ער ווייסט נישט פאַרוואָס ער האָט אָנגעהויבן רחמנות צו קריגן אויף די קאַטשקעס, אים האָט זיך געדאכט, אַז זיי זענען ערשט נישט קיינעמס און, אַז אויף אייביק זענען זיי פאַראורטיילט צו זיין אַזוי מחוץ למחנה, און אָן אַ שום שייכות צו דער שטאָט, אייביק זיך דאָ אַזוי צו געפינען, ווי אַרויסגעשטעלטע אונטערן בלויזן היכל. אַ שאַרף רחמנות-געפיל האָט אים אַרומגענומען, נאָכמער, ווייל דאָ אַרום איז געווען אַזוי שטיל און אַליין, אי דער טייך אי דער אַנט-

קייגנאיבער-ליגנדיקער שאָסיי, וואָס האָט רויטלעך געגלאַנצט אין זונען-שיין — אַזוי ליידיק, אַזוי אויסגעלעצערט... פּלוצלינג האָט אים אַ קול געוועקט פון הינטן, ער קוקט זיך אום ,ער דערזעט דעם פאָטער, אַזאַ פאַרביטערטן אויפן פּנים, אָנגעטוען אין דער יום-טובדיקער קאַפּאָטע און קוקנדיק אויף דוידלען מיט אַזויפיל כּעס:

— חיינט איז דויד המלכס יאָרצייט און דו שטייסט דאָ?...— האָט דער פאָטער אויסגעשריגן.

און דוידל ווייסט נישט פאַרוואָס, אַז דערהערנדיק דאָס האָט ער אַליין אויך אויסגעקרעכצט, ווי וועגן עפּעס אַ גרויסער וויכטיקער זאַך, אָן וועלכער, אויב מען פאַרגעסט, קאָן די וועלט אונטערגיין:

— אוי, דויד המלכס יאָרצייט!... — און דאָס הערצל איז אים אַנטפאַלן.

ווייטער האָט דוידל געזעען, ווי דער פאָטער הייבט זיך איבערן פּלויט אַריבער, וואָס איז ביי דער לאָנקע, און פון פאַרביטערונג הייבט ער זיך און הייבט זיך אַזוי שווער פּונקט, ווי איינער, וואָס איז עפּעס אינגאַנצן, צוליבן פאַרלירן דאָס אינערלעכע גלייכגעוויכט, אַרויסגעשטויסן פון דער מעגלעכקייט צו קאָנען ווי געהעריק זיך אָננעמען מיט דער האַנט און צו האַלטן זיך מיטן טריט אויפן פּלויט. אָבער דער פאָטער איז אַריבער און ער איז נאָך נאָך אים און אים האָט זיך געדאַכט, פאַרביילויפנדיק די ערשטע לערע גאַס, אַז אַלע יידן זענען שוין פאַרזאַמלט אין שול...

וואָס ווייטער איז געווען—געדענקט שוין נישט דוידל, אָדער דאָ איז דער חלום געבליבן שוין אינגאַנצן שטיין און זיך ווייטער נישט געוועבט, נאָר ווען ער איז אויפגעקומען פון שלאָף באַלד דערנאָך, מוז זיין, ווייל אַזוי פרישערהייט איז ער

אים נאָך געשטאַנען אינגאַנצן לעבעדיק פאַר די אויגן, האָט ער אָט פון דעם דאָזיקן קליינעם חלום און אין פלוג, דאַכט זיך, גאָר אומשולדיקן און כמעט נישט בייזן, געהאַט אַזוי פיל טרויער, ווי פון דער שווערסטער זעאונג. דאָ האָט דוידל שוין געוואוסט, אַז זיין שלאָף אין דער היינטיקער נאַכט איז שוין פאַרביי, און ער איז געלעגן לאַנג און געוואַכט, שוין נישט מער צוטוענדיק קיין אויג.

נאָר אָט, עס האָט שוין געמוזט זיין נאָענט צו פאַרטאָג און אפשר. שוין טאַקע, ווען איבער דער שטאָט איז זיך שוין צעגאַנגען דער קרעכץ פון אַן ערשטער טיר אויפמאַכן, ווי אַ ייד האָט שוין מער אין זיין שטיבל נישט געקאָנט איינליגן פון ענגשאַפט און דערשטיקונג, האָט אויף דוידלען אָנגעהויבן צו רוען אַ לייכטער געמיט און, ווי עס האָט זיך אים געדאַכט, האָט אויך ווי אַ לייכטער נעפל פאַרדעקט זיין מוח און ער הערט, ווי די מאַמע זאָגט צום טאַטן:

— נו, און דו וועסט אים שווייגן?...

דער טאַטע — האָט זיך אים געדאַכט — ליגט פאַרקוועטשט מיט די שרומפּן פון שטערן אונטערן קאַפּל און קאָן דערויף גאָרנישט געבן קיין ענטפער דער מאַמען. ער פאַרשטייט זיין ביטערע לאַגע און אויך דוידל ווייסט וועגן וואָס דאָ האַנדלט זיך. דאָ גייט עס וועגן לוי תבואה־סוחר, וואָס האָט דעם טאַטן נישט געוואָלט באָרגן קיין צוועלף גילדן אין יענעם שבת־צו־נאַכטס, ווען מען האָט דאָס שוועסטערל אָפּגעהויבן אויף דער ערד מיט צוויי לייכטערלעך און קליינע חלב־ברענענדיקע ליכט־לעך צוקאָפּנס. ער האָט נישט געוואָלט אויסלייען קיין צוועלף גילדן פאָרויס, וואָס דער טאַטע וואָלט זיי געוועזן דערנאָך ביי אים צוריק אָפּפאַרדינט, און איצט מאָנט ביי אים די מאַמע, פאַרוואָס ער האָט געלאָזט זיין עלנט קינד, זיין געשטאָרבן

נשמהלע קומען פאַרשעמט אויף יענער וועלט, אין פרעמדע תכריכים. און דוידל ווייסט נאָך עפּעס, אָבער דאָס האָט ער געהאַלטן שטענדיק ווי אַ סוד אין האַרץ און קיינעם נישט אַרויספּאַרטרויט: „נישט דאָס איז נאָך געווען די אמתע פאַרשעמונג, וואָס דאָס שוועסטערל איז געקומען אין פרעמדע תכריכים אויף יענער וועלט — ניין, נישט דאָס... נאָר די אמתע פאַרשעמונג איז געווען, וואָס איר טאַטע איז אַזוי אוממעכטיק, אַז ער האָט זי נישט געקאָנט באַשיצן פאַר פאַרשעמונג... און אַז ער איז געשטאַנען פאַר לוין מיט טרערן אין די אויגן און זי, דאָס קליינע שוועסטערל, דאָס קליינע נשמהלע האָט נאָך גאָר רחמנות געהאַט אויפן טאַטן... אָט דאָס איז די גרעסטע פאַרשעמונג.״—טראַכט זיך דוידל. און ער הערט, ווי דער טאַטע שטייט אויף. דאַכט זיך, אַז ער זיצט שוין אויפן קראַוועטש *) פון בעט און טוט אָן די שטיוול, בשעת דאָ הערט זיך אַ שאָרכן פון די כאָלעוועס, ווען ער ציט זיי אויפן פוס אַרויף און, דאָ — שוין אַ שטויסן פון דער זויל אויף דער פּאָדלאָגע, אַראָפּצושטעלן די פיענטע אין אים. באַלד שטייט שוין דער טאַטע ביים שעפל, וואו ער גיסט אָפּ נעגל-וואַסער. דוידל הערט אַ דייטלעכן גאַס הין און צוריק, אויף די נעגל, איבערן שעפל דערנאָך, אין אַ ווייַלע אַרום — אַן אַרומפּלאָנטערן זיך איבערן שטיבל, אַן עפענען די טיר און פאַרמאַכן זי נאָך זיך. באַלד הערט ער אַ דערווייטערן זיך פון טריט, וועלכע ער פאַרנעמט שוין פון דרויסן אונטערן פענסטער, בשעת זיי שווימען, ווי ווייט, אָוועק אין גאַס אַריין, דערנאָך אין חלל אַריין... ס'איז שבת באַגינען און דער פאָטער גייט אין בית-המדרש אַריין — טראַכט ער זיך — און ער שלאָפט איין...

*) קאַנט בעט

VIII

אָבער ווי וואונדערלעך איז דוידלען דאָס אַלץ געווען. ווען ער האָט אויפגעמאַכט די אויגן אינדערפרי, איז דער פאָטער שוין געשטאַנען אין זיין ווינקל איינגעהילט אין טלית. ער האָט ערשט באַנומען, אַז דאָס אַלץ האָט זיך אים נאָר האַלב אין שלאָף געדאַכט, אַז דער פאָטער איז באַגינען געגאַנגען אין בית-המדרש אַריין, און אפילו אויך, אַז דאָס, וואָס די מאַמע האָט געפרעגט אים פאַרטאָג וועגן דעם שוועסטערל: „צי וועט ער דאָס שווייגן"... — איז נישט מער געווען, ווי אַ דאַכטן זיך... דאָך איז אין דוידלען געווען איצטער אַ רואיקייט אויסגעגאָסן. ער זעט דעם ליכטיקן טאָג פאַר זיך, דאָס היימישע און באַקאַנטע אַרום אים, און נישט ווי ער האָט ביינאַכט איבערגעלעבט אַלע שרעק-בילדער. ער האָט ערשט לייכט אָפּגעאָטעמט און ניי אויפגעלעבט. דאָס אַלץ אַרום איז טאַקע גראָ, אָרעמלעך, אָבער דערפאַר אַזוי גלאַטיק... נישט דאָס וואָס ביינאַכט. אָט שטייט דער טאַטע אין ווינקל און שאָקלט זיך, דער טלית האָט זיך אים אַראָפּגעשיט פון די אַקסלען און איין הינטערשטע, שווערע ציצה קלאַפּט מיט די קעמערלעך אין דער כנפה אָן פונדאַמענט פון פאַנטאָפל און די ציצה-פעדים ווישן זיך נאָך הין און צוריק איבער דער פאָדלאָגע. אויך די מאַמע האָט שוין צעשניטן ציבעלעס אויף דער באַנק פאַרן אויוון. זי גייט פיל ווייניק שבתדיק אָנגעטוען אין איר שבתדיקן יופּקעלע, און עס דאַכט זיך, אַז אויף איר פנים ליגט שוין אויך אַ מער אָדער ווייניקער רואיקייט פון: „גאָט, הלוואי זאָלן מיר שוין אויסגעלייזט ווערן"... דוידל הערט נאָך אַ ברום פון טאַטן ווי מיט אַ „יקום פורקן"-ניגון אין מיטן דאַווענען, ווערט דוידלען שוין גאָר פריילעך אויפן האַרץ און ס'איז אים שוין

נישט מעגלעך איינצוהאַלטן זיך נאָך און נישט אַראָפּ פון גע־
לעגער, אָנצוטוען זיך. ער האָט שוין אָנגעשטעקט די שטיוועלעך
און שטייט שוין ביים קיבעל וואַסער, מיט דער שעפּ אין דער
האַנט, און געבנדיק פון גרויס אויפגעלייגטקייט אַ שפּאָרן גאָס
וואַסער אויף איין האַנט, קומט צו אים שטיל צו די מוטער,
ווען ער נעמט נאָר איבער די שעפּ אין דער צווייטער האַנט,
כדי צו געבן אַ גאָס אויך אויף דער ערשטער און זי זאָגט
אים: „דוידל, „כליאַפּע" נישט אַזוי... עס קימט נישט גרינג
אָן"...

דוידל דערשפּירט ערשט, ווי דאָס וואַסער קאָסט שווערע
מי צו באַקומען אין דעם פראָסט, און זי, די מאַמע, קערט זיך
צוריק צום אויוון, מיט דער זעלבער שטילער רואיקייט. אים
דאַכט זיך, אַז זי איז עלטער געוואָרן. אויסערלעך האָט זי זיך
דאָך גאָרנישט געענדערט, נאָר אַ רחמנות נעמט איס אָן צוליב
דעם, וואָס זי איז געוואָרן, ווי אים האָט זיך גערדאַכט, איבער די
איינע נאַכט... און אויך איר איינגעשטילטקייט... כאָטש זי איז פריער
אויך נישט געווען אויפרייסנדיק פריילעך, נאָר דאָך האָט שטענ־
דיק געבליט אַ צוגעדעקטער שמייכל אויף איר פּנים...

— „וואָס האָט זי מורא"... — האָט דוידל אין דער שטיל
אויף איר ווי פאַראיבל געהאַט, אָדער מתרעם געווען—וועל איך
דען נישט פאַרדינען און נישט ברענגען אַהיים דאָס געלט,
ווען איך וועל עטוואָס גרעסער ווערן!..."—ער וואָלט טאַקע דאָס
זעלבע געוואָלט אויך זאָגן איר, אָבער ער שפּירט, אַז ער איז
נישט צוגעגרייט דערצו, אַז דאָס קול זאָל זיך אים גאָר אויפ־
הייבן איצט... אָט דווקא איצט...

שוין שטייט דער טאַטע די צווייטע „שמונה־עשרה" און
דוידל הייבט זיך אָן צוצואיילן, אַז דער פאָטער זאָל נישט
דאַרפן וואַרטן אויף אים מיטן עסן. וואַשט ער זיך געשווינד־

ווישט זיך אָפּ מיטן האַנטוך און שטעלט זיך דאַוונען, נעמענ־דיק דאָס פֿאַלטנדל אויף זיך, מיטן סידורל ביים אויוון.

ער מישט די בלעטלעך, אָבער טראַכט ביי זיך, אַז ער וועט שוין נישט אָניאָגן אַזוי גיך... און טראַכטנדיק אַזוי, אָט לייגט זיך אַ פֿלאַטערדיקער שאָטן אויפֿן פֿענסטערל, אַ קראָ איז ארויפגעפֿלויגן אויף דעם עק פֿון דאַך - דאַשעק, וואָס קוקט שטענדיק אַריין אין די געפֿרוירענע שייבלעך... און עס זעט זיך דייטלעך, ווי די קראָ שטייט דאָרט און דלאָביעט עפּעס צו זיך אין די פּיסלעך צו עפּעס אַ שטיקל האַרטע זאַך, וואָס זי האָט אויפגעכאַפּט ערגעץ פֿאַר אַ טיר, און עס זעט זיך דייטלעך איר קלאַפּן מיטן דזשאָב*) און דאָס אויסשפּרייטן אַלעמאָל פֿון אַ פֿליגל, ווי זי וואָלט זיך געוואָלט דערכאַפּן פֿון אַ גליטש אַראָפּ זיך טוען מיט אַ פּיסל, נאָך וואָס עס פֿלעגט זיך גאָכשטויבן אַ ביסעלע שניי און זיך צעשטויבן איבערן פֿענסטערל... דאָס איז געווען געװוינ, אַז דוידל זאָל זיך פֿאַר־טראַכטן מיטן סידורל אין דער האַנט... — ערשט, ווען דוידל כאַפּט זיך אויף, פֿילט ער זיך פֿאַרשעמט. ער ווייסט זיינע שלעכטע נייגונגען, פֿאַרוואָס די מאַמע רופֿט אים טאַקע „בעל־דמיון", און דער טאַטע — „כאָמיקל"... „ער קאָן קיין צוויי נישט ציילן"... אָדער גאָר „טשיכאַ וואָדאַ"... ער נעמט זיך שטאַרקער אין זין אַריין דאָס דאַוונען. נאָר דער טאַטע גייט שוין אויס „שמונה־עשרה". קוקט זיך שוין אום אויף אַלע זייטן און שפּייט אָפּ ביי „עלינו". די מאַמע טראָגט שוין אויך צו דעם טעלער געמאַכטע ציבעלעס, וואָס זענען באַשיט טיט זאַלץ... „אָט פֿאַר־וואָס זיי גלאַנצן, כאָטש אָן שמאַלץ"... דער טאַטע זאָגט אין שטוב אַריין „גוט שבת", מיט אַ האַלב קול, גייט זיך נאָך איבער

*) שנאָבל

אויף דער שטוב, דערנאָך — צו דער שעפּ, וואָס שטייט איבערן קיבעל.—די מוטער קומט צוריק צום אויוון, פרעגט דוידלען: „נו, וואו האַלטסטו?"... דוידל שאָקלט צו איר מיטן קאָפּ, אַז שוין באַלד... און דער טאַטע האָט זיך שוין געוואַשן, זאָגט „שאו־ידיכם", זיך ווישנדיק מיטן האַנטוך און באַלד זעצט ער זיך צום טיש. ווען דער פאָטער פאַרנעמט זיך שוין מיטן שטופּן אַ כזית פון חלהלע אין זאַלצמעסטל אַריין, שטייט שוין דוידל אויך ביים קיבעל און האַלט די שעפּ אין דער האַנט.

אין דעם ווינטערדיקן קליינעם טאָג, ביי דעם קאַרגן, קאַלטן מאַלצייט, ווען אין שטוב איז אויך נישט איבעריק וואַרעם געווען, נאָך דעם נעכטיקן ביסל פייער, וואָס איז געווען דאָ־הינען, האָט זיך אויך די איבעריקע צייט, וואָס איז געבליבן פון נאָך דעם עסן ביז פאַרנאַכט, געגלוסט אַרונטערצוקריכן אונטערן בעט און דאָרט אַזוי אָפּצוליגן, צי יאָ, צי נישט באַדערפטיק, ביז עפּעס וועט פאָרט אפשר אַנדערש ווערן. דער פאָטער נאָכן אָפּבענטשן, כמעט שטילערהייט און אין זיך אַריין, האָט שוין נישט געוואַרט און, ווי נישט אומקוקנדיק זיך אויף די שטוב, אַליין אויפגעהויבן דאָס איבערבעטל, אויסגעגלייכט דאָס קישעלע צוקאָפּנס, זיך אויסגעטועט די קאַפּאָטע, די שטיוול, דאָס היטל און בלייבנדיק שטיין אין בלויזן קאַפּל, זיך צוריק אַריינגעלייגט אין בעט. אויך די מוטער האָט, נישט רעדנדיק אַ וואָרט, פּאַמעלעך פאַררוקט די טעלערלעך נאָכן עסן אין ווינקל - באַנק נעבן אויוון. זי האָט נאָך געפּרואווט דערנאָך, בלייבנדיק שטיין נאָכן אַוועקשטעלן די כּלים, אַ קלער טוען, וואָס זי האָט איצטער צו טוען, און נישט געפינענדיק קיין עפּעס בעסערס, איז זי אויך אַוועק צו איר בעט און האָט זיך דאָרט געלייגט דערינען. דוידל איז געבליבן זיצן אַליין אין שטוב. דאָס טרעפט אים דאָס ערשטע מאָל אין לעבן און אים

גלוסט גאָרנישט צו נעמען זיך אַזאַ געדאַנק אין קאָפּ אַריין, ווי, אַז אין בית המדרש, ווי אַלעמאָל הרגענען זיך אַרום די יינגעלעך שבת נאָכן עסן און מען וואַרפט זיך מיט שניי-קוילן, איינגעטונקט אין וואַסער, זאָל היינט שטיל זיין אינגאַנצן... אינגאַנצן זאָל זיין דאָס בית-המדרש ווי פאַרמאַכט און זאָלן יידן נישט קומען אפילו דאַווענען דערין, איז אים שווער צו גלייבן. אָבער דאָך איז דער דרויסן ווי אָפּגעשלאָסן. און אַ סימן האָט ער, מען האָט היינט דעם גאַנצן מאָרגן נישט געזען אפילו קיין איין שאָטן פון אַ מענטש זיך באַוועגן אַרום דעם פענסטערל, קיין איין סקריפּ נישט איבערן דרויסנדיקן געפרוירענעם שניי, פון אַ מענטש אַ טריט. און די קולות פון דעם, וואָס ווייבער יאָגן געוויינלעך אין אַ שבת אינדערפרי נאָך דעם הייץ-גוי און יעדע פרוי שרייט און רייסט, אַז ער זאָל גיין צו איר אין שטוב פריער, האָט מען היינט אויך נישט געהערט. קיין שאָרך איז פון גאַס נישט אַריינגעפאַלן אַהער. איז אַזוי דודל געבליבן זיצן אין אַן אומבארחמנותדיקער שטילקייט אַצינד איינער אַליין. אין דעם זיצן דאָ-הינען און נישט קאָנען זיך באַפרייען פונדאַנען, איז אים ווידער געקראָכן דער טאַטע-מאַמעס ברוגז אין קאָפּ אַריין, כאָטש אינדערפרי, האָט זיך שוין געהאַט ביי אים דאָס געמיט אויסגעלייטערט און ווי עס איז זיך באַפרייט פון דעם. איבעריקנס, ער האָט איצט נישט שווער געטראַכט וועגן זייער פאַרביטערטן לעבן און וועגן דער איצטיקער שטי-מונג אין שטוב, — ווייל פאָרט איז ער געווען אַוועקגעצויגן צו דעם שבתדיקן פרייען געפינען זיך ערגעץ אין דרויסן אויפן טייך, אָדער גאָר אין בית-המדרש,—אויב נישט מיט די געדאַנ-קען איז ער דאָרט געווען, איז עס אים געלעגן, ווי אין האַלבן באַוואוסטזיין. און איינמאָל, געדענקט ער, אַ מעשה, ווי ער האָט אין אַ שבת בייטאָג נאָכן עסן, אויך ווען דער טאַטע איז

געשלאָפן אין דער היים, אומגליקלעך געבלאָנדזשעט אונטער דער שטאָט. ער ווייסט נישט צו וועלכן צוועק ער איז דעמאָלט פאַרקראָכן אין דעם קוואַרטאַל, וואָס פירט צום טייך אַראָפּ, אָבער אויפגעכאַפּט האָט ער זיך נאָך אַן אַרומבלאָנדזשען פאַר־טוען אין געדאַנקען, גאָר אין אַ הייפל, וואו עס איז געווען אַ גאַרבעריי אין עק שטאָט, און ער איז געשטאַנען נעבן אַ קאַלך־קאַטקע, וואָס איז געווען דעמאָלט גראָד אָן פּעל, נאָר בלויז אַ ריין בורשטינען קאַלך־וואַסער, בשעת דער קאַלך איז געווען אויף דער דנאָ אָפּגעזעצט און פון לויטערקייט האָט מען געקאָנט אַדורכזעען דורך דעם וואַסער, נישט נאָר דעם קאַלך, נאָר יעדעס פּינטעלע, וואָס האָט זיך דערויף אָפּגעזעצט. די זון האָט געגאָסן מיט ליכט איבער דער דאָזיקער און נאָך איינער אַ דערנעבנדיקער קאַלך־קאַטקע און דוידל שטייענדיק דאָ אַליין, נישט וויסנדיק ווי לאַנג שוין און ווי אַרום אפילו ער איז אין דעם הייפל אַריין, האָט דאָס ערשטע מאָל דערפילט דאָס געוויין פון זיין האַרץ. כאָטש ער אַליין האָט נישט געוויינט, נאָר געווען ווי פאַרשטיינערט, אָדער בעסער געזאָגט, ווי פאַר־ברענט פון צער און ער האָט אפילו קיין פּיפּס נישט אַרויס־געלאָזט, אָבער אין געדאַנק האָט זיך דעמאָלט עפּעס געפלאָנ־טערט און מיט דער גאַנצער שטאַרקייט פון זיין אומגליק דורכגעפילט אָט די איינציקע פראַזע, וועלכע ער האָט נישט געזאָגט, נאָר געשטאַנען אים אין זיין גאַנצן וועזן: „גאָט, הלוואַי וואָלט איך דאָ אין דער קאַטקע דערטרונקען געוואָרן”...

געשעען איז ביי דוידלען איין קלייניקייט נאָר. ס׳איז געווען אין דעמאָלטיקן שבת אינדערפרי טאַקע. דער פאָטער איז געזעסן ביים שבתדיקן מאָלצייט נאָכן שול־גיין. דאָס פענסטער פאַרן טיש איז געשטאַנען רחבותדיק אָפן. רחבותדיק זענען אויך געלעגן גרויסע חלות אויפן טיש און־גוטע פיש

אויף די טעלערס. אַריינגעטון אין דער שבתדיקער הנאה און אין זיין ברייטקייט, האָט דער טאַטע געזונגען זמירות ביים טיש. די מאַמע איז גראָד נישט געווען, נאָר אָט איז זי אַריין אין שטוב מיט דער דיניצע טשאָלנט, באַלד ביי דעם אַריינקום אירן האָט דער טאַטע געגעבן אַ מאַרשטשע דעם שטערן, אויפֿהייבנדיק דעם בליק, אַז זי זאָל נישט שטערן אַזאַ הויך ענין, ווי זינגען שבתדיקע זמירות און לויבן גאָט. נאָר אָט האָט די מאַמע אַנידערגעשטעלט דאָס טשאָלנט אויף אַ בענקל, אָפּגעריסן די אַרומגעקלעבטע שטאַרץ, אַ קוק אַריין געגעבן און געבליבן שטיין מיט פאַרבראָכענע הענט, נישט אויסרעדנדיק קיין וואָרט. אינעווייניק זענען געווען קויל-פאַרברענטע קאַרטאָפּלעס און דער קוגל אינם קוגל-שאַרבן—אַן איינגעטריקנט, איינגעשרומפּן שערבעלע.

—וואָס פאַר אַן אומגליק איז געשען, אַ מענטש געהרגעט?

—האָט דער טאַטע געפרעגט, זעענדיק, ווי זי האָט פאַרלוירן דאָס לשון און געבליבן ווי פאַרשטיינערט.

—און וואָס זאָגסטו—האָט זי געפרעגט—דאָס איז נישט קיין מענטש געהרגעט?—און דערביי האָט זי אויפן טאַטן אויסגעשאָסן מיט אַ בליק אין די אויגן.

דער טאַטע איז א מינוט פאַרשטיינערט געוואָרן און בלאַס, דערנאָך איז ער פלוצלינג אויפגעשטאַנען.

—ווייז נאָר—האָט ער געזאָגט—לאָמיך נאָר זען, ווי אַזוי אַ געהרגעטער מענטש זעט אויס... און ער איז צוגעגאַנגען מכלומרשט אַ קוק אַריין טון אין די דיניצע.

און דוידל ווייסט נישט, וואָס מיטן טאַטן איז דעמאָלט געשען. ער האָט די דיניצע אויפגעהויבן ביי די אויערן, נאָך העכער, ווי צו קאָנען בעסער אַריינקוקן אין איר. און איז די דיניצע אין איין רגע געווען הויך איבערן טאַטנס קאָפּ

און שוין — אַ צעשמעטערטע אויף דער פּאָדלאָגע, אויסגעשמירט מיט אַלע שאַרבנס און אַלע קאַרטאָפלעס.

דוידל ווייסט אויך נישט, וואָס מיט דעם מאַמען איז דע־מאָלט געשעען אין דער זעלבער רגע. זי האָט אפילו נישט גע־זעען דעם רעזולטאַט פון דער דיגיצע אויף דער פּאָדלאָגע, איז זי שוין געווען אַריינגעביסן מיט די ציין אין טאַטנס גאָמבע און אַ פייערדיקער פּאַטש איז געפלויגן פון טאַטנס הענט אויף איר באַק, נאָר זי האָט נישט אָפּגעלאָזט, נאָך שטאַרקער אַ שאָקל געטון מיט איר מויל צוריק אין זיין גאָמבע אַריין, ווי זי וואָלט זי געוואָלט אינגאַנצן אַרויסרייסן פון איר אָרט, אַזוי, אַז דעם טאַטנס פּנים האָט זיך אַזש געגעבן אַ טרייסל מיט און שוין איז ער געלעגן אַ געחלשטער אויף דער ערד, פאַרגאָסן אין בלוט...

עס האָט נישט לאַנג געדויערט איז שוין די גאַנצע שטאָט געלעגן אַרויפגעלאַגערט אויף זייערע פענסטער, די שטוב איז געווען פול און דער דאָקטאָר איז אַריין אין איר מיט גרויס אימפּעט, שטופּנדיק זיך צווישן די מענטשן.

אָט אין יענעם שבת בייטאָג, ווען די שטאָט איז שוין געשלאָפן נאָך די טשאָלנטער און דער עולם האָט זיך שוין גע־האָט באַרויִקט, אין זייער שטוב איז שוין געווען שטיל ווי אויף אַ בית־עולם, האָט דוידל דאָס טאַקע אַרומגעבלאָנדזשעט אין יענעם קוואַרטאַל שטאָט, ווי ער איז געשטאַנען נעבן דער קאַלך־קאַטקע, ווי די זון האָט אַזוי העל געשיינט און דאָס קאַלך־וואַסער איז געווען לויטער ווי בורשטין.

שפּעטער, ס'הייסט שבת פאַרנאַכט, ווען דוידל איז שוין געווען צוריק אין שטוב, האָט ער נאָר געזען אַ בלוט־רויטן פלעק פון זון־זעצן אויף דער וואַנט צוקאָפּנס פון דער מאַמעס בעט, אין וועלכן זי איז געלעגן, פאַרבונדן מיט אַ נאַס רויט

פאַטשיילעכל דעם שטערן און ווייטער איז אַלץ געווען שטיל, און די ליידיקייט אַזוי גרויס ביז צום הימל...

ער געדענקט שוין נישט קלאָר ווי אַזוי דאָס איז געווען, איבערהויפּט, ביי אַזעלכע מאָמענטן געדענקען זיך מאַנכע איינצל־הייטן גאָר שאַרף ביז אין טויט אַריין, און, מאַנכע ווידער, מסתּמא אַזעלכע, וואָס זענען נאָר נעבן־זאַכן און וואו אהין דער עיקר אויפמערקזאַמקייט איז נישט געווענדט, ווערן זיי גאָר שוואַך געדענקט, אָדער אפשר באַלד גאָרנישט באַמערקט, איז ווער געקומען פון דער משפחה, עפּעס גאָר אַ נאָענטער פון טאַטנס צד און האָט דוידלען אָנגענומען ביי אַ הענטל אין שטוב, גאָר־נישט אויסרעדנדיק קיין וואָרט צו דער מוטערס זייט, ווי די איז געלעגן שוין גוט פאַרהילט אין טונקלהייט פון גאָר נישט קיין ניצוץ שיין פון טאָג נאָך, וואָס האָט זיך שוין לאַנג גע־האַט געענדיקט, און אַרויספירנדיק דוידלען פון שטוב, האָט ער אים אין דער טונקל, נאָך פאַר דער שוועל, געזאָגט: „קום צום טאַטן"...

דוידל איז געלאָפן אָנהאַלטנדיק זיך מיט זיין הענטל אין יענעמס האַנט, זיי זענען געלאָפן איבערן שאָסיי, פאַרביי טאַקע דעם דאָזיקן טייך, וואָס איז געלעגן אויף דער זייט פון ווע־רויטליכע און אין דערמיט שוין גרינע, ווי אויסגעלאָשענע שטריפן האָבן זיך איבערן הימל געצויגן און אין דעם טונ־קעלן, אויך שוין, ווי אויסגעלאָשענעם וואַסער, זיך אָפּגעשפּיגלט. דוידל האָט געהאַט אַ שרעק צו קוקן. ער האָט געשפּירט, ווי אין דעם וואסער איז עפּעס, ווי נאָך אַ שריפה, אָדער אויף דער וועלט איז אַ גרויסע פאַרוויסטונג געשעען...

און אָט, איז ער שוין אין אַ שטיבל, גאַנץ ווייט אונ־טער דער שטאָט. ער דאָנזשעט נישט זיך אומצוקוקן צוליב דער פינסטער און אויך צוליב דעם, וואָס ער איז ווי אַריינגעפאַלן

אַהין איבער אַ הויכער שוועל — האַלט אים שוין דער פּאַטער נאָענט בײַ זיך, שטייענדיק איבער אים:

— דוידל, וועלן מיר זיך געזעגענען, מײַן קינד... — האָט אים דער פּאַטער אָנגענומען בײַם פּנימל און אַ גלעט געטון.

ער האָט אים אַרויסגעפירט אין דרויסן, געבליבן שטיין מיט אים אויפן פּלאַץ און שאָקלענדיק מיט'ן קאָפּ, ווײַטער געזאָגט:

— מאָרגן, דוידל, מאָרגן... וועסטו מיך שוין נישט זען, דאָס וועט מיר ווי טוען...

ער האָט עפּעס שאַרף אַ קוק געטון אין דער לופט אַרײַן:

— יאָ, דוידל, יאָ... אַזוי, אַזוי... — און אין אַ ווײַלע אַרום, אַראָפּלאָזנדיק צוריק דעם קאָפּ צוגעגעבן — נו, וואָס זאָל מען טוען...

שוין, מער האָט ער אים נישט געהאַט וואָס צו זאָגן און ביידע זענען געשטאַנען אַ ווײַלע שטיל. דער פּאַטער האָט אָנגענומען דוידלען בײַ דער האַנט:

— קום, דוידל... די נאַכט וועסטו נעכטיקן מיט מיר... — און ער האָט אים צוריק אַרײַנגעפירט אין שטיבל אַרײַן.

ס'איז געווען שוין גוט פינסטער אין שטיבל, אַז אייבער האָט דעם צווייטן נישט געזען, נאָר אָט האָט מען שוין אָנ-געצונדן אַ ליכטל, פון אַ ווינקל אַרויס האָט זיך געהערט אַ שטיל קול פון אַן עלטערער פרוי מיט אַ „גוט וואָך", און די זעלבע פרוי איז געגאַנגען מיט פּאַמעליכע טריט צום קופערט, וואָס איז געווען האַרט בײַם פענסטער. צוהאַלטנדיק זיך מיט ביידע הענט אָן טישל, איז זי אַרויפגעקראָכן אויפן קופערט, אַראָפּגעקריגן דאָס וואַנט-לעמפּעלע, געשטעלט עס אויפן טיש, און פון דאָרט איז זי צוריק אַראָפּגעקראָכן, גענומען עס לאָדע-

טוען אָנצוזצינדן. דוידל האָט דאָס פּנים נישט אויפגעהויבן, כּדי זיך נישט צו באַגעגענען מיט דעם פּאָטערס. ער איז געזעסן אַנטשוויגן מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן נעבן פּאָטערס זייט אויף אַ לאַנג הילצערן בענקל. ווען די פרוי איז פאַרבייגעגאַנגען די שטוב מיטן לעמפּעלע אין דער האַנט, האָט זיך אַ זיפץ געלאָזט הערן און זי האָט געפרעגט, צי וועט דוידל נישט עפּעס עסן.

—ער איז אוודאי הונגעריק,—האָט דער פּאָטער געענטפערט.

דוידל האָט געדרייט מיטן קעפּל און שטיל און אומעטיק צווישן די ציין דורכגעזיגן אַ „ניין"...

— ס'שאַדט נישט דוידל. — האָט דער פּאָטער אים אַ גלעט געטוען.

פונב אַלקערל, וואָס אַ דין ווענטל מיט אַן איינגאַנג האָט עס אָפּגעטיילט, אויך איבער אַ הויכער שוועל אַריבערצוגיין, האָט זיך פון דער פינסטער דאָרט געלאָזט הערן אַ פאַרהוסטן זיך פון אַן אַלטן מאַן. דאָרט איז געווען דאָס אַן פינסטערדיקע שלאָף־צימער פון אַלטן פאָרפאָלק. די פרוי האָט אַרויפגעשטעלט פאַר דוידלען אַ גלאָז מילך אויפן טישל, אַן אָפּגעשניטן שטיקל חלה געלייגט, און בעטנדיק דוידלען צוגיין, איז זי אַליין אַוועק אין דעם פינסטערן חדר.

אויפן פאַרלאַנג פון פאָטער איז דוידל געשטאַנען ביים טישל און גענומען דאָס גלאָז מילך אין הענטל אַריין, אָבער דעמאָלט ערשט האָבן צוויי טרערן, ווי זיך אויפגעבונדן פון זיינע אויגן און זיך געגליטשט און געקייקלט פון פּנימל אַראָפּ... ער האָט געגעסן, נאָר נישט געוואוסט וואָס און ווי אַזוי, די שטיל־קייט האָט זיך אויף אים געלייגט. ער האָט נאָר געשפּירט די טרערן זיך גיסן, מורא געהאַט אויפן פּאָטער אַ קוק צו טוען.

ער האָט עפּעס געזאָגט: „דוידל זאָל מיט אים נעכטיקן די היי־
טיקע נאַכט"...

ער האָט שוין צוריק אָפּגערוקט דאָס גלאָז פון זיך, דער
פּאָטער איז אַליין געזעסן דעם קאָפּ געזונקען אויף יענעם בענקל,
וואָס שטייט אין דער מיט שטוב. די אַלטע פרוי איז געקומען
צוריק אַריין, פּאַמעלעך צוגעגאַנגען צום טישל, אָנגערירט דאָס
גלאָז, געפרעגט:

— פאַרוואָס האָסטו נישט געטרונקען?

דוידל האָט נישט געענטפערט, נאָר די טרערן האָבן אים
געבלישטשעט אין די אויגן, די ברעמען זענען ביי אים גע־
שטאַנען אָפן, גלייך און אומבאַוועגלעך, קוקנדיק אין איין ריכ־
טונג, אין דער קעגנאיבערדיקער וואַנט.

די פרוי האָט גענומען דאָס גלאָז און, אַוועקגייענדיק,
אָפּגעזיפצט.

— טו דיך אויס, דוידל, — האָט דער פּאָטער שטיל און
קורץ געזאָגט.

דוידל האָט, נישט אופהייבנדיק דעם בליק, זיך געפאָלגט
דער פּאָטער האָט זיך נאָך עפּעס אַרומגעדרייט אין שטוב, גע־
לייענט קריאת-שמע. די פרוי איז צוגעגאַנגען בעטן דאָס בעט,
וואָס איז געשטאַנען ביי דער וואַנט, נאָכן נאָכן פענסטערל,
און דוידל האָט זיך באַלד אַריינגעלייגט דערינען. ווען דער
פּאָטער האָט געהאַט געענדיקט דאָס קריאת-שמע-לייענען, האָט
די פרוי שוין געהאַט צוגערוימט אויך ביים קוימען, וואָס איז
געווען ביי דער טיר לינקס, צוגעקייטלט די טיר, און שטילער־
הייט, מיטטראָגנדיק אַ שעפּ וואַסער, איז זי אַוועק אין דעם
אַלקערל. דער פּאָטער האָט זיך אויסגעטוען, פאַרלאָשן דאָס
לעמפל און זיך באַלד געלייגט נעבן דוידלען.

די נאַכט איז געווען שטיל. פון שאָסיי האָט זיך געהערט אַ גראָכאָטשען פון רעדער, מיט אַ לאַנגזאַם אָפּקלאַפּן פונקט, ווי דאָרט וואָלט זיך עפּעס געשלעפּט און געשלעפּט. די אָפּקלעפּ זענען זיך צעשוואומען אין דער ליידיקייט, ווי דאָ וואָלט געווען ווי ווייט פון אַ ישוב. דוידל האָט זיך איינגעטוליעט אין פאָטער.

— מאָרגן, — האָט דער פאָטער געזאָגט — דוידל, וועל איך שוין נישט זיין הי... — ער האָט אים געגלעט איבער זיין קליינעם אַקסעלע און אים אַרומגעדעקט דאָס פּלייצעלע, — אויב עס וועט דיר נישט גוט זיין, זאָלסטו אָן מיר נישט פאַרגעסן... זאָלסט געדענקען, אַז דו האָסט אַ טאַטן... און איך וועל דיך נישט פאַרגעסן.

דוידל האָט געפילט, אַז זיין גורל איז שוין אונטערגעשריבן... ער פאָרט אַוועק... ווייט. ווייט אין דער וועלט אַריין... און ער און די מאַמע וועלן דאָ בלייבן אויף אייביק אַליין...

ער האָט שטאַרקער אַריינגעגראָבן דאָס פּנימל אין פאָטערס זייט.

— צי דו וויינסט, דוידל? — האָט דער פאָטער געפרעגט און אַריינלאָזנדיק די האַנט צווישן זיך און דוידלס פּנימל, האָט ער דערשפּירט ווי די טרערן אין די אייגעלעך בריען אים די הענט אָפּ.

— וויין נישט, נאַרעלע! — האָט דער פאָטער אים געבעטן — אַזוי איז דער גזר. מיר מוזן זיך אויף אַ שטיקל צייט שיידן, נישט אויף לאַנג, נו... קינד מיינס... — און דער פאָטער האָט אים מיט דער דלאָניע געווישט די אייגעלעך און געצערטלט לייכט מיט די שפּיצן פינגער, ווי אַרומזוכנדיק עפּעס איבער דער הויט פון זיין פּנימל. — איך וועל דיר דערציילן אַ מעשה מיט אַ פאַרוואָרפענעם פּרינץ... דערציילן דיר?...

דוידל האָט נישט ווילנדיק אַ שאָקל געגעבן מיטן קעפּל אין פאָטער אין דער זייט אַריין.

— אַמאָל איז געווען אַן אַלטער קעניג, קיין ווייב האָט ער שוין נישט געהאַט, נאָר אַ בן-מלך מיט אַ בת-מלכּה, אַ זון מיט אַ טאָכטער, איז די בת-מלכּה פאַרלוירן געוואָרן, האָט דער פאָטער געלאָזט וויסן איבער דער גאַנצער מדינה, אַז ווער עס וועט אים זיין טאָכטער אָפּברענגען צוריק געזונט, דעם גיט ער זי פאַר אַ ווייב און דערצו פאַר אַ גלייכן יורש צו דער מלוכה, וואָס דער זון, דער בן-מלך, דאַרף ירשענען. האָבן זיך געפונען גאָר אַ סך בעלנים, אי אויף דעם קעניגס טאָכטער, אי אויף דער האַלבער ירושה פון דעם לאַנד. אָבער דער אַל-טער קעניג איז געוואָרן נאָך גראָער, נאָך עלטער, שוין גאָר טיף אין דער עלטער, דער קאָפּ, וואָס ווייטער, אַלץ טיפער אין טרויער און די טאָכטער האָט קיינער נישט געזעען און נישט געהערט. האָט דער בן-מלך נישט געקאָנט מער פאַרטראָגן דעם אַלטן טאַטנס צער, און ער האָט געזאָגט: טאַטע, נישט מיר האָבן זיך אונזער גורל באַשאַפן, און אַגיב איך וועל גיין ערשט זוכן מיין פאַרלוירענע שוועסטער, טאָרסטו מיך דערפון נישט אָפּהאַלטן, ווי טייער איך זאָל דיר נישט זיין, ווייל מיין גורל און דיין גורל איז אַזעלכער... —„גוט!" — האָט דער פאָטער געזאָגט — מיין זון". — ער האָט אים געקושט און ביידע האָבן געוויינט. דערנאָך האָט דער אַלטער קעניג געלאָזט אָנ-זאָטלען אַ פערד און דער זון איז אַוועקגעריטן. איינמאָל קומט ער אין אַ וואַלד אַריין, נאָך אַ לענגערער צייט אַרומרייזן, אין אַ גאָר אומבאַקאַנטער געגנט און ער איז געבליבן שטיין פאַר אַ הויכן באַרג, נישט אַרומצופאָרן אַרום אים צוליב די שטיינער און וואַסערן, וואָס האָבן זיך געפונען אַרום אים און נישט — אַריבערצופאָרן צוליב זיין הייך, וואָס האָט געגרייכט מיט שפּיץ

אין הימל אַריין. האָט ער צו דעם פערד געזאָגט: איך מוז זיך איצטער שיידן מיט דיר, דו זעסט דאָך, אַז אויף דיר אַרויפ־רייטן דאָ אָהער און דערנאָך צוריק אַראָפּ אויף דער צווייטער זייט איז אוממעגלעך, דאַדורך גיי־זשע דו דיר דאָ יעדן טאָג הין און צוריק ביי דעם באַרג, עס דאָס גראָז, און נאָך זיבן טאָג, אויב דו וועסט נישט האָבן געהערט דורך דער גאַנצער צייט אַ קלאַפּ ערגעץ אין דער נידער צווישן די שטיינער, וועסטו וויסן, אַז איך בין בשלום אַרויף אויף דעם שפּיץ און פון דאָרט וועל איך גיין ווייטער זוכן. אויב אָבער, אַז דו וועסט האָבן געהערט אָט אַזאַ קלאַפּ, זאָלסטו וויסן, אַז איך בין אַראָפּגעפאַלן און, אויף יענעם אָרט, פונוואַנען דער קלאַפּ קומט, זאָלסטו צוגיין מיך זוכן, זאָלסט מיך דאָרט באַטרויערן, מיין אַלטן טאַטן באַדויערן, וואָס זיין וואונטש האָט נישט געקאָנט מקוים ווערן; זאָלסט דאָ בלייבן, און ווי לאַנג דיר איז אויפגעלייגט צו לעבן, אין אַזאַ וויסט אָרט... דו זאָלסט אָבער נישט פאַרגעסן, אַז אויב איך וועל בשלום אַרויף אויף דעם שפּיץ, וואוהין איך גיי מיין שוועסטער זוכן... אוי, קינדעלע־כ׳מיין, פערדעלע... ווייל מיין אומגליק־לעכער גורל האָט מיך געפירט, אַז כ׳האָב נאָך ביז היינט מיין שוועסטער נישט געפונען... אויב, איך וועל זי געפינען – וואו איך זאָל נישט זיין – איז דעמאָלט קינדעלע, –

– האָט דער פאָטער אויך אָנגעהויבן צו וויינען... – און שטיל איז געוואָרן אַרום די גאַנצע וועלט, ווי דערשטיקט אין טרערן.

געלייגט זיך שלאָפן אין תחילת און ערשט, ווען די הע־נער האָבן געקרייעט אויף ווייט שוין נאָך האַלבער נאַכט, איז פריער דער פאָטער און דערנאָך ערשט דוידל איינגעשלאָפן אין זייער גרויסן אומגליק... „איז וואו איך זאָל נישט זיין, וועל איך אָן דיר געדענקען“...

ס'איז נאָך געווען פֿאַרטאָג, ווען דער פֿאָטער האָט אים אים אויפֿגעוועקט, שטייענדיק שוין אַליין בײַם בעט אָנגעטוע־נערהייט...

דוידל האָט זיך געשווינד אַ כאַפּ געטאָן פֿון בעט. דער דרויסן איז נאָך געווען גראָ, די זון איז נאָך נישט גע־האַט אויפֿגעגאַנגען, און איבער דער צייט, וואָס דוידל האָט זיך אָנגעטאָן, איז דער פֿאָטער געשטאַנען בײַם טישל מיטן פּנים צום פֿענסטער, וואו אונטער דעם האָט זיך געשאָקלט אַ יונג ווערזשבע־ביימל, מיט דינע יונגע, כמעט נאַקעטע ריט־לעך, און דער פֿאָטער האָט געקוקט פֿאַרטראַכט אין דער ווייט־קייט אַריין...

דוידל איז, אָנגעטאָן אין די שטיוועלעך, צו צום קיבעל וואַסער, דאָרט אין ווינקל בײַ דער טיר, פֿונוואַנען די אַלטע האָט נעכטן מיט זיך מיטגעטראָגן די שעפּ מיט וואַסער צום שלאָפֿן־גיין, און ער האָט געוואַשן מיט אַ טעפּל, וואָס דער פֿאָטער האָט דאָרט געלאָזט שטיין אויפֿן בענקל, נאָך זײַן וואַשן זיך. באַלד איז דוידל שוין געווען גרייט אין פּאַלטנדל און, ווען דער פֿאָטער האָט זיך צו אים אומגעקוקט, האָבן זיי ביידע גלײַך אָנגעהויבן צו פֿאַרלאָזן די שטוב, שטיל, און דער פֿאָטער בעזונקען דעם קאָפּ, אפֿילו נישט אָנזאָגנדיק וועגן זייער אַוועק־גיין דעם אַלטן פֿאַרפֿאַלק פֿון אַלקערל.

אַ פֿריש ווינטל האָט דוידלען אַרומגענומען. ווען זיי זע־נען אַרויס אין דרויסן האָט שוין דער מזרח געבליט רויט. עס האָט זיך דערקאָנט די נאָענטקייט פֿון דער זון, אָבער די וועלט איז נאָך געלעגן אין טיפֿן שלאָף. אייניציקע פֿישטשן פֿון פֿייגע־לעך האָבן זיך נאָר געהערט, קורץ, שוואַך, אָפּגעהאַקט און אין דער מיט איבער דער וועלט, האָט נאָך דער הימל אַראָפּגעקוקט ווי פֿאַרחלומט, אָדער אַליין, ווי אַ חלום... ביידע זענען גע־

באַנגען שטיל און פאַרקלערט איבערן שאָסיי. ווען זיי זענען צוגעקומען פאַרן טייך, שוין נאָענט פון דער שטאָט, האָט זיך דוידל אומגעקוקט צוליב דעם שרייען פון איין ווילדע קאַטשקע, וואָס האָט זיך פּלוצלינג אויפגעהויבן פון צווישן די הויכע גראָזן אויף דער קעמפּע אין מיטן טייך, און אין דעם געשריי, בשעת זי האָט צוריק זיך אַראָפּגעלאָזט שוין אויף דעם גלאַטן וואַסער, פאַרמאַכנדיק די פליגל און אָנהייבנדיק צו שווימען דערויף, ווי קיינמאָל גאָרנישט, האָבן זיך שוין פון צווישן די זעלבע גראָזן אַרויס אין עק פון דער קעמפּע, גע־לאָזט אַרויסשווימען אַ שנירעלע יונגע קאַטשקעלעך, איינס אונ־טערן אַנדערן לענג אויס, נאָכן שליאַך פון דער גרויסער קאַטש־קעס־מוטערס, שווימען.

די ערשטע געראָטלטקייט איז שוין געפאַלן אויף די שפּיצן גראָזן פון יענער קעמפּע, די ערשטע רויטלעכע זונען־שטראַלן האָבן זייערע שפּיצן אָנגעגליט, און ווי אַ פאַרשעמטע האָט די זון אָנגעהויבן אַרויסצוקוקן מיט אַ קאַנט פון איר פּנים אויף דער וועלט... ס׳איז געוועזן מערקווירדיק יענער מאָרגן צו דוידלס האַרץ, און יענעם מאָרגן וועט ער שוין קיינמאָל נישט פאַרגעסן...

וואָס בענטער זיי זענען צוגעקומען צו זייער שטוב, אַלץ אָפטער האָט דער פאָטער אויפגעהויבן די אויגן, אַ קוק צו טאָן פונדערווייטנס נאָך דעריבער. נאָר אָט זענען זיי ביידע גע־בליבן שטיין אונטער דער וואַנט פון יענעם הויז, וואָס האָט ערשט פאַר זיי ביידע, אויך דוידלען, אויסגעזען, ווי נישט זייער היים און ווי פרעמד...

— נו, דוידל, — האָט דער פאָטער געזאָגט — אָט דאָ גע־זעגענען מיר זיך...

— אוי, — האָט זיך דוידלען אַרויסגעריסן אַ קרעכץ ענלעך צו אַ געשריי.

— שאַ-זשע... — האָט דער פאָטער געזאָגט מיט אַן אַדורכ-געמעוודיקן קוק צו אים — וואָס ביסטו, אַ קינד?...

דוידל האָט דערשטיקט זיין ווי-געשריי, אָבער אויך ווי-נען האָט ער נישט געקאָנט, ווייל די אויגן האָבן קיין טרערן נישט געלאָזט פונקט, ווי שטיין...

— נו, נאַ-זשע דיר אַביסל געלט, אַ דייזנע, דוידל, אַ דייזנע... וועסט דיר קויפן צוקערלעך...

דאָ האָט דוידל געגעבן אַ שטילן כליאַפּ אַרויס טרערן פון די אויגן, אָפּבאָדנדיק זיך אין זיי אינגאַנצן...

— וואָס-זשע דען ווילסטו, דוידל... האָט דער פאָטער גע-טוליעט זיין פנימל צווישן זיינע ביידע דלאָניעס. — נו וואָס-זשע האַ... זע, איך קאָן שוין דאָ נישט בלייבן, די זון שיינט שוין... באַלד וועט די גאַס אויך אויפשטיין... — און אַראָפּבייגנדיק זיך שטיל איבער זיין קעפל, אים אַ קוש געגעבן אין איין זייט פנימל, אין דער צווייטער און געדריקט אים צו זיך, נאָר איבערגעלאָזט אים באַלד אַליין שטיין... פונדערווייטנס, אָבער האָט זיך דער פאָטער אָפּגעשטעלט, אומגעקוקט זיך. דוידל האָט געזעען זיין שאַרף פנים, זיינע פאַרקרימטע אויגן. ער האָט באַלד געמאַכט אַ מאַכטלאָזע באַוועגונג מיט ביידע הענט אויס-שפרייטנדיק זיי, און ער האָט אָנגעהויבן זיך צוריקצוקערן לאַנג-זאַם.

— נאַ-זשע דיר, דוידל, דאָס גאַנצע געלט — האָט ער אָנ-געהויבן אַריינצושיטן פולע גאָרשטשעס מיט זילבער אין די פאַלטן-קעשנקעלעך — נאַ... וועסט עס שפּעטער אָוועקגעבן דער מאַמען...

— און דו פאָרסט נישט? — האָט דוידל מיט אַ פאַרהאַקטן אָטעם געפרעגט.

— ניין!... — האָט דער פאָטער האַסטיק אַ זאָג געטון און אַרויפכאַפנדיק דוידלען מיטן געלט אין די קעשענעס אויף זיין ברוסט אַרויף, אָנגעהויבן אים צו קושן און צו דריקן צו זיך — איך וועל שפּעטער קומען... — האָט ער נאָך האַסטיקער אַרויס־געזאָגט, נאָכאַמאָל נאָך שטאַרקער געדריקט דאָס יינגל צו זיך און אַוועקשטעלנדיק אים צוריק אויף דער ערד, איז ער ווי משוגע אַנטלאָפן אין גאַס אַריין...

איצטהאָט דוידל שוין געגלייבט, ער איז עפּעס ווי זי־כער געוואָרן, כאָטש אָן אַ שום גאַראַנטיע, נאָר בלויז וואָס האָט אַזוי געפילט פונם פאָטער, — אַז ער וועט שוין נישט פאָרן...

שפּעטער האָט זיך דוידל דערוואוסט, ווער דאָס שטיבל איז געווען. אַז דאָרט איז זיין פאָטערס אַ מומע, דעם טאַטנס מוטערס אַ שוועסטער, וואָס וואוינט דאָרט מיט איר אַלטן כּל ימיהם, און, אַז איינמאָל האָט שוין דוידל אפילו געהאָט גע־נעכטיקט דאָרט, ווען אין שטאָט איז געווען אַ גרויסע שרפה האָט אים די מוטער געטראָגן אַהין, פאַרהילט אין אַ פאַטשיילע. אויפן וועג האָט דוידל, אַ פּיצעלע זייענדיק, אַרויסגעשטעקט אַן אייגל פון דעם טוך און מיט אַ פינגערל, וואָס ער האָט אַרויסגעקריגן, נעבן פּנימל, ווי מען האָט געלאָזט אָפן, אַז ער זאָל קאָנען האָבן אַן אָטעם, אָנגעוויזן דער מאַמען אויף דער קויל פון דעם שפּיץ „קאָשציאָל", וואו די אַרומיקע שרפה האָט געשפּיגלט אין דער נאַכט:—אָ!...

אָט דעם „אָ!..." געדענקט נישט דוידל. נאָר דאָס בלישטשען בלויז... אויך געדענקט ער דאָס שטיבל, וואו עס האָט זיך אַרומגעדרייט נאָך דער אַלטער דעמאָלט, אין אַן אַלט־פאַרצייטיש

קאַשקעטעל אויפן קאָפּ און אין שטיוול מיט איבערגעקערטע כאַלצועס מיטן סאַפּיאַן אַרויס...

אַ שטיקל ברוגז האָט זיך געצויגן צווישן טאַטע־מאַמע און ווידער איז אָנגעקומען אַ צייט, ווען די מוטער האָט זיך געקאָנט רעוואַנשירן פאַר איר שלעכטער טאַט קעגן טאַטן, אַרויסווייזן, נישט ספּעציעל, נאָר ווי עס וואָלט זיך געפּפּענט ביי איר גאָר אַן אַנדער ווינקל, פון וועלכן זי האָט אַליין נישט געוואוסט, די גרויסע צוגעבונדנקייט צו אים, צום טאַטן...

ס׳איז געווען, ווען דער טריינאָווער פּריץ, אַ הויף, נישט ווייט, האָט באַפוילן צום טאַטן, אַז ער זאָל אַרויסקומען צו אים מיט לוי דעם תבואה־סוחר. אַ ספּעציעלן שליח האָט דער פּריץ געשיקט, אַ רייטנדיקן אויף אַ פערד, וואָס איז געבליבן שטיין אונטער זיינע פענסטער און דער רייטער מיט געלע וואָנסעס, אַ שטייענדיק קעלנערל פון דער מאַרינאַרקע און אַ גלאַנציקן טיפן דאַשעק, וואָס האָט אַזש באַשאָטנט די אויגן, האָט דעם טאַטן אַראָפּגעגעבן אַ בריוו, זיצנדיק אויפן פערד.

עס איז שוין געווען שפּעט אין דער נאַכט און דער טאַטע האָט זיך נאָך נישט געהאַט צוריקגעקערט, כאָטש געווען איז דאָרט אַהין נישט מער, ווי אַ וויאָרסט צען, אָדער צוועלף, וואָס אויף אַ׳ גוט פערד פאָרט מען דעם וועג איין אין עפּעס מער ווי אַ שעה. אַרויסגעפאָרן איז ער גאַנץ פרי אין אַ גרויסן זומער־טאָג, מיטגענומען אפילו דאָס איבערבייס אין קעשענע און דאָ איז שוין שטאָק־נאַכט, מען זעט אים נישט צוריק. זי האָט גענומען דאָס טיכל אויפן קאָפּ, זי האָט זיך געדרייט אַרויס־אַריין, פון שטוב און אין שטוב צוריק, געקוקט אויף אַלע זייטן, נאָר מען זעט נישט, מען הערט נישט דעם טאַטן. שטייענדיק שוין מיטן טיכל אויפן קאָפּ, האָט זי עס שוין נישט געקאָנט אַראָפּלייגן פון זיך, און, אָט איז זי איינע אַליין אין

דער פינסטער, אַוועק אונטער די שטאָט צום וועג, וואָס פירט דאָרט אַהין, וואו דער טאַטע איז געפאָרן, געזעצט זיך אויף אַ שטיין אויסקוקן, געוואַרט און נישט דערוואַרט זיך, ביז זי איז געקומען צוריק שוין גאָר שפּעט, ווי מיט אַ פאַרבלאָנדזשעט פּנים, און עפּעס בלויז נאַכט איז געלעגן אין די אויגן אירע...

—דוידל—האָט זי שטיל געזאָגט—קום, וועלן מיר צוגיין צו לוי תבואה-סוחר פרעגן, וואָס איז די מעשה...

דוידל איז מיטגעלאָפן און אָט זענען זיי שוין ביי לוין אין שטוב. אַרײַנצוגיין דורך אַ פאַרנדיק מעל- און שפּייז-געוועלב.

—וואָס קלערט איר איבער?...—האָט איין טאָכטער לויס, שמייכלענדיק געפרעגט די מאַמען—מסתמא האָבן זיי נישט געקאָנט דורכקומען מיטן פריץ, מסתמא האָבן זיי זיך מישב געווען, אַז מען דאַרף דעם פריץ נאָך צורו-לאָזן איבער נאַכט, אומגעקויפט, און זיי זענען דערווייל אַרײַנגעגאַנגען אין דאָרף נעכטיקן... ובפרט נאָך, אַז ס'איז דאָרט דאָ אַ יידישער פאַכטער...

די מאַמע האָט שוין נישט געהאַט וואָס צו ענטפערן. זי האָט אָפּגעווישט די ליפּן און געשוויגן, אָבער די אויגן זענען נאָך אַלץ געווען אַזוי פאַרבלאָנדזשעט...

—גייט, גייט, מלכהלע—האָט אויך די אַלטע, לויס ווייב געזאָגט צו דער מאַמען—זעט איר דאָך, אַז איך קלער אויך גאָר נישט איבער... וואָס, האָט ער דען געפירט געלט מיט זיך, מיינער... מען שרייבט אָן אַ קוויטל, דערנאָך שיקט דער פריץ צו אין שטאָט אַריין נאָך געלט...

די מאַמע האָט זיך אויסגעדרייט, געזאָגט „אַ גוטע נאַכט“ אין שטוב אַריין און צוריקגעגאַנגען מיט דוידלען אַהיים...

שפּעט נאָך האַלבער נאַכט, ווען דוידל און די מאַמע זענען שוין געלעגן אין די בעטן, דוידל אין טאַטנס, קומט

דער טאַטע אַריין שטילטשקערהייס, אין אַ בורקע אָנגעטוען... דאָס לעמפּל האָט געברענט איבער דער קאָפּע, נידעריק אַראָפּגעדרייט, האָט ער פאַרבייגייענדיק, שאַרכנדיק מיט די לאַנגע פּאָלעס פון דער בורקע אָן די טריט, אָפּגעטרעטן דערנאָך, אַרויסגעדרייט עס העכער, און צוטראָגנדיק עס צום טיש, געזאָגט איבער דער מאַמעס בעט שטיל, וואו זי איז געלעגן:

-- גוטן אָוונט...

-- גוטן אָוונט, גוט יאָר. — האָט די מאַמע שטיל און רויִק געענטפערט, ליגנדיק מיט אָפענע אויגן, מוז זיין, שוין פון פריער. — וואָס האָסטו אַזוי לאַנג געזוימט?...

— ווייסט נישט? -- האָט דער טאַטע אָנגעהויבן — מען איז געקומען, איז דער פריץ געווען פאַרנומען אין פעלד... מיר האָבן געמוזט וואַרטן ביז פאַרנאַכט, ווען פייער איז שוין געווען אָנגעצונדן. פריער האָט מען נישט געקאָנט מיט אים שמועסן.

דער טאַטע האָט אַראָפּגענומען די בורקע פון זיך.

— וואו האָט איר פאַרברענגט דעם גאַנצן טאָג? — האָט די מאַמע געפרעגט.

— נישט ביים פריץ, מיר האָבן דאָך געדאַרפט עסן, זענען מיר צוגעגאַנגען צום ייד, צום פאַכטער.

— נעם דיר דאָס עסן פון קוימען — האָט די מאַמע געזאָגט — איך האָב נאָך צוגעלייגט אַ פּאָר העלצלעך, איידער איך בין געגאַנגען שלאָפן, אַז דאָס עסן זאָל זיין וואַרעם.

דער טאַטע האָט מיט עטלעכע שפּרייז דערלאַנגט צום קוימען, געברענגט פון דאָרט אַ שיסעלע און אַ לעפל אין איין האַנט און דאָס טעפּל געקעכטס אין דער צווייטער.

— כ'האָב שוין געקלערט, וואו דו ביסט אהינגעקומען — האָט די מאַמע געזאָגט.

— ווי? — האָט דער טאַטע געפרעגט, נישט אויפהייבנדיק דעם קאָפּ, נאָר גיסנדיק דאָס געקעכטס פון טעפּל אין שיסעלע, פון וועלכן אַ ליבלעכע פּאַרע האָט געשלאָגן רואיק און שטיל קעגן ברענענדיקן לעמפּל.

— אַ קשיא אויף אַ מעשה? — האָט די מאַמע געענטפערט — מען פאַרט ארויס אינדערפרי, דער גאַנצער וועג געדויערט אַ שעה, און שפּעט ביינאַכט זעט מען אייך נישט און מען הערט נישט פון אייך.

— פאַר דאָס — האָט דער טאַטע געזאָגט — וועלן מיר האָבן אַ גוטן שבועות, מען זאָל דערלעבן מיט געזונט.

— וויפיל וועסטו האָבן פאַרדינט?

— הונדערט רובל, גאָט זאָל געבן.

די מאַמע האָט שטיל אַ טראַכט געטון: „הונדערט רובל".

די אויגן האָט זי מיט אַ שטילן בליק אויפגעהויבן צום בעליק, אָבער נישט געקוקט אין אים, נאָר ווי אין ערגעץ נישט, און די ליפּן האָבן זיך אַ באַוועג געטוען: „גאָט צו דאַנקען"...

— ס'אַ פאַרגעניגן — האָט דער טאַטע געזאָגט, זיצנדיק שוין אויפן קראַוועטש פון דוידלס בעט, און מיטן פאַרנט צוגע־שפּאַרט צום טיש, וואו ער האָט געגעסן פון שיסעלע — די לבנה האָט ערשט אויפגעשיינט אין מיטן וועג אַהערפאָרנדיק... וואָס פאַר אַ רואיקע, שטילע נאַכט. און ווייסט — האָט ער ווידער גע־זאָגט, — איך האָב באַשטעלט ביים פאַכטער דריי גרויסע קעז, מאָרגן, אם־ירצה־השם, וועט ער זיי ברענגען. ס'איז טאַקע זייער גוט שבועות דאָס מילכדיקע.

ווי וואויל איז דוידלען געוועזן, אויסהערנדיק אַזעלכע רואיקע שמועסן נאָך טיפער האַלבער נאַכט, ווען יעדערער קלאַנג האָט זיך אין דער שטילקייט אַריינגעגאָסן פונקט, ווי גוטער וויין, און נאָך צאַרטער ווי די צאַרטקייט און שטילקייט,

וואָס שוועבט ערשט פון דרויסן אַריין. ווי גוט איז אים ערשט געווען צו ליגן אין שאָטן אונטערן פאָטערס פּלייצעס. אָט אַזעלכע הנאות האָט אויך דוידל געגאָסן.

און נאָך איין מאָל איז געשען אַ מעשה, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אפילו נישט גאָר גוט, אָבער דער פאַרלויף פון איר — אַ רואיקער און די ענדע, אפילו, גוט, גאָר גוט.

ס'איז געווען אין דעם זעלבן זומער נאָכדעם, ווי דער טאַטע האָט שוין געהאַט פאַרדינט די הונדערט רובל און האָט ווייטער געהאַנדלט, טיילמאָל אויך אויף אייגענער האַנט, נישט בלויז געמעקלט צווישן לוין און די אַרומיקע הייף. מאַכט זיך איינמאָל, די מאַמע נעמט אַרויס פון טאַטנס בייטעלע צוועלף גילדן אָן זיין וויסן... — אויף וואָס האָסטו גענומען? — האָט דער טאַטע זי געפרעגט. אָבער זי האָט נישט געענטפערט. — „דו האָסט דאָך נישט קיין אַנדערן מאַן און קיין אַנדערע קינדער, וואוהין אַוועקצוטראָגן.“ — האָט דער טאַטע געזאָגט. אָבער עס האָט נישט געהאָלפן, זי האָט צוגענומען דאָס געלט און נישט אויסגעזאָגט צו וואָס, זי האָט נאָר בלויז געשוויגן. דער טאַטע איז געווען דערפון זייער פאַראומערט. ערשטנס, פון נעמען אונטער זיין וויסן פונקט, ווי דו וואָלסט געפירט אַ פאַלש לעבן און זייגע דאגות זענען נישט אירע און צווייטנס — וואָס איז דאָס פאַר אַ כאַפּן, „אַ טאָמער איז עס גאָרנישט מיין געלט, איך בין פאַרטוען אין מסחר“...

איז דער טאַטע אַרומגעגאַנגען שרעקלעך אויפגעבראַכט, נישט געקאָנט קוקן אין איר זייט אַריין, סיידן נאָר פונדערווייטנס, אַז ער האָט אַמאָל אויפגעהויבן זיין בליק איבער איר און באַטראַכט די שטילקייט פון איר פנים, וואָס האָט צו יענער צייט קיינמאָל גאָרנישט גערעדט און וואָס דאָס האָט געמאַכט דעם טאַטן נאָך מער ברוגז.

אָבער איין זאַך האָט די מאַמע דעמאָלט יאָ געטוען: דווקא האָט זי דעם טאַטע צו יענער צייט אָפּגעהיטן מיט דאָס בעסטע און דאָס שענסטע, סיי אין עסן און סיי אין קלאָרן ריינעם וואַשן, זי איז געווען צו יענער צייט, נישט נאָר ווי אַ ווייב, נאָר ווי אַ מאַמע. און אַ טאָמער פלעגט ער נישט אַהיימקומען אַזוי גיך, ווען די צייט איז געווען און דאָס גרייטן צום עסן מים דעם קלאָרן טישטיכל, זאַלץ-מעסטל און זעמעלעך מיט אַ שטיקל פוטער, איז שוין צו לאַנג געלעגן אויפן טיש און אים האָט מען נאָך נישט געזען, האָט זי געקאָנט אָפּשטיין פאַרן פענסטער און אים אויסקוקן, ביז ער איז נישט געקומען אין שטוב אַריין, געשטאַנען פאַרלייגט אַ האַנט אויף אַ האַנט, און מיט גרויסע פאַרטראַכטע אויגן אָפּגעוואַרט.

ער פלעגט קומען, זיך שטיל אַרומקוקן, זי פלעגט שוין דעמאָלט אַוועקגיין אין אַ זייט און ער האָט אויך נישט אויס-גערעדט אַ וואָרט צו איר, ווייל ער האָט זיך כמעט ווי אַ נדר געגעבן, אַז ביז וואַנען זי וועט אים נישט זאָגן, וואָס זי האָט געטוען מיטן געלט, צו וואָס דאַרף זי דאָס געלט, וועט ער צו איר נישט שמועסן איין וואָרט. טיילמאָל איז אים אויך געקומען אין קאָפּ אַריין: אפשר האָט זי דאָס געלט געגנבעט, כדי מיך בעסער אָפּצוהיטן מיט עסן? וואָרום ער האָט געזען, אַז עפּעס קעכלט זי אים צו גוט... „און זי האָט עס געטוען דאָדורך בגנבה — האָט ער ווייטער געטראַכט — ווייל זי ווייסט, אַז איך וועל אויף מיר נישט וועלן לייגן קיין באַזונדערע אויס-גאַבן"... „אָבער רעד-זשע, זאָג-זשע... וועל איך דיר געבן צו פאַרשטיין, ווי ווייט נאַריש דאָס איז"...

נאָך אָט איז געקומען שבת-נחמו און די מאַמע האָט אָנגעטוען אַ נייע ציצענע גאַווערליע...

דער טאַטע האָט געגעבן אַזש אַ לאַך:

— איי, זאָל מיר אויסגיין צו דיין קאָפּ! — האָט ער געטוען אַ לאַך, אַ שמייכל און אַ זיסן שעפּטש אין בערדל אַריין.

— נו — האָט ער געזאָגט — קום אַהער, קינד מיינס, לאָמיך דיך כאָטש באַטראַכטן פאַר מיין געלט...

זי איז צו אים צוגעגאַנגען, זיך געשטעלט פאַר אים, ער האָט געקוקט אויף די לאַנגע שורה ווייסע פּאָרצעליי-קנעפּלעך מיט קיילעכיקע קעפּלעך וואָס האָבן זיך געצויגן פּאָרנט איבער דער גאַנצער לענג, פון אויבן ביז אַראָפּ, צום קנעפּלען, און ער האָט געזאָגט:

— מילא, ס'איז דאָך שבת-נחמו, ווען גאָט אפילו האָט מוחל געווען די יידן פאַר זייערע זינד... טראָג געזונטערהייט און צעריים געזונטערהייט. — האָט ער איר געזאָגט און די מאַמע האָט מיט גרויס דאַנקבאַרקייט געקוקט אויף אים מיט אַ שמייכל און עפּעס ווי אַ גרים איז איר אין די אויגן פאַרבייגעלאָפן. זי האָט זיך איינגעהאַלטן פון נישט צו וויינען, מסתמא, ווייל זי האָט אים די גאַנצע צייט אַזוי פיל צער פאַרשאַפט...

נאָך אַנדערע נחתן פלעגט דוידל האָבן. אין אַ שבת אינ-דערפרי, זומער, איז געשטאַנען פאַר זייער טיר שטענדיק אַ רעדל מענטשן. דער אַלטער יענטשע, אַ באַלעבאָס פון אַ הויז פלעגט אויך אין זומער האַנדלען מיט סעדער, אַז מען האָט אים דערזען האָט מען אים שוין צוגערופן.

— יענטשע, וואָס גייסטו עפּעס אין אייניקלס היטעלע? — האָט מען אים געפרעגט.

— אַ יינגאַטש! — האָט ער אויף דעם אייניקל, אַ ייִנגל פון צוועלף יאָר, אָנגעהויבן אויסצורעדן. — צו מיר קומט ער גנבענען עפּל פון קעלער... וויפיל מי דאָס האָט מיך געקאָסט! שלאָף אַ האַלבן זומער, ביז שפּעט אין די ימים-טובים, אין די סעדער און דערשלאָף קיין איין נאַכט נישט: אָט דאָ גנבעט מען, אָט

דאָ רייכט מען... און מען גייט אַרום ווי אַ הונט און מען שפּירט נאָך יעדן שאָרך. די טעג ווידער, וויפיל דערעסס מען נישט. מען זעט קיין לעפל וואַרעם וואַסער נישט פאַר די אויגן, מען האָפט אַלץ: אָט וועט זיך דער זומער שוין ענדיקן אַמאָל, מען וועט צונויפנעמען דאָס גאַנצע אויבס פונקט, ווי נאָך אַ שניט, מען וועט זיך צוריק אַריינציען דערמיט אין שטוב אַריין, אָפּשיטן אין אַ קעלער, אפשר וועט זיך „אוקראָיען"*), אַראָפּפאַלן דערפון עטלעכע הונדערט גילדן. צו וואָס דען האָט מען געאַרבעט אַ גאַנצן זומער, געליטן, געשלעפט פעק בעטגעוואַנד אין דעם סאָד-ביידל אַריין, אַרומגעגאַנגען גאַנצע טעג, געזוכט אונטער יעדן בוים, אַז קיין איין שטיקל זאָל נישט קאַליע ווערן, פאַרלוירן גיין?—דאָ קומט אַזאַ שניעק, מיין זונס זינדעלע מיין איך, צום גרייטן... אַ מערכה כ'האָב אָפּגעשיט אין קעלער אַריין — גנבעט ער זיך אַריין אין אים, מכלומרשט ער איז געקומען צום זיידן אין געסט...

— נו, נעמט מען ביי אַן אייניקל אַראָפּ דאָס היטעלע פון קאָפּ?

— אַז איך בין געווען אַ יינגל, כ'האָב אָפּגעריסן איין עפּעלע ביי מיקאָלאַן, אַ גיהנומניק, ער לעבט שוין נישט, נו, האָט ער מיר נישט „פאַרזיימט"**) דאָס היטעלע? זאָג איך אים, דעם אייניקל, גיי צום טאַטן דיינעם, צו מיין זינדל, הייסט עס, ברענג אויסלייז-געלט, וועל איך דיר צוריקגעבן דאָס היטעלע... וואָס בין איך ערגער ווי אַ גוי... זאָל זיך דיר דאַכטן, האָסט געגנבעט עפּל ביי אַ פרעמדן... נו, זאָל זיך אייך דאַכטן, אַז דאָס גוטע זינדעלע מיינס, איז מיט מיר ברוגז געוואָרן

*) פאַרדינען

**) צוגענומען פאַר אַ משכּון

און איבערגעלאָזט דאָס היטעלע בײַ מיר... נו, טראַכט איך... — איז עס פאַר מיר דאָס היטעלע, אויך עפּעס ווערט... און איך גיי דערינען... ס'איז נאָך טאַקע אַ נייעס... — באַטאַפּט עס זיך דער אַלטער יענטשע בײַ דער זייט דענקעלע.

אזוי שטייט דער אַלטער מיט אַ היטעלע מיט אַ קליין דענקעלע אויפן קאָפּ, וואָס פּאַסט אים פּונקט, ווי מען וואָלט עס אויף אַ קיילעכיקן אַרבוז אַרויפגעשלעפּט, און ער האָט אַ הנאה, וואָס אים איז פּאָרט געלונגען צו האָבן אַ היטעלע, נישט אַזוי ווייט אומגעקויפט, ווי אָנצוּלערנען אַ יינגאַטש... דער גאַנצער עולם קוועלט פון אַלטן יענטשען, וואָס האָט אָנגעלערנט זיין אייניקל און צוזאַמען מיט זיי—אויך דוידל.

— און וואָס האָסטו עפּעס יענעם וואָך געהאַט פאַר אַ משפּט? — פרעגט נאָך ווער איבער דעם אַלטן יענטשען, וואָס שטייט און דערציילט בנעימות, זיך גלעטנדיק בײַ דער אַלטער גראָער באָרד, און ער זעט אויס אין דעם קליינעם היטעלע קוים-קוים אויפן שפּיץ קאָפּ, ווי אַן אַלטער קאָזאַק — וואָס-זשע טאַקע?...

— איך האָב אים געבעטן דעם „סענדזשע", ער זאָל מיך נישט פאַרמשפּטן, ער זאָל געדענקען, אַז איך בין אַ יתום...

דער עולם שיסט אויס אין אַ געלעכטער.

— נו, וואָס האָט ער געוואָלט פון דיר?— זענען טייל ניי-געריק.

— גאָרנישט, דאָס מיסט פאַר דער טיר...

— נו, האָט ער אייך נישט געטשעפּעט?

— אוודאי נישט!—ענטפערט יענטשע מיט אַ זיכערקייט און דערמאָנט זיך פלוצלינג, אַז ער קאָן שוין דאָ לענגער נישט שטיין, ווייל ער האָט געלאָזט אויף דער טיר אַ צו קליין און שוואַך שלעסל...

ער גייט אַוועק מיט זיכערע טריט און לאָזט איבער דעם עולם, וואָס פילט זיך אָן אים פונקט, ווי ער וואָלט גע־ווען די נשמה פון דער דאָזיקער גאַס.

אָבער גאָט פאַרלאָזט נישט און עס קומט אַן אַנדערער:

נו, שימעלע!—רופט מען פון עולם—לויפסט אַזוי אַדורך, אפילו אָן אַ „גוט שבת", און ווילסט שוין גאָרנישט דערציילן, וואָס איז געוואָרן דער סוף מיט דיין „כיזשינע"?...

— אַ פייער־וואַנט האָט ער געוואָלט — שפרינגט דער צו אַ מונטערער, כאָטש קיין מונטערקייט האָט אים אַזוי אויך נישט געפעלט, ווייל ער איז דער איינציקער אין שטאָט שערער, גאָ־לער און פעלדשער, וואָס איז פול אומעטום — ער האָט זיך ביי מיר אויסגעבאָטן: אַ געסל זאָל איך אים אויך אָפטרעטן פון מיר איילן. אַז נישט, זאָגט ער, קאָן ער נישט אויסהאַלטן... נו, האָב איך געמאַכט אַ געסל... איך האָב מיר אַנידערגע־שטעלט מיין געמויערט הויז, וואָס וועט אים, דאַכט זיך מיר, היינט—מאָרגן צעקוועטשן זיין הילצערן, פאַרשימלט און פאַר־פוילט הייזל, אַז נישט, וועט עס אים אריינקריכן אין די „בע־בעכעס" פון זיין הייזל, צעקוועטשן עס, ווי אַ בלעזל, און ווייס, אַז דו האָסט צו טוען מיט שימעלען...—וואָס — האָב איך אַ פרעג געטוען אין דער גובערניע־שטאָט די געשוואוירענע ריכטער, וואָס אַן אימה נעמט אָן פאַר זיי — וואָס האָט דער דאָזיקער ייד צו מיין „אָרעמער כיזשינע", וואָס שטייט נעבן זיין הויז... וואָס האָט ער צו דעם „כאַטקעלע" מיינעם, נעבעך... אַזוי ווי איר קוקט אָן דעם דאָזיקן ייד אין דער פאַרשמאָלצע־נער קאַפּאָטע, האָט ער אַ גאַנצע גאַס הייזער... און געלט האָט ער, קאָן ער אָפקויפן נאָך איין גאַס, נאָר דעם אָרעמאַנס איינ־ציקע „כיזשינע"... אַז איך זאָל האָבן, וואו דעם קאָפּ אַנידער־צולייגן, איז אים צו גרויס אין די אויגן...

די געשוואוירענע האָבן זיך געגעבן אַ קוק איבער, האָבן געזען, אַז ס'איז אמת, ער גייט טאַקע אין אַ פאַרשמאָלצענער קאַפּאָטע... און אז מען פרעגט אים עפּעס איבער „כיזשינע־כיזשינע", ווייסט ער גאָרנישט אויך וואָס מען מיינט „כיזשינע"... בלייבט עס דאָך שוין אַוודאַי אַזוי... און הכלל, מען האָט גע־געבן „אַ שנייד צו": לויט דער און דער סטאַטי... און דעם און דעם געזעץ פון לאַנד און באַפּעלאָנס קאָדעקס... איר פאַר־שטייט, ברידער, וועמענס קאָדעקס מען האָט גענומען... טאָר דאָס הויז מיינס נישט גערירט ווערן פון אָרט, און אפילו קיין שפּענדעלע נישט פון דער וואַנט!... איר פאַרשטייט, ברידער!

— אָ, ווען נישט דיין „פּיסקל", ביסטו אַ באַגראָבענער, שימעלע.— מאַכט דער עולם פון אַרום.

— נו, יאָ... — זאָגט ער אַליין, האָבנדיק אָנערקענונג פאַר דעם פּיסקל זיינעם... — און איצטער קאָן ער שוין קלאַפּן מיטן קאָפּ טשוועקעס... נאָר אויך נישט צו מיר אין מיין וואַנט... און היידאַ, ברידער! האָט מיר אַ גוטן שבת...— גיט שימעלע אַ זאָג און אַ שפּרונג אָפּ פון דאַנען,—ווייל ער לויפט —זאָגט ער— מיט אַ מאַשטש אין דער האַנט... ער האָט אַ קראַנקען גוי...

דער גייט אוועק און אַן אַנדער משוגענער קומט אויף זיין אָרט...

ישראל- פרעגט מען אים —וויפיל איז ווערט דער?...

— הונדערט רובל...

— און דער?...

— צוויי הונדערט...

— און דער?...

— טויזנט רובל...

— און דער?...

— פינף הונדערט.

— נו, שוין, ערשט, זאָג־זשע, ישראל, וואָס פאַר אַ כּלה אים?...

— אַן אַלטע מויד.

— דעם?...

— אַ גרושה.

— דעם?...

— אַן אלמנה מיט קינדערלעך...

— און דעם?...

— אַ שיין קנאַקנדיק מיידל. —

אַלע גיבן אַ שאָס אויס אין אַ געלעכטער. דאָס איז דער משוגענער פון שטאָט. אַזוי נאָך האָט דוידל פריילעכע קאָמפּאַניעס, אמת פריילעכע, פאַר זיין טיר.

נאָר דוידל האָט נישט בלויז פריילעכקייטן און שטיפעריייען, נאָר אויך פאַרגעניגנס, אמתע, שטילע פאַרגעניגנס, ווען ער איז נישט צוזאַמען מיט נאָך, נאָר פאַר זיך אַליין.

דאָ אַקעגנאיבער וואוינט אַ שכנטע, האָט די דאָזיקע שכנטע אַ מיידל אַ שניידערין, טראַכט דוידל שטענדיק וועגן אַ שיינעם, גוטן חתן פאַר איר... זי איז אַ שיין מיידל, גייט שיין אַרויפגעקעמט די האָר, ווי שוין אַ כּלה־מיידל. טראָגט לייכטע קליידלעך, וואָס זי נייט זיי זיך אַליין אויף אויף דער ייער מאַשין, אַזוי גוט, ווי זי נייט פאַר אַנדערע, פאַר פרעמדעס וועגן, און זי איז שטענדיק אַזוי פריילעך, אַזוי לוסטיק, אַז טייל מאָל זינגט זי אפילו לידלעך אויך, נישט נאָר ביים נייען, ווען דאָס פענסטער איז אָפן, נאָר אפילו נאָך דער אַרבעט אויך, אין זומער פאַרנאַכט, זיצנדיק שוין אין דרויסן אויפן קלאָץ, וואָס ליגט ביי זייער וואַנט...

אָט די פאַרגעניגנס האָט דוידל ליב גאָר אַנדערש ווי

יענע פאַר זיין טיר... אוי ווי, וויפיל ער וואָלט אַוועקגעגעבן, אַז עס זאָל קאָנען זיין אייביק זומער און מאַשעלע זאָל קאָנען שטענדיק זינגען אין דרויסן... זיצן אויפן קלאָץ, אָדער שטיין אזוי אָנגעשפּארט אָן דער וואנט... און איינמאָל, געדענקט ער: ס'איז געווען א זון-זעצן, ער קאָן זיך נישט דערמאָנען, צי ס'איז געווען נאָך איידער ער האָט געקאָנט גיטעלען, אָדער שוין שפּעטער... איז מאשעלע געזעסן אויפן קלאָץ א רייטנדיקע און דאָס פּנים אירס האָט אַזוי געפלאמט און די אויגן האָבן אזוי געבליצט, אז דוידל האָט זיך נישט געקאָנט אָפּרייסן פון קוקן-איין אויגנבליק... נישט פון איר ווייכער פיינער טאליע, נישט פון אירע שלאנקע פיס, וואָס זי האָט געהאלטן אריבערגעוואָרפן, רייטנדיק איבערן קלאָץ... און נישט פון איר פּנים. אָך, פאר וואָס האָט עס אזוי געברענט דאָס פּנים אירס דעמאָלט אי פארנאכט, און פארוואָס האָבן אירע אויגן אזוי ווילד געבליצט אויף אים, אויף דוידלען, צושמייכלענדיק צו אים, אזא קליינעם... וואָס וואָלט נאָך נישט געקאָנט קיין חתן זיין... דאַדורך האָט איר דוידל אָפּגעזוכט אַן אַנדערן חתן...

אממיינסטן אָבער, שוין גאָר אין דער לעצטער צייט, ווען צו מאשעלען האָט אָנגעהויבן קומען א חתן, נישט ווי ער, דוידל, וויל... און אויך נישט אזעלכער, לויט זיין מיינונג, ווי זי האָט זיך פארדינט.

שבת קומט ער צו פאר דער טיר, מיט עפּעס א גרין-פלושענעם שבתדיקן וועסט, מיט אַ קייט פון א זייגער, וואָס ער מיינט, אז ס'איז שיין אזוי, ווייל ער איז א שניידער, אַ טאַנדייטער, א פּאָר געמזענע נייע שטיוול, נאָר ברייטע, ווי די פלעץ... אויך אזעלכע אומגעלומפּערטע און הויכע כאָלעוועס, ווייל ער האָט הויכע פיס, ווי א לאַבאָנדזש און ער גייט, ווי אַ לאבאָנדזש... ווייל דערויף, זאָגן די ווייבער, איז ער באפרייט

געוואָרן פון די זעלנער... און אַ גאָרגל האָט ער אויך אַ היכן און דערצו נאָך מיט אַ קנאָפּ... און דער קאָפּ וויגט זיך אים אַריבער אויף הינטן, ווען ער גייט, ווייל ער מיינט, אַז ס'איז שיין אַזוי, אַז עס מאַכט אים „וואַזשנער". און ער האַלט דאָס פּנים אַרויסגעשטעלט... נאָר געל איז עס, דאָס פּנים פון זומער-שפּרענקעלעך... און אַ לאַנגע נאָז האָט עס, דאָס פּנים פּונקט, ווי מען וואָלט אים דערצו אַ שטיק רויג צוגעשטיקעוועט... אַזעלכע נעז רופט מען: „אַ נאָז פון אַ אינדיק"... און דערצו נאָך האָט ער געל-רויטע האָר... אַך, ווי דוידלען נודזשעט דער דאָזיקער חתן! נאָר ווייבער זאָגן, אַז ער איז אַ גוטער פּאַר-דינער... אַז אַ ווייב וועט האָבן ביי אים „אַ מזל". און מען וועט שוין פּאָרויס, זאָגן זיי, אַז עס וועט איר ביי אים נישט פעלן פון קיין פייגל-מילך... אַ ביישפּיל דערויף ברענגען זיי, די ווייבער, פון זיינעם אַן עלטערן חבר, אָדער נישט קיין עלטערן. נאָר וואָס האָט שוין חתונה געהאַט... אַז אַלע שבת, אזוי ווי גאָט גיט דעם שבת, שטייט ער נאָר אויף, גייט ער גלייך אוועק, זיין חבר, מיט די צוויי ווייסע קאָזעלעך, וואָס ער האָט געקויפט באַלד נאָך דער חתונה, אויף דער לאָנקע אַרויף... ער גייט, ווען דאָס שטעטל שלאָפט נאָך און ס'איז נאָך גראָלעך אין דרויסן, כדי, ווען דאָס ווייב וועט אויפ-שטיין פון שלאָף, ווען די גאַנצע גאַס איז שוין אויף און עס רודערט זיך שוין אין דרויסן, זאָל ער קענען זיין צוריק מיט די אָנגעפּאַשעטע קאָזעלעך, ערשט פון גראָז אַראָפּ, אַז דאָס ווייב זאָל האָבן עקסטרע די פעטסטע קאָזע-מילך, באַלד ווען זי וועט נאָר פון שלאָף אויפשטיין... נו, קאָן דאָס זיין אַ שלעכטער מאַן"...— זאָגן די ווייבער — דאָס אייגענע „ער אויך"... אָבער דוידל, ווען ער דערזעט אים אַרויפגיין אויף דער שוועל פון יענעם הייזל, ווי ער גיט זיך אַ וויג פּונקט,

ווי נישט ער דאַרף גיין פּאַרנט, נאָר גאָר צוריק אונטערווייַ־לעכטס... — טראַכט ער: ווי קומט דאָס, אַז מאַשעלע זאָל נעמען אַזעלכן...

אָבער דוידל ווייסט נישט, אַז די מוטער אירע איז אַן אָרעמע אַלמנה, און פּונקט, ווי ער, דוידל, וואָלט געוואָלט, וואָלט זי, די טאָכטער, אפשר אויך געוואָלט נעמען אַזאַ שטיי־גער, ווי דוידל האָט איר אָפּגעזוכט ביי זיך אין די געדאַנקען, אָדער אפשר גאָר דוידלען אַליין... און ער קאָן נאָכמער נישט פאַרשטיין, ווי קאָן זי זיצן מיט אים אין אַלקערל און העלפן שיילן באַניקערן?... דאָסגלייכן, ווען ער האָט אַ לידער־ביכעלע אין דער האַנט און ער גאָרגלט אַרויס אַ נאָרגלען פון האַלז, נישט קיין געזאַנג, מיט די ווערטער פון ביכל, ווי קאָן זי דאָס זיין דערביי און נאָך הערן... בשעת זי אַליין זינגט שיין?

און עס געבירט זיך ביי אים אַ פּלאַן, ביי דוידלען. עס דאַכט זיך אים, אַז ער איז ביי איר אין אַלקערל, וואו עס שטייט איר בעטל און די ניי־מאַשין קלאָר־ווייס פּאַרדעקט, מער גאָרנישט... זענען זיי, דוידל און זי. איצט דאָרט דאָ ביידע, מער קיינער נישט... און ער פרעגט זי:

— האָסט געזעען דאָס לובלינער יינגל, וואָס איז געקומען אַהער אויף אַ היגער חתונה, צוזאַמען מיט פרעמדע מחותנים?...

ענטפערט זי:

— יאָ... —און זי פאַרשעמט זיך און רויטלט זיך.

פרעגט ער זי ווייטער:

— געדענקסטו זיינע פאַרשוירענע פּאהלעך... זיין קיילעכ־דיק בלאַסלעך פּנים... און קלאָרע קעלנערל?...

זאָגט זי ווידער אַז „יאָ”, און דאָס מאָל לאָזט זי שוין

די ברעמען אַראָפּ, ווי אַ פאַרשוואַלדיקטע און דאָס האַרץ הייבט איר אָן צו קלאַפּן.

— דעם ווילסטו פאַר אַ חתן?...—פאַלט דוידל צו צו אירע קני.

אָט דעמאָלט פאַלט זי אויך אויף אים, דוידלען, און ביידע ווייגען זיך אויף די העלזער.

— אָט דעם וויל איך, דוידשי... — זאָגט זי — אָן דעם קאָן איך נישט לעבן... ווייל נאָר דעם האָב איך געוואָלט פון דער ערשטער מינוט אָן...

—אויב ס'איז יאָ אַזוי... — זאָגט דוידל—מוזטו דעם לאַנגען אַרויסוואַרפן... און איך וועל בלייבן אין שטיבל מיט דיר, איך און דו אַליין... ביז יענער וועט קומען...

אַזוי נאָך ראַטעוועט דוידל דער שכנטעס מיידל, וואָס איז אַ שיינע און זי נעמט אַ חתן, וואָס איז אַ מיאוסער, און דערהויפּט, ווייל דוידל קאָן אים נישט ליידן און נישט פאַר-טראָגן... ער שפּירט, ווי עפּעס וואָלט אין זיין האַרץ פאַר-שוועכט געוואָרן... „אַזאַ שיין, ליב מיידל, מיט אַזעלכע גאָל-דענע האָר און אַזאַ שיין, איידל פּנים”... — טראַכט זיך דוידל. אָט אין אַזעלכע זאַכן האָט ער אַממייסטן ליב צו פאַרטיפן זיך מער און מיט אַ שטאַרקער פאַרגעניגן, ווי אין יענע, כאָטש יענע זענען אויך פריילעך און אַלע כאָכאָטשען...

דער פאָטער וועקט זיך פון שלאָף. אַפּנים די ציבעלעס מיטן זאַלץ האָבן אים געברענגט צו שטאַרקן דורשט אַזוי, אַז דאָס וועקט אים אויף.

— גיב מיר, דוידל, אַביסל וואַסער אַ טרונק? — בעט דער פאָטער.

דוידל דערוואַכט ערשט פון זיין לאַנגען טראַכטן, ווי פון אַ טיפן שלאָף. ער דערמאָנט זיך, וואָס דאָ קומט פאָר, און צושפרינגענדיק צום קיבעל, נעמט ער אָן מיט דער שעפּ אַביסל וואַסער און דערלאַנגט זי דעם טאַטן. דער פאָטער טאַפּט זיך אָן דאָס קאַפּל אויפן קאָפּ, ווישט אָן די שפּיצן פינגער אָן דער וואַנט פון דער שעפּ און נעמט זי, קוקט אַריין, צי עס זענען נישטאָ קיין פּראָכעס, מאַכט ער אַ „שהכל״ און טרינקט.

— אַך.—ווי עס האָט אים געדאָרשטן, דערשפּירט ער ערשט די כּוחות צוריק מיט אַ לאַנגען אויסגעצויגענעם הנאה-קרעכץ. דוידל שטעלט צוריק אַוועק די שעפּ און פאַרטראַכט זיך איבערן פענסטערל.

דעם טאַטנס אויפוואַכן האָט אים דערמאָנט גאָר אַן אַנדערע וועלט. אָט זעט ער, ווי יידן ציען שוין אין בית-המדרש אַריין שבת פאַרנאַכט צו „אשרי תמימי דרך״. אָט זעט ער, ווי אויף דעם טיש פאַרן ארון-קודש, ברענט נאָך איין שטיקל געבליבן יאָר-צייט-ליכט, אַריינגעשטעלט אין אַ קעסטעלע זאַמד, און יידן טוליען זיך אַרום דעם, אַריינגעבויגן אַלע צוזאַמען מיט די קעפּ אין אַ רעדל, פאַר דער אָנקומענדיקער טונקלקייט אין דרויסן פונקט, ווי שעפּסעלעך דערשפּירנדיק, אַז עס גייט אויף זיי אַ נאַכט מיט וועלף. ס'איז דעמאָלט נישטאָ קיין איין שטוב, וואו מען זאָל נישט „מרוקען״... איז נישטאָ דער מאַן אין דער היים, ער איז ביים רבין פאַרטיפט אין זמירות, אָדער אין שטיבל ביי אַ כּזית חלה, „מרוקעט״ דאָס ווייב, טוליענדיק די קינדערלעך אַרום זיך, ווי זי וואָלט זיי געוואָלט אָפּהיטן פון אַלעם שלעכטס, וואָס שוועבט דעמאָלט אַרום אין דעם האַלב-פינסטערן חלל. איר שטיבל ווערט פול מיט פרומקייט אַרום און קרעכצן, אַז „משיח בן-דויד זאָל שוין קומען דאָס הייערדיקע יאָר״, און אַזוי פאַרטרינקט זי די

צווישן טאָג- און נאַכטיקע שרעק אין פרומע פסוקים, אין זאָגן און אין זאָגן, ביז אויף דער וואַנט ווייזט זיך שוין אַ שיין-פלעק פון אַן אַנטקעגנאיבערדיק שכניש פענסטערל, ווי דאָרט האָט מען שוין אָנגעצונדן אַ ליכטל. דעמאָלט שטייט זי אויף, צעלאָזט אירע קינדערלעך פון אַרום איר ברייטן קלייד, פון דעם אָרט, וואו זי איז געזעסן פונקט, ווי אַ קוואָקע צעלאָזט פון אונטער אירע פליגל און פון אַרום זיך, די קליינע הינדע-לעך, ווען זי שטייט אויף, און די מאַמע נעמט דעמאָלט זוכן אין דער פינסטער, איבערן שענקל, אַ ליכטל אָנצוצינדן.

אויך דער פאָטער דוידלס ליגט ערשט און טראַכט וועגן פרומקייט, אָבער נישט מיט אַזאַ גרינגער באַציאונג, ווי עס איז ביי דוידלען. ער טראַכט, אַז שוין צופיל האָט ער זיך אין שטוב פאַרזעסן, אָפּגעריסן פון מקום-קדוש פונקט ווי אַ דאָרפס-מאַן, און וואָס וועט זיין דער תּכלית אָן אַ דאַווענען בציבור, אָן אָנצוקוקן אַ ייד, אָן אַריינשטעקן אַ קאָפּ דאָרט אַהין, וואו גאָטס תּורה און גאָטס לויב לאָזט זיך הערן פונקט, ווי פו גלאָקן. צי איז דען דער תּכלית אָנצושטעקן די פאַנטאָפל, אָפּ-צוגיסן די הענט און שטעלן זיך אַרומגעגאַרטלט מיט אַ פאַ-טשיילעכל דאַווענען צווישן צוויי בעטן און נאָך אַנדערע אָנגע-וואָרפענע זאַכן... וואו איז דאָ דען דאָ ריינקייט פאַר גאָטס אַ וואָרט? ווי קאָן גאָר ממילא דער געדאַנק אויך ריין זיין פון זייטיקע און ביטערע מחשבות? אוי ווי, ס'איז אַן אומגליק אויף דער וועלט געקומען. אויך דאָס יידישקייט איז צוגעקוועטשט געוואָרן פונקט, ווי די פאַרדינסטן זיינע... ס'איז אַלעמאָל אַזוי: ווען ס'איז אַ הונגער אין לאַנד, איז אַ הונגער אין תּורה, אי גאָט-דינען. דאָס איז דאָך דעם בעל-שמס שיטה: זאָלסט גאָט דינען אין פרייד. און אַז ס'איז חלילה אַ שנת-רעב, אָדער אַזוי אַן אַנדערע לייד אויף דער וועלט, ווערט דאָס יידישע פאָלק

צעזייט און צעשפרייט, ווער אויף די וועגן צו זוכן, ווי אַן אָרעם פייגעלע, אַ „קרישקע" דאָס האַרץ זיך אונטערצוּלעגנצן און ווער אין די שטובן, יעדער איינגעהילט אין זיינע צרות, און איינער קוקט דעם צווייטן נישט אָן; זיץ איך דאָ און אברהם-חיים דער גלעזער, דער פּראָסטער אין שטאָט, ביי זיך. אים פעלט דאָרט דאָס ווייב און קינדער מפרנס צו זיין, ער האָט שוין צוויי חדשים אוודאי, קיין דאָרף נישט אָנגעקוקט און קיין שויב נישט אַריינגעמאַכט, — און מיר ווידער — דאָ... וויפיל „קדושות", און „ברוך-הואס" און קליינגעלנדיקע „ברוך-שמוס" גייען פאַרלוירן. דאָס אַליין וואָלט אים געגעבן כּוח אויף מקיים צו זיין „הוי גבור כּארי ורץ כּצבי"... און אַזוי, נעבעך, פאַלט ער אַריין און חלשות... אין פוילקייט, דעם יצר-הרעס אַרבעט, רחמנא לצלן... און דאָס גאַנצע יידישקייט פאַרלירט דאָס ביסל טעם, וואָס עס דאַרף צו האָבן... אָט דאָ, אברהם, דאַוון, אין אַ פּאָר מעשׂטעס, מיט אַ פּאַטשיילעכל אַרומגעגאַרטלט, שטייענדיק פאַרן אויוון... און וואָס וואָלט עס דיך, רבונו של עולם, געאַרט, ווען דו טוסט אָפּ די מכּה מיט די פרעסט פון דער וועלט, מען קומט אין אַ מקום-קדוש, מען זעט, יענער ייד לערנט, יענער זאָגט אַ פּרק משניות, אָדער דאַווגט פרום — פלייסט מען זיך אַליין אויך, מען טוט אויף דאָס זעלבע... ווייל, ווי קאָן מען דאָס שטיין ליידיק, קוקן און זיך נישט פרעגן: הלמאי יענערז... און מען קריגט טאַקע אַ הרהור-תשובה, עס ווערט קלאָרער פאַר די אויגן... און מען ווייסט שוין צו וואָס מען איז באַשטימט, אַז דאָ איז נאָר איין גאָט, איין וועג... אַ בלאַט גמרא, אַ שטיקל חוקל, אַ „עין יעקב", אַ מדרש, אַ מעביר זיין די סדרה מיט אַ טעם, פאַרכאַפּט עס טאַקע דאָס האַרץ און מען ווערט אָנגעזעט דערמיט בעסער, ווי מיט די בעסטע מלכּס שפּייזן... דערנאָך, מען קומט אַהיים, איז נאָך

אויך דאָ עפּעס מקיים צו זיין: די מצווה פון שלוש־סעודות און ווידער איז מען פאַרזונקען אין גאָטס ליבּ...

אברהם שפּירט, ווי די וועלט זיינע גייט אים אונטער דאָ אין שטיבל ליגנדיק. ס'איז נישט עפּעס גלאַט אַזוי אַ וועל־טעלע, נאָר אַ וועלט אַ גרויסע, און יידן זענען דאָ אויף איר, און אַ תּורה אַ גרויסע און אַ קדוש־ברוך־הוא אַ גאָר גרויסער און שטאַרקער, וואָס זיין ליכט איז פול אויף דער גאַנצער וועלט.

וויפיל פילט מען זיך געהויבן, ווען מען פאַרמאַכט דאָס ספר, מען גייט אַרויס פון שטוב און מען ווייסט, אַז מען האָט עפּעס צושטייער געגעבן דער וועלט... דער פויער גיט שטרוי, קאָרן, דער שוסטער — שטיוול, דער בעקער — ברויט, און ער, אברהם, דורך דעם ספר, וואָס ער האָט געלערנט, גיט ער צו־שטייער דער נשמה פון דער וועלט... ער האָט געלערנט און דערמיט געהאָלפן פאַרשפּרייטן גאָטס ליכט... די לויטערקייט און ריינקייט, וואָס לויטערט דעם געדאַנק און דאָס האַרץ. ווייל באַגעגנט ער זיך דעמאָלט מיט אַ מענטש, וואָס ערשט נעכטן האָט יענער אים, אברהמען, אַן עוולה געטוען, געשלאָגן אין געלט אַריין, אָדער מבייש געווען, נעמט ער, אברהם, און טראָגט דעם באַליידיקער זיינעם דער ערשטער אַנטקעגן דעם „גוט־שבת”... וואָס אָן גאָטס גרויסן ליכט, אויב מען האָט נישט גע־נאָסן דערפון, קאָן מען דאָס טאַקע נישט... און דערצו נאָך במחילה גמורה... מיט אַ ריין האַרץ, וואָס שטייט העכער טאַקע פון אַלע קריגערייען, און געלייטערט טאַקע, ווי נאָר פון לער־נען גאָטס תּורה... דערזעט יענער אַזאַ מעשה, — דערפילט ער: אַמער, עס זענען דאָך יאָ דאָ גוטע מענטשן אויף דער וועלט, וואָס ווייסן ווי אַזוי ווייך צו זיין צו אַנדערע, פאַרוואָס־זשע טאַקע זאָל מען זי נישט שוינען, נאָר קאַליע מאַכן... קריגט

יענער אויך חרטה און זעט זיך טאַקע מתקן צו זיין... און אַט דעם דאָזיקן טייל גיט טאַקע אברהם צושטייער די וועלט...

אָבער היינט, אָך און וויי! אפילו די געבראָטענע קאַר־טאָפּלעס עסט ער דאָך אומזיסט... און ס׳איז באמת אַ שאָד גאָטס געשאַנק און דעם פויערס פּראַצע אויפן פעלד... צי פאַר־דינט מען דאָס... מיט וואָס צאָלט ער צוריק גאָט און לייט?... צי קאָן אברהם כאָטש היינט פילן דעם טעם פון אַ שטיקל „ברכי נפשי״? ער איז שוין חלילה געוואָרן אויס ייד און אויס מענטש, נישט געדאַכט זאָל עס זיין... — קיין יום תהלים אפילו נישט, פון עפּעס גרעסערס שמועסט מען שוין נישט... דאָס ש״ס, וואָס ער האָט געהאַט נאָך דער חתונה — פאַרזעצט און מער שוין נישט אויסגעלייזט... תהלים ווידער דאָ־הינען אין שטיבל און פאַרן אויוון, האָט ער מורא פאַרן ווייב:

— אויף שיין פרנסה קאָן מען זיך שוין רעכטן פון אים־ וועט זי זיך באַקלאָגן — אַז ער איז שוין געוואָרן „אַ תהלים־זאָגער״...— טאָ וואָס־זשע קאָן אברהם טוען? וואָס קאָן זיין זיין תכלית, אויב די וועלט וועט בלייבן נאָך אַזוי פאַרשלאָסן... ער וועט נישט קאָנען צוריק דערמינטערן, נישט די נשמה, נישט דעם גוף...

אָט אין אַזעלכע אָנגעווייטאָגטע נשמה־רעכנקעס ליגט אברהם און שפּירט, אַז די וועלט גייט אים שוין חלילה, אונ־טער. אויך דוידלען גייט עס ערשט, אין דער דאָזיקער מינוט, נישט בעסער. וואָס האָט ער פון אַלע זיינע „פּלוישן״ און חלומות, וואָס פילן זיין קעפּל אָן, שטענדיק נאָר „געפּלוישט״... וואָס האָט ער אין זין צו האָבן צו באַזאָרגן מאַשעלען מיט אַ חתן... און נאָכצוקוקן דעם יונג דעם טאַנדייטער... וואָס דער האָלז גיט זיך ביי אים אַ וויג ווי ביי אַ גאַנז, ווען ער טרעט אַרויף אויף דער שוועל פון מאַשעלעס שטיבל... וואָס האָט ער

פון דעם מער ווי פינסטערע חלומות ביינאַכט און וויסטע זע־
אונגען בייטאָג?... און כאָטש זיי זענען אַפילו לאָקנדיק, טייל
נאַר... אָבער ער גייט שוין צופיל מיטן קאָפּ אַראָפּ... דוידל
פאַרשעמט זיך פלוצלינג פאַר זיין אָרעמען ווילן מאַשעלען באַ־
זאָרגן... ער — „דוידל, מ׳שטיינס געזאָגט, האָט מיט וואָס צו
העלפן״... ער ווייסט אָבער באַלד, אַז ס׳איז אומזיסט זיין אויס־
שטראָפן זיך... זיין קאָפּ איז כיי־ווי־סיי פול מיט הוריות, און
פרעמדע... וואָס קיינער טראַכט זיי נישט... ער באַשליסט דאַ־
דורך, וועגן גיטעלען, עס זאָל נאָר אמת זיין... אויך נישט צו
טראַכטן... דאָס איינציקע אָבער, אין וואָס ער איז מכלומרשט יאָ
זיכער: וועגן מאַשעלען מיט איר חתן — געוויס נישט מער... און
זאָל זיין זייער חתונה שבת נאָך שבועות, אַזוי ווי די אלמנה וויל...

ער דערשפירט זיך איצטער, נאָך דעם דאָזיקן באַשלוס, ווי אַרויסגעפּלאָנטערט אַביסל פון זיין לאַגע... און ער האָפט, אַז עס וועט זיך אים שוין איינגעבן צו גיין אויפן גלייכן וועג... דען די חלומות זיינע באַדייטן, נישט מער און נישט ווייניקער, ווי ער האָט שוין געהערט נישט איינמאָל די מוטער און די שכנטעס שמועסן: אַז „יענע לייט״ ווילן איינעם פאַרפירן, שיקן זיי אים אונטער שדותטעס אין געשטאַלט פון „נקבות״...

און כאָטש גיטעלע און מאַשעלע זענען נישט אַזעלכע... אָבער דערפאַר, פאַר יענעם מיידל, יענעם פאַרנאַכט אויפן גליטש מיטן העצ, קאָן ער שוין נישט שווערן...

ער דערמאָנט זיך, אַז אַמאָל, גייענדיק איבער אַ גאַס ביינאַכט, האָט ער פלוצלינג דערהערט אַ שאָרך איבער זיך. ער האָט אַ קוק אַרויף געגעבן צו דעם בוידעם פון הויז, קעגן וועלכן ער איז געווען — און אין לאָך פון סציט האָט ער פלוצ־
לינג דערזען אַ ווייס פנים, ווי פון אַ כלה... ס׳איז געווען אין פאַר־פורים, און ער געדענקט, אַז ער איז אַנטלאָפן אין

איין אָטעם. אַז ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, איז ער געווען שוין ווייט אויף דער צווייטער גאַס און דאָס דינע אייז, געדענקט ער, האָט אים געקלינגלט אונטער די פיס... ווער איז דען דאָס געווען? זאָל דאָס זיין נישט מער, ווי אַ ווייסע זאַך, וואָס האָט געהאָנגען נאָך אַ וועש, און דאָס ווינטל האָט אַ בלאָז געטוען דורכן לאָך, וואָס איז געווען קיילעכדיק און ווי אַ פּנים די גרויס... האָט זי, די ציך, אַזאַ שאַרף געטוען?... און דוידל דערמאָנט זיך אויך אָן יענעם רויש אונטער די שטאָט, וואָס אים האָט זיך געדאַכט, אַז אַ טויטער יאָגט אים נאָך, ווען ער איז אַנטלאָפן אין די בית-המדרש-גאַס אַריין... און מערקווירדיק, קומט עס אויס ביי דוידלען, וואָס די אַלע נעכט האָט געשיינט די לבנה... אַזוי, אַז אים דאַכט זיך, ווי דאָס גאַנצע לעבן זיינס וואָלט געווען באַגלייט מיט לבנה-נעכט...— אָבער אָט, טוט שוין דאָס בעט אַ רודער. דער פאָטער זעצט זיך אויף, העגגט אַראָפּ די פיס דערפון אָנגעטוענערהייט אין די הויזן. עד גיט אַ קוק צום פענסטער פונדערווייטנס, ווי שפּעט עס קאָן שוין זיין, ווייל אין דרויסן הייבט שוין אָן גוט צו טונקלען און עס וועט באַלד קיין צייט נישט זיין, ווען די דריטע שבתדיקע „שמונה-עשרה״ מיט „אתה אחד ושמך אחד״ צו זאָגן. און כאָטש מען קאָן געבוי נישט וויסן דורך דער פאַרפרוינער שויב, דאָך איז שוין זיכער צייט אויפצושטיין...

די מאַמע שלאָפט נישט. מען זעט נישט דאָס פּנים אירס אינם טונקעלן ווינקל, וואו איר בעט שטייט. דאָך איז די גאַנצע צייט איינגעשלאָסן דאָרט אַ שטילשווייגן, ווי פון אַ וואַכנדיקן. דוידל איז הושד צוליב יענער שטילקייט, אַז יענץ ווינקל איז אַלץ פאַרטועגן אין דעם געדאַנק: „ווי אַזוי אויסגעלייזט צו ווערן פון טאַטן״... וואָס האָט אים געגעבן אַזוי צו טראַכטן? נישט מער, ווי איר שטענדיקע אומצופרידנהייט און איר אָפּטיק זיך

פאַרטראַכטן... אָט פאַרוואָס דוידל האָט מער מורא, ווי פאַר אַלץ — אפילו מער, ווי פאַרן טאַטנס כעס. וואָס איז דען דער טאַטע, אפילו, ווען ער בייזערט זיך און שרייט, מער ווי אַן אַנטלויף צוליב כעס פון שטוב אַרויס, טוט ער גישט... העכסטנס פאַלט פון זיין אימפּעט אום דער שטעקן, וואָס שטייט אין ווינקל ביי דער טיר, צום פאַרשטעקן די בלעך פון קוימען. ער פאַלט מיט אַ קנאַק־אום, ביז אין דער האַלבער שטוב אַריין אויסגעצויגן איבער דער פאָדלאָגע, און מער גאָרנישט... דאַקעגן— די מאַמע שוויגט... און אַך, ווי דאָס דריקט דוידלען דאָס הערצל... און דער עיקר, ווען זי קוקט איבער איין אָרט, פאַר־טראַכט אויף דער שויב...

דער טאַטע איז שוין אויפגעשטאַנען. אָנגעטוענערהייט זעט ער אויס, ווי כמעט, אין דער טונקלקייט פאַרמישט. שפּע־טער, ווען ער גייט שוין הין און צוריק ביי מנחה־דאַווענען, זעט מען אים נאָר די פיגור, ווען ער גייט קעגן פענסטער, דערהויפּט דעם קאָפּ... איבער דער צייט שטייט די מאַמע אויך אויף און קומט אין דעם ווינקל אַריין פאַרן אויוון, און ווען דער טאַטע וואַשט זיך צום כזית, הערט מען שוין נאָר דאָס בלויזע אָנקלינגען פון דער שעפּ אָן די ווענטלעך כון קיבעל, דאָס קראַצן דאָס לעצטע ביסל וואַסער, אים אַליין זעט מען שוין כמעט נישט, און ווען ער זיצט אין ווינקל ביים טישל און באָמקעט עפּעס איבערן כזית, דאַכט זיך, אַז אין דרויסן גייען שוין אַרום גראָע בערן...

דוידל קאָרטשעט זיך איין נעבן דער מוטער, פון ווינקל קראַצט עפּעס, דאַכט זיך, ווי אַ מייזל... נאָר ווען עס ווערט ווידער שטיל אויף אַ רגע און ווידער הייבט עס אָן, דערקאָנט מען שוין ערשט קלאָר דאָס דראָבנע און שנעלע רייבן מיט די ציינדלעך, ערשט שוין אויפן פּיעקעליק פון באַק־אויוון, מיט

אַן אימפּעט, ווי עס וואָלט געהאַט עפּעס דורכצווזעגן... און ווי־
דער ווערט פלוצלינג שטיל, מיט איינמאָל, ווי אָפּגעהאַקט...

דוידלען איז אַזוי גוט צו זיצן נעבן דער מאַמעס אָרעם.
אין דער פינסטער פילן זיך די שטוב־מענטשן מער צוזאַמען.
אַפילו דאָס דלוביען פון מייזל גיט צו אַ היימלעכקייט, נאָר
ווען דער טאַטע לאָזט הערן דעם ניגון פון „אַתקינו סעודתא״,
גייט ווידער אויף אַ דערוויטערונג... אין דעם ניגון, דאַכט זיך
דוידלען, הערט זיך שוין דער טרויער פון די רשעים, וואָס
מען הייסט זיי צוריקקערן אין גיהנום אַריין...

— אָ, וואַ, אָ, וואַ!... — ווערט דוידלען אומהיימלעך... אים
דאַכט זיך, אַז איבערן דאַך, אין דער לופט, פליען קאָטשן...
„סטאַנגעריטן״ קנאַקן מיט לאַנגע בייטשן, און זענען אָנגעטוען
אין שווארצע היטן... דאָס פאָרט מען מיט אַ ווילדער בהלה
מיט לייביש שענקער, וואָס ווערט געיאָגט פון די שדים. מען
שטעלט זיך אָפּ אַ פּאַר אַ קרעטשמע. לייביש שענקער לויפט
אַריין:

—דערבאַרמט אייך, גיט מיר אַ גלעזל בראָנפן... וואָרום
די חברה לויפט מיר נאָך... אָט שוין...

און וויל ער נאָר אויסטרינקען, קומט שוין אַריין אַ טשאַטע
שיקסעס און נעמען אים פּאַטשן פוי! דער זייט און פון דער...
און דאָס גלעזל בראָנפן ווערט אים אויסגעגאָסן אויף דער
באָרד... ער ווערט געכאַפּט אין דער לופטן און צוריק אַרויס־
געטראָגן צו דער קאָטש... און מען קנאַקט ווייטער און די
שיקסעס אַרום אים כאָכאָטשען און לאַכן און זינגען און שרייען,
און מען קנאַקט איבערן שאָסיי...

דאָס אייגענע טוט מען אויך מיט אַ שניידערל, אברהם־
טשע, האָט ער געהייסן, ער האָט געבייט סוקמאַנעס און אויך יידי־
שע קאַפּאָטעס — האָט ער אריינגעבייט שעטנז, אַ שטיקל סוקמאַנע

אַז עס האָט איבּ אויסגעפּעלט שטייפלייוונט... אָדער גאָר גויעשן פּאָדעם — אין אַ קאַפּאָטע... נאָר ער, דאָס שניידערל, גייט צו פּיס... און שטענדיק טרעפט מען אים אויף אַ וועג צו אַ יאַריד... אַז אַ היימישער פרעגט אים:

— וואו גייסטו דאָס, אַברהמטשע?...

— כ'גיי — זאָגט ער — עטלעכע „שטיקלעך" פאַרקויפן...— דאָס מיינט ער „סוקמאַנעס", און ער ווייסט גאָר נישט אויך, אַז ער איז טויט...

„אָט דאָס איז אַ שרעקלעכע זאַך... — טראַכט דוידל — אַז מען זאָל גאַרנישט וויסן אויך, אַז מען איז געשטאָרבן"... און און אים נעמט אָן אַזאַ מיטלייד צום אָרעמען שניידערל. עס דאַכט זיך אים, אַז ער זעט זיין שוואַרץ דאַר פּנים, ווי די ערד אַ קאָליר... און די פינסטערע אויגן זיינע... און איז דער צו נאָך אָפּגעגאַרט...

און דוידל ווייסט נאָך אַ סך אַזעלכע מעשיות, נאָר אים גלוסט שוין נישט צו טראַכטן וועגן די, וואָס בלאָנדזשען אַרום אין עולם־התהו... זענען געשטאָרבן און זענען אָפּגענאַרט...

ווען דוידל הערט אויף א מינוט צו טראַכטן, הערט ער ווידער דאָס קראַצן פון מייזל, איצט שוין צווישן די העלצער, וואָס די מאַמע האָט געלייגט אויסצוטריקענען איבער דעם באַק־אויוון, און אין שטוב צעטראָגט זיך דאָס גאָר שטאַרק.

— מאַמע...— וויל ער עפּעס אַ פרעג געבן, דוידל. אָבער די מוטער גיט זיך אַ שאָקל און הייבט אָן:

— „גאָט פון אברהם, פון יצחק און יעקב"...

און דער טאַטע הייבט אויך אָן:

והוא רחום, יכפר...— שוין מיט אַ כמעט אַן אָראָפּגעשלאָ. גצם טאָן פון דער שבת־פרומקייט און שבת־פאַרנאַכטיקע קרעכצן... עס קלינגט אַ ביסל וואָכנדיקער, אָבער דערפאַר

מונטערער, נאָכדעם, ווי מען איז שוין אָנגעזייגט, ווי אַ שוואַם מיט שבת-פּאַרנאַכטיקע זיפצערייען. דאָס שטיבל ווערט פול מיט דער מאַמעס ווערטער, עס צעגיסט זיך אין איר קול אַ שטאַרקע האָפנדיקייט, אַפילו דער טאַטע מיט זיין דאַוונען ערגעץ אין ווינקל, ווערט איינגאַנצן איינגעשלונגען און בטל... דער מאַמעס קול גייט וואָס אַמאָל שטאַרקער און זיסער, אַז די לופט צע-וויגט זיך אַזש פון די זיסע צוזאָגן, וואָס שווימען אַזוי פּראָסט און בולט אַרויס פון דער מאַמעס ווערטער, ווייל דאָס אַלץ איז אויף פּראָסט יידיש און קלינגט ווי אַ בשורה:

„ער טראָגט אַ טראָמפּייט אין דער רעכטער האַנט,
„און מאַכט אַ ברכה איבערן גאַנצן לאַנד!
„אמן ואמן, גאָט זאָל געבן, ס'זאָל זיין וואָר,
„משיח זאָל קומען ס'היי-יעריקע יאָר!...״

אַזוי ענדיקט די מאַמע מיט אַ גרויסער בטחונדיקייט און דאָס גאַנצע שטיבל ווערט איינגעשלונגען פון די לעצטע ווערטער, מיט דער פינסטערניש און מיט אַלעם...

דערנאָך שטייט זי אויף, טאַפּט עפּעס מיט גאָר אַן אַנ-דערן קוראַזש איבערן ערשטן ציגל פון עק אויוון, פונוואַנען עס הערט זיך באַלד אַ שאַר און אַ רוק פון אַן אויסגעטריקנט, אָפּקלינגענדיק פּעקל שוועבעלעך...

זי רוקט זיך דערמיט אַוועק איבער דער שטוב, צום ווינקל, ווי דער קיבעל שטייט, דאָרט הענגט איבער אים דאָס קיישעלע אויף ליכט... און באַלד צעפלאַטערט זיך די פינסטער-קייט, עס גיט אַ ביזעווע אַרויס אַ פייערל, וואָס צעשפּריצט זיך אויף אַלע זייטן אַרום דער מאַמעס האַנט און עס דערזעט זיך דער טאַטע פון זיין ווינקל אַרויס...

—גוט-וואָך!

—גוט-וואָך, גוט-יאָר!—ענטפערט דער טאַטע, און זעט אויס עפּעס אַזוי גרויס, ווי אויסגעצויגן הויך אין זיין ווינקל...

IX

דער טאַטע דרייט זיך אַרום איבער דער שטוב. עפּעס באַמקעט ער גוט-וואָך אויפגעלייגט. דאָס איז אַן אָנהויב צו דער „פוילער וואָך". כאָטש עס הערט זיך נאָך עפּעס פון פאַרגאַנגענעם שבת. אויך אויף דער מאַמען קוקט ער, ווי: „מילא, וואָס ס'איז געווען איז געווען, אָבער איצט גייט אַ נייע וואָך"... און ער זעט טאַקע אויס, ווי רואיקער, אויסגעשלאָפענער און דער עיקר בר-דעתדיקער... די שבת-צונאַכטסדיקע בר-דעתקייט און ווייכקייט, ווי אַ ייד, וואָס ווערט אויסגעאיידלט איבער שבת פון אָנזאָגן זיך אַ פולן בויך... עס רוט אַ קלאָרקייט אויף און אפילו אין באַמקען די פסוקים. אויך די מאַמע שטייט ערשט מיטן אָנגעצונדענעם ליכטל אין מיטן שטוב און קאָן זיך עפּעס קיין עצה נישט געבן. עס דאַכט זיך איר, אַז דער טאַטע זאָל זיך נאָר ווענדן צו איר, וועט זי עס אים איבערגעבן... ווייל וואָס טויג עס דען ערשט איר, זי דאַרף דען בענטשן ליכט?... נאָר ער שטרעקט אויס די האַנט צו דעם ליכט-קייבערל אויף דער וואַנט, גראַבלט פון דאָרט אַרויס דאָס שטיקעלע הבדלה, וואָס ער באַנוצט יעדן שבת-צונאכטס, פון צייט שמחת-תורה אָן... און אָט, האַלט ער עס שוין אין דער האַנט... און וואָס טוט ער ערשט?... ער זאָגט ווייטער פסוקים און קוקט איבערן בעליק... נאָר מיטן שטיקעלע הבדלה שטייט ער קעגנאיבער דער מאַמעס ברענענדיקן ליכטל... און די מאַמע שטייט מיטן ליכטל קעגנאיבער זיין שטיקעלע הבדלה... און ביידע שטייען אַזוי אנטקעגן... ווייל דאָס שטיקעלע הבדלה רעדן צום

ליכטל: ליכטל, ליכטל, ווּעסטוּ מיך לאָזן אָנצינדן?... ווּיל ווּידער דאָס ליכטל רעדן צום שטיקעלע הבדלה: נעם צינד דיך אָן...— נאָר ביידע קאָנען נישט... בייגט זיך דאָס שטיקעלע הבדלה איין צום ליכטל און דאָס ליכטל מיטן פלעמל צום שטיקעלע הבדלה... ווערט דער טאַטע איצטער נאָכמער פאַרטוּען אין זאָגן די פסוקים, שטעקן זיך צוזאַמען ביידע קנויטן, ביידע צעקאָפּטשען זיך, שיקן אַרויף אַ שוואַרץ רויכל פוּן צווישן זיך, דאָס שטיקעלע הבדלה טריפט שוין טראָפּנס איבערן קעפּל פוּן ליכטפלעמל, ווייל דער טאַטע איז איצטער נאָכמער פאַרטוּען, ווי פריער...

נוּ שוין... ברענט עס דאָך שוין... גלייכט ער עס טאַקע צוּריק אויס און עס ברענט שוין באַזונדער... שפּאַצירט ער פאַמעלעך צום טישל הבדלה מאַכן, גייט זי פאַמעלעך נאָך, דאָס ליכטל אַריינצוּשטעלן אין לייכטערל... דעם טאַטנס באָמקען הערט נישט אויף, אדרבה,.. ער האַלט פאַר אַ גוּטן סימן די מאַמעס צוּקוּמען, פאַר אַ מזלדיקע וואָך... ביז ער פאַרמאַכט די אויגן און הייבט אָן איבער אַ גלעזעלע יויך פוּן א קעלבערן פיסל:

—„הנה אל ישועתי”...

די מאַמע, דאַכט זיך, איז נאָך נישט אינגאַנצן מסכים... ווייל זי באַוועגט נאָר קוים נאָך מיט די ליפּן, נאָר דאָס, וואָס זי שטייט דאָרט איז שוין אויך גוּט... דוידלען צעטאַנצט זיך אַזש דאָס האַרץ דערפוּן, און נעמט קיין אויג נישט אַראָפּ, אַפילוּ די הבדלה האַלטן איז ער שוין מוחל... דער טאַטע באַקוּקט זיך די נעגל קעגן דעם הבדלה-פלעמל אין מיטן זאָגן, און די מאַמע שטייט שוין דאָרט ביז ער ענדיקט...

אַצינד זעט ערשט דוידל, וואָס פאַר אַ פריילעכקייט: צוויי פייערן, אַ ליכטל מיט אַ הבדלה!... נאָר באַלד לעשט דער טאַטע

די הבדלה אין דער אָנגעטריפטער יויך אויפן טיש. די הבדלה ביינזערט זיך, קנאַקט, דאָס פלעמל וויל נישט אויסגיין און קאָפּטשעט... נאָר דער טאַטע גיט אַ בעסערן וויש אָן טיש און עס בלייבט נאָר איבער אַ ווייס רויכל נאָכדעם אויסגיין פון איר. ווערט צוריק טונקל אין שטוב, שלייכט זיך דעמאָלט נאָכ-אַמאָל צום קויבערל, נעמט נאָך אַ ליכטל און עס ברענען צוריק צוויי פייערלעך...

ערשט איצט ווערט אַזאַ געלאַסענע אויפגעלייגטקייט אין שטיבל, כאָטש אַ שטילע, אָבער אַ זינגענדיקע, און דער טאַטע נעמט זיך אָפּ מתיקות פאַר אַ גאַנצן שבת... עס הערט זיך דער „ויתן לך" אַ סך זיסער, ווי ער האָט זיך אַליין געריכט... אומזיסט האָט ער פרייטאָג-צו-נאַכטס געזוכט, כאָטש אַ שאָטן, אַ ניצוץ פון די קלאַנגען... איצט צו דער פולער וואָך, האָט עס זיך אַליין אַנטפּלעקט... גאָט שיקט שטענדיק זיין חסד אַזוי אומגעריכט און דוידלס טאַטע גלייבט, אַז אויך דאָס איז אַ גוטער סימן פון אַ מזלדיקער וואָך... אַך, דאָס פיצעלע פרייד. וואָס וואָלטן מענטשן געטוען אָן דעם, בשעת אויף דער נשמה לייגט זיך — טראַכט דוידלס טאַטע — אַ „זאַוויערוכע", רחמנא ליצלן... אָדער, אפילו נאָר גלאַט אַ מיאוס וועטער?... דערפאַר טאַקע האָט זיך גאָט, מוז זיין, מרחם געווען אויף די וועלט און באַשאַפן די פרייד. נאָר איין שטיקעלע חסרון, וואָס מען מוז האָבן פון פריער אַ פריילעך האַרץ, כּדי מען זאָל זיך קאָנען פרייען... נאָר אויב, אַז מען האָט עס נישט, וואו נעמט מען עס?...

דוידל גייט צו צום טיש, וויל העלפן דעם טאַטן זיך מיטפלאָנטערן, נאָכדרייען, אָבער דער פאָטער דאַרף עס נישט און דוידל קאָן אים אויך סיי-ווי-סיי גאָרנישט מיטהעלפן, ווער שמועסט נאָך, „מיט דרויסנדיקע כּלים", אויסער מיט האַרץ...

די מוטער שטייט שוין ביים אויוון, ווייל אויף די בושע־זשענע דרענגלעך איז די קאָרע ווייסע, דינע, מיט לענגלעכע ברוינע ליכט־פלעקלעך, און אַז מען לייגט צו אַן אָנגעצונדן שוועבעלע, וויקלט זי זיך איין, ווי זי „וויל נישט”... נאָר צינדט זי זיך אָן, הייבט זי אָן צו קנאַקן און ליכטיק צו מאַכן, אַז די גאַנצע שטוב ווערט פול מיט פריילעכקייט. האַלט טאַקע די מאַמע צונויפגעלייגט עטלעכע דינע קאָרע־שאָלעכצער אין איין האַנט, אין דער צווייטער – עטלעכע דינע העלצלעך איבער זיי, אַז דאָס פייער זאָל אָנהייבן אַרויפצוביזעווען...

באַלד ברענט שוין אונטערן קיכל, און דוידל ווייסט, אַז עס וועט זיין פריילעך, אפשר נאָך אויך קאַרטאָפּלעס מיט דער שאָל... אַז די מאַמע וויל, איז אַלץ דאָ... און ווען זי גייט צו צום קיבעל, גיט אַ קוק אין אים, בייגט אויס אויף אַ קאַנט, צי ס'איז דאָ וואַסער... ווערט שוין דוידלס האַרץ איבערגעפולט איבער די ברעגעס:

– איך וויל מיטגיין נאָך וואַסער...–רופט ער אויס.

– מען דאַרף נישט, – זאָגט די מאַמע און זי נעמט שוין אַליין די פּאַטשיילע אויפן קאָפּ...

דוידל זעט ערשט ווי שיין די מאַמע איז... ווי די אויגן ווענען ערשט ביי איר גאָר אַנדערע געוואָרן... און אָט שטייט זי שוין אויף דער שוועל, אַ גלייכע, אַ הויכע, אַרויספאַרשווינדנדיק פון שטוב.

שפּעטער, ווען מען זיצט ביי מלווה־מלכה, איז אין שטיבל דאַכט זיך דוידלען פונקט, ווי ביי יענעם ייד, וואָס די שדים האָבן אים אַרויסגענאַרט, אַז ער זאָל זיי גיין געבן די תבואות פון שפייכלער אַרויס... דאָס פליעסקען מיט די לעפל אין דער

הייסטער קאַרטאָפֿלעס-גריץ, לאָזט זיך הערן... און אַ לײַכטע פֿאַרע גייט אויף שטילערהייט איבער די פֿאַררויטלטע פּנימער, איבערהויפּט, איבער די מאַמעס...

X

גאָטס גענאָד האָט זיך אויפֿגעוועקט, פֿאַרט זיך דערבאַרמט איבער אָרעמע לײַט. זיי האָבן שוין קיין כּוח נישט אויסצוהאַלטן. אָנגעהויבן האָט עס זיך, ווען ר׳ אייזיק דער זייגערמאַכער איז אַ גאַנצע נאַכט אויף געווען, ער האָט עס דערזעען... נאָך זײַן פֿאָטער און זײַן זיידע, עליהם השלום, זענען געווען גרויסע מולד-קענער, אָן דעם לוח און די ברילן האָבן זיי זיך נישט גערירט. זײַן פֿאָטער פֿלעגט נישט איינמאָל דער שטאָט פֿאָר-צוזאָגן ביז אין דער טיפֿער צוקונפֿט אַרײַן. זײַנע פֿאָרזאָגונגען וועגן וועטער זענען געווען נישט ערגער, ווי פֿון די הײַנטיקע מעטעאָראָלאָגן. שוין דערמיט אַלײן, וואָס ווייניקסטנס האָט ער אויף זיך זעלבסט גאָרנישט געשטעלט, נאָר אויף דעם לוח. אויך פֿאַרבאָרגנקייטן האָט ער געטראָפֿן, צום בײַשפּיל, וועגן גנבות, לויט אַ גורל, וואָס איז געווען אויפֿגעדרוקט באַלד אין לוח. נאָך איידער די גנבה איז געשען... די גורלות זענען געשטאַ-נען אויפֿגעדרוקט קײַלעכדיק, ווי אַ רעדל, און ער האָט נאָר געדאַרפֿט צומאַכן אַ ווייך ברויט-קייקעלע און לאָזן עס פֿאַלן אויף די געדרוקטע צייכנס... אַלץ, וואָס ר׳ אייזיקס פֿאָטער האָט געזאָגט איז עס געווען גענומען פֿון לוח הקדוש... קיין פֿאַרבאָרגענע זאַך האָט פֿאַר אים גאָר נישט עקזיסטירט... ער האָט, צום בײַשפּיל, קיינמאָל נישט געזעען די הויפּט-שטאָט, נאָר אַז ער האָט פֿאַרמאַכט די אויגן און זי פֿאָרגעשטעלט זיך, האָט ער זי גלײַך געזעען... אויך די באַן, וועגן וועלכער מען

האָט דערציילט, אַז זי לויפט אָן פערד — האָט ער אַזוי נאָך געקאָנט זעען. נישט איינמאָל איז ער אויפגעקומען, ווי פון אַ שלאָף מיט אַ זיסן קינדישן שמייכל אין דער באָרד אַריין, און דערציילט, אַז נאָר וואָס האָט ער געזעען די באַן דורכפליען... ווער שמועסט אויסרעכענען פונקט צום טאָג, ווען „יום-כפור-קטן" פאַלט אויס... אָט פון דעם פאָטער קומט עס אַרויס ר' אייזיק זייגערמאַכער, און האָט אַ חזקה אויף נאָכצוקוקן דעם וועטער. און דאָס, וואָס ער איז געווען דער ערשטער, וואָס ער האָט דערזעען דאָסמאָל גאָטס גענאָד, איז עס געשעען אַזוי:

ער וואוינט אויף אַ גאָרן, וואו דער ווינט בלאָזט אַ סך שטאַרקער ווי אין דער נידער; דערצו נאָך מיט דינע הילצערנע ווענט. אויף צו דערוואַרעמען זיין שטוב דאַרף ער אַ גאַנצן וואַלד אויף צו פאַרברענען. אויב, אַז מען וועט נאָך וועלן פאַרשטיין, אַז זיין מלאכה האָט צו טוען מיט איידעלע זאַכן: רעדעלעך, שפינדעלעך, צווענגעלעך און שטיינדעלעך, זענען די דאָזיקע קעלטן געווען פאַר אים אַ שווערער קלאַפּ. האָט ער טאַקע געקרעכצט אין די דאָזיקע טעג, און די נעכט נישט געשלאָפן. אין דעם דאָזיקן שבת-צונאַכטס, אַרום איינס דער זייגער, איז ער אַראָפּגעגאַנגען פון די שטיגן, זעען, ווי עס האַלט מיטן מולד...

אין אָנהייב האָט ער גאָרנישט געזעען... באַמערקט האָט ער אָבער, ווי אונטער דער וואַנט, אין שאָטן, האָט עפּעס ווי אַ וויסט ווינטל זיך אויפגעכאַפּט. אַ שטיקל פּאַפּיר האָט אַ פלאַטער געגעבן און גלייך געוואָרן אַרויפגעפּאַטשט אויף דער וואַנט אַרויף... אַן אַנדער מאָל, ווען אַזאַ ווינטל קומט אָן ווערט עפּעס נישט ניחא אין דרויסן... מען שפּירט אַ רייצונג אין דער נאָז און עס גלוסט זיך צו ניסן פונקט, ווי פון אַ קאַטאַר...

נאָר איצט אָבער האָט ר׳ אייזיק אָנגעהויבן נאָכצופאָרשן דעם ווינטל: עפּעס די פּוילקייט פון דעם שטיקל פּאַפּירס אַרויפּפּאַטשן אויף דער וואַנט, איז אים נישט געפעלן... ער האָט פאַרדעכ-טיקט, אַז דאָס ווינטל געהער צו זיין פון יענע „מערב-ווינטלעך״, וואָס נאָך זיי שלעפּט זיך אַרויס פריער אַ גרעלקייט און דער-נאָך אַ קויטיקייט אויפן הימל און גאָר דערנאָך ערשט — גאַנצע בערג שמאַטעס... הכלל, לויט דעם דאָזיקן ווינטל האָט ר׳ איי-זיק געשטעלט די דיאַגנאָז... ער האָט עס באַאָבאַכטעט, ס׳הייסט געקוקט אויף דעם קאָליר פון דער נאַכט, געשפּירט צו דער לופט און געקוקט צו דעם שניי, וואָס פּאַר אַ פּנים ער האָט... און דערנאָך שוין אויפגעהויבן די אויגן צו דער לבנה אויך... יאָ, זי שיינט... „נאָר וואָס עפּעס זי אַליין?״ — האָט זיך ר׳ אייזיק נישט געלאָזט געפאַרן — אין פאַרוואָס עפּעס אַזוי מילכיק, פּעך-ווייסלעך... ווי איז די שאַרפקייט און די שטערן אַרום וואו זענען?... דאָס אַלץ האָט ר׳ אייזיקן געאַרט... אָבער ווינט-דיק האָט ער זיך גאָרנישט געמאַכט... נאָר אויב דאָ איז אים געווען גלאַט אַזוי נאָר אַביסל קשה... און מיט אַן „אפשר״ נאָר בלויז, אַוועק צוריק אויף די טרעפּ צו זיין שטיבל, — האָט ער אָבער מיט באַהאַלטענער ערמה געטראַכט, אַז מען מוז זיך אונטערגענאַרן... אין אַ האַלבער שעה אַרום ווידער אַ קוק געבן צום הימל... וואָס וועט ער דעמאָלט זאָגן... ווייל אויב עס האָט זיך שוין אָנגעהויבן אַ שינוי, וועט ער, דער הימל, עס נישט קאָנען באַהאַלטן פאַר ר׳ אייזיקס אויגן...

און אַזוי איז געווען, נאָך אין אַ האַלבער שעה, אַ פּינקטלעכע, ווייל ער איז אַ זייגערמאַכער... איז ער אַראָפּ נאָכאַמאָל אין דרויסן אַ קוק געבן, און דאָ האָט ער באַגעגנט אַזוינס, וואָס האָט שוין גערעדט קלאָר: א פאַרגעלט ראָד, אַ ברייטס און אַ דיקס, נישט קיין „דאַכט זיך״, נאָר מיט אַ

שטאַרקן לעקעך־קאַליר, אין דער גרויס פון אַ רעגנבויגן, געשטאַנען ווייט אַרום דער לבנה... מיט שטיל האַרץ־קלאַפּן שעירנדיק שוין אויך די פּאַרטוגקלטקייט פון דער לבנה גופא, וואָס וועט נאָך די נאַכט קומען, איז ער צוריק אַרויף אויף די שטיגן... און, בראש, איז ער דאָס מאָל אַריין אין שטוב נאָך שטילער ווי שטענדיק, היטנדיק זיך דאָס ווייב איבערצוּוועקן, כאָטש אין האַרץ האָט ער שוין געשפּירט אַ גרויסע נייטיקייט מיט וועמען זיך צו טיילן אין זיין בשורה... ער האָט אָבער אויך געהאַט די גרויסע נייטיקייט פון באַהאַלטן דעם סוד, וואָס ער טראַכט ביי זיך אין האַרץ... און שאַ, שטיל האָט ער אויסגעקוקט דעם פּראָסטס מפּלה... אַרום צוויי נאָך האַלבער נאַכט האָט ר׳ אייזיק שוין דערהערט דאָס ערשטע פּוילע קלאַפּן פון אַן אָפּגעריסן שטיקל דאַך־פּאַפּע, וואָס האָט אַריבער־געהאָנגען איבער דעם גזימס־לייסט איבער זיין פענסטער... דעמאָלט האָט ער אַ בליק געוואָרפן גלאַט איבער די שויב... און איבער זיין ווייבס פּאָרהאַנג, אונטער וועלכער איר בעט איז געשטאַנען... און, קוים־קוים האָט ער זיך געקאָנט אפּהאַלטן בישט איבערצוּוועקן זי... ער האָט אָבער דעם סוד באַהאַלטן נאָך טיפער און אַזוי זיך געלייגט אין בעט אַריין מיט אים, פּונקט, ווי זיינס איז שוין זיכער... און דעם שליסל דערפון טראָגט ערשט ער נאָר אַליין... ביסלעכווייז האָט ער שוין געהערט דעם ווינט קומען אָנצופליען מיט מער אימפּעט אין פענסטער אַריין, ער האָט געזעען, נאָכן אַראָפּדרייען דאָס לעמפּל, אַ דרויסנדיקע, טונקל געוואָרענע, וויסטקייט פון אונטער די פאַרפרוירענע שויבן. א גאַנצע נאַכט האָט ער געהערט דאָס פוילקייט פון דעם ווינט זיך אַלץ מער שטאַרקן מיט זיין רייסן זיך איבערן דאַך, ביז ער האָט שוין דערלעבט צו זעען, אַ וואַסערדיקע גראָקייט האָט זיך צעלייגט אויף די שויבן. דעמאָלט,

דער זייגער האָט שוין געמוזט זיין פיר, די הענער האָבן שוין געקרייעט, און דערצו נאָך מיט אַזאַ רייסן די העלזער, אַזוי ווי ביי א שטארקער לויה... דאָס איז געווען נישט קיין קרייען, נאָר פשוט אַ צעררייסן זיך, וואָס לאַנג־לאַנג האָבן די הענער שוין אַזוי נישט געקרייעט... וואו נאָר אַן אונטער־שטיבל, וואו נאָר אַ קאַמער, ווייל עופות האָט מען אין די טעג נישט געטרויט דעם פראָסט אויף די ביידעמער, — איז אומעטום אַז אַלץ געווען פול מיט קולות...

נו, דעמאָלט האָט שוין ר׳ אייזיק מער נישט געקאָנט איינליגן אין בעט. מיט די גרעסטע כּוחות האָט ער זיך איינגעהאַלטן און שטאַרק באַדויערט, פאַרוואָס אַלע הייזער זענען פאַרמאַכט און ער קאָן קיינעם נישט אָנזאָגן וועגן דעם... און אָנקלאַפּן ערשט איז נישט די צייט און דערצו נאָך איז אַביסל קעלטלעך אויך אויפצושטיין, ווען ער ליגט שוין... ווי וואָלט ער זיך ערשט געקויפט עולם־הבא אָן דער שטאָט, ווען ער זאָגט איר אָן... און אין דער פרי וואָלטן זיך מענטשן דערציילט, אַז ר׳ אייזיק איז ביי זיי געווען די היינטיקע נאַכט און מוסר געווען, אַז באַלד דאַרף אָנקומען אַן ענדערונג איבער דער וועלט... ס׳הייסט אָט דער גרויסע שינוי... אַזוי וואָלט איינער דעם אַנדערן דערציילט און ער, ר׳ אייזיק, וואָלט שוין דעמאָלט גאָר נישט געהאַט, וואָס צו זאָגן צו דעם אַלעם... ווארום זיינס האָט ער שוין אָפּגעטוען... וואָס ער האָט געהאַט פאַרויס צו זאָגן, האָט ער שוין געזאָגט... איצטער דאַרפן נאָר רעדן דערפון בלויז אַנדערע... מיט די דאָזיקע געדאַנקען איז ר׳ אייזיק ערשט אין פאַרטאָג איינגעשלאָפן און איז פאַרדאָס אויפגעשטאַנען דער לעצטער, ווען די גאַנצע שטאָט האָט שוין געזען, וואָס אין דרויסן האָט זיך אָפּגעטוען, אָן אים...

דאָס זענען טאַקע געווען גאָטס וואונדער. די שטאָט איז

געלעגן איינגעפּאַנצערט, די האַרטקייט פון דרויסן האָט זיך געשפּירט דורך די ווענט. עס האָט געקלונגען יעדער מינדסטער רויש, אפילו אַ פלי פון אַ קראָ פונקט, ווי די וועלט וואָלט אַ שטאָלענע געווען — און אינדערפרי: אַך! דער דרויסן איז גע־וואָרן ווייך ווי צוקער, וואָס עמעצער האָט אים איבערנאַכט אונטערגעגאָסן...

וואָס איז אַזוי מילך־ווייס געוואָרן די לופט, ווי אין אַ באָד?... וואָס שטייען אַזעלכע וואַסערדיקע שניי־גריבעלעך אין מיטן דער גאַס און וואָס זענען אַזוי נאַס־פּלעטשיק די שניי־בערגעלעך? אונטער די שטיגן יאָגט אַ גאָר שטאַרקער און פוי־לער ווינט, און דאָרט, אונטער די ווענט, עסט ער דעם מאַרך פון אומבאַאַרירטן שניי, שמאָטשקעט אים און לאָזט אין אים איבער לעכעלעך, ווי אין אַ זיפּ. שוין נישטאָ אין אים די נעכטיקע פוכיקייט. שוואַרץ און איינגעפּלאַטשט פונקט, ווי אַן איינגעפאַלן פּלעצל, בשעת נעכטן איז ער נאָך געווען קלאָר ווי זעמל־מעל און שטערנדלעך האָבן אַרויסגעבלאַנקט פון אים...

און אַזוי ווי דער ווינט האָט אים געגעסן, אַזוי איז אויף מענטשנס פּנימער געקומען אַ דערלייכטערונג, אַן אויסגעלייזט־קייט און טרייסט... אָ, האָט דוידלס מוטער אויפגעהויבן די הענט צו גאָט און די אויגן צום הימל:

— רבונו של עולם, אַז דו האָסט דאָס באַוויזן, וועסט שוין היי־יאָר זיכער משיחן אויך ברענגען...

דוידל האָט ליגנדיק אויף זיין געלעגער געהערט דעם גרויסן חסד, וואָס גאָט האָט געטוען... און נאָך אין שלאָף האָט ער פאַרנומען דער מוטערס ווערטער וועגן דעם...

ער האָט שוין נישט געקאָנט גלייכגילטיק בלייבן אין זיין נאָך מיפן דרימל.

ער האָט זיך אויפגעזעצט אויפן געלעגער. דאָס פענסטער, וואָס איז נעכטן געווען, ווי אין ווייסע פעל איינגעהילט, אַן אמתער פעלץ, איז היינט איגגאַנצן פאַרוואָסערט און אויסגערונען אַזש אויף דער פענסטער־רעם אַראָפּ. מען זעט שוין, נישט נאָר דאָס גלאָז פון די אָפּגעגאַנגענע שויבן, נאָר אויך דעם דרויסן איגגאַנצן. נעכטן איז ער נאָך געווען ברענענדיק דער פראָסט און היינט איז ער שוין שוואַרץ און האָט אַ פנים פונקט, ווי גרוז אין קוימען. זיין גאַנצע גבורה האָט איבערנאַכט געפּלאַצט...

— גאָט האָט פיל וואונדער באַוויזן — האָט דוידלס מוטער געזאָגט - קעגן גאָט איז קיין שטאַרקייט נישטאָ... ער איז גרויס און זיינע וועגן זענען גרויס... — שטייט די מאַמע אין מיטן שטוב, קוקנדיק צום דרויסן... און אַזוי, דאַכט זיך דוידלען, איז אויך מרים הנביאה פון חומש געשטאַנען און געקוקט איבערן ים, בשעת די יידן האָבן געזען דאָס נס, וואָס האָט זיך געטוען פאַר זייערע אויגן: ווי דער ים האָט זיך געשפּאָלטן...

דוידלען גלוסט איצט פשוט זינגען שירה: דעם שונא, דעם פראָסט האָסטו געוואָרפן אין ים...

אָבער אויך דער מוטער גלוסט, נישט ווייניקער, צו זינגען:

— נו, דוידל, האָבן מיר אַ גרויסן גאָט. האָט זיך ווער געריכט, אַז דער פראָסט וועט איינגעמען אַזאַ גיכע מפּלה?... ביי דעם, וואָס, — כ'האָב מיר נישט געוואַשן די הענט... — איז אַלץ מעגלעך.

זי האָט מיט טיפער דורכגענומענקייט אָנגעהויבן אָפּצוטרעטן פון אָרט, און געגאַנגען מיט זייער ווייכע טריט, איבער דער שטוב, פון געריוטקייט.

דוידל האָט זיך שוין מער נישט געקאָנט איינהאַלטן, האָט געכאַפּט אויף זיך די הייזלעך, און צו זיין גרויסן וואוג־דער באַמערקט פונקט, ווי ער וואָלט ביז אַהער נישט געווען אין שטוב... אַז דער טאַטע איז נישטאָ.

— וואו איז דער טאַטע?... — האָט ער געשווינד אַ פרעג געטאָן, און באַלד אַליין דערזעען, אַז דער טלית־זאַק אויף דער וואַנט הענגט נישט...

— ער איז געגאַנגען דאַווענען — האָט די מאַמע געזאָגט.

דוידל איז געוואָרן פון דעם נייעס נאָך מער אויפגערו־דערט.

אויך אין גאַס האָט מען שוין באַלד אינדערפרי געזען עטלעכע שליטעלעך פון די סאַמע נאָענטסטע דערפער, וואָס ליגן אַ וויאָרסט אָדער צוויי פון שטאָט, אָבער נישט ווייטער, ווייל דער וועג איז געווען פאַרלייגט. נאָר דאָס שאַדט נישט... זאָל ער זיך נאָר אויסרייבן אַביסל, וועלן שוין יעדן טאָג קומען, פון וואָס ווייטערע דערפער, אַלץ מער שליטנדלעך און אפילו שליטנס מיט זעקלעך תבואה און מיט האָלץ אפילו...

דוידל איז אַרויס פאַר דער טיר. דער אַנטקעגנאיבערדי־קער דאַך שניי איז אַיינגעפּלאַטשט געוואָרן און שווער, בשעת נעכטן איז ער נאָך געלעגן פוכקע, ווי אַ קישן און אויפגעב־לאָזן... פון וואָגן, וואָס שטייט פאַר זייער טיר (דעם פעטער ביינושעס אַ צעבראָכן־אַוועקגעשטעלטער), האָט דער ווינט פון די וואַסינג־דרענגלעך שוין געהאַט אָפּגעגעסן דעם שניי, קיין הייטלעך זענען אַפילו נישט געבליבן איבער זיי, אַביסל נאָס־קייט נאָר... אַרום דעם שטיין, וואָס ליגט ביי דער באַכטע פון איין זייט וואָגן, איז דער שניי אויך אַרומגעגעסן, ווי אַ ראָד—און דאָ קוקט שוין אפילו די ערד אויך אַרויס... און דאָס ווינטל, וואָס שווימט אין דער לופט, אַזוי פויל־רייסנדיק דויד־

לען בײַ די פּאַלעס... עסט װײַטער אױן עסט... דוידל פּרואװט אַ שאַר געבן מיטן פּיסל איבערן שנײ און זעט, װי ער קלעבט זיך צוזאַמען, אַז מען קאָן פֿון אים „מענטשן" מאַכן... קינדע־רישע הענטלעך װעלן זיך שױן באַלד אין אים טונקען און קאַלערנדיק קילן, װעט זיך אַזש דאָס שװאַרצע פֿון דער ערד אַרױסרוקן מיט אַ בליק צום הימל... װי דוידל פּלעגט עס אָפּט זעען אױף די פּלעצער, װאו מען האָט „מענטשן" געװאַלגערט און יעדע קױל שנײ האָט בײַם „װעלגערן" זי די ערד אָפּגע־דעקט... אױך פֿאַר יעדער טיר װעלן די װײַבער אין אים טונקען באַלד די פּאָמיעטלעס און אין די רינשטאָקן װעט דאָס װאַסער לױפֿן. פֿרײַטאָג בײַ הלות־באַקן און טשאָלנט־שטעלן, װעלן שױן װײַבער דרעפּטשען אין אים מיט פֿאַרסאַר־געטע קלײדער און װער עס װעט דאַרפֿן אַ נאַסע שמאַטע צום טשאָן פֿאַרשטעקן, דער װעט זי אין אים אײַנטונקען... אָט דעם דאָזיקן חורבן װעגן דעם פּראָסט און שנײ האָט דוידל אין אײנמאָל דערטאַפּט.. און אָט די עטלעכע קראָען, װאָס פֿליען אָן איבערן דאַך, שטײען אַזױ מרה־שחורהדיק, זעצן זיך מיט די בײַכלעך אױפֿן שנײ און טוליען אײַן די קעפּלעך צװישן די אַקסלען, די שנאָבלען שטום... זײער בליק פֿאַלט אַ פֿאַר־בענקטער, כּמעט אַ װיסטער אין דער לופֿט, װאָס איז געװאָרן שטיל און אױסגעלעערט, און װען זײ פֿאַרקוקן זיך מיט אײן אײגל אין דער װײַטקײט, דאַכט זיך, אַז זײ טראַכטן װעגן יענער צײַט, װען נח האָט געלעבט... װעגן דער תּבֿה, װאָס איז געבליבן שטײן אױפֿן באַרג אררט... — אָט אַזױ, דאַכט זיך דוידלען, טראַכטן זײ ערשט... אין זײער קעפּל און אין זײער אײגל, װאָס קוקט אַרױס פֿון דער זײַט, ליגט אַ פֿאַרשטימטקײט, װי װעגן חורבן. זײ זענען פֿאַרטועץ מיט רעיונות אין אַ פֿאַר־גאַנגענהײט... ערשט נעכטן זענען זײערע פֿליגל געװען גרינגער,

ווי די לייכטסטע ווינטלעך, אויף די שפּיצן נעגל פון זייערע דינע, לייכטע פיסלעך איז זייער היפּן געווען אַזוי גרינג, ווי דאָס היפּן איבער שפּיצן פון זאַנגען... אויף דעם שפּיץ פון דאַך זענען זיי געקומען אָנצופליען און זייער שטעל אַרויף זיך אויף אים איז געווען שטאָלץ, ווי פון אַן אָנגעקומענעם רייטער,—וואָרום אַזוי גיט אַ רייטער אַ קום אַרויף אויף אַ שפּיץ פון אַ באַרג.—וואו איז היינט אומגעקומען זייער שטאָלץ? פאַרוואָס זיצן ווי היינט אַזוי מיט די בייכלעך אין שניי איינגעטוליעט? פאַרוואָס ליגט אַזאַ פינסטעטער יאוש אין זייער שוואַרצן אויג? אַזוי זעט מען נאָר אַ—שטאַרבנדיקע פרוי אין די לעצטע זומער-טעג קוקן בענגלעך צו דער אונטערגייענדיקער זון... — פאַרוואָס פליען זיי היינט נישט אַרום? צי האָט זיי ווער די געשווינדקייט און געאיילקטקייט צוגענומען פון זייערע פליגל? צי זענען זיי געבליבן זיצן שוין צו באַקלאָגן דעם סוף פון זייערע טעג? אָדער האָט זיי ווער אַ שלעכטע בשורה געברענגט און זיי זעען, אַז די וועלט גייט שוין אונטער? — מיט אַן אַלט און הייזעריק קול, ווי אַן אַלטע פרוי, צעוויינט זיך איין קראָ:

— קראַ, קראַ, קראַ!

— נו וואָס ווילסטו דען?—פרעגט דוידל צו זיי אויפן דאַך אַרויף.—צי איז דיר דען עפּעס געשעען, צי האָט דיך דען ווער באַגזלט, אָדער באַעוולט און דער היינטיקער נאַכט?...

אָבער אַ רחמנות איז אויף זיי, ס'איז אַ שלעכט געפיל צו זיין פריער רייך, ווי קרח... און שוין צומאָרגנס אַ דלות... עס קאָן זיין — איז דוידלען אויף אַ רגע איינגעפאַלן, — אַז זיי האָבן ערגעץ קינדערלעך צו פיר און צו זעקס אין אַ נעסט?... אָבער נאָר אויף איין רגע איז אים דאָס איינגעפאַלן—ווייל ווי קומען עס ווינטער קינדער צו אַ פויגל, ווען מען קאָן נושט וואַרעמען קיין אייער און מען קריגט נישט קיין עסן אַפילו

פאַר זיך? זיי ווינטערן דעמאָלט אין שטאָט, ווייל אין פעלד איז אַלץ צוגעדעקט: נישטאָ קיין גרעזל, נישטאָ קיין ווערעמל, און נישט קיין וואָרצל איז פון דער ערד אַרויסצוהאַקן...— אי־בער דעם האָט דוידל געזעען דאָס אומגליק זייערס אין עפּעס „העכערע" סיבות, און ער האָט עס אַזוי „באַקלאָגט" זייער לעבן...

איצטער זעט ער שוין פאַר זיי קיין שום אויסגאַנג נישט... בײַ חנה־לאהן אויפן בערגל מיסט וועלן זיי זיך טאָג־טעגלעך אַרומשלעפּן אויסגעווייקטע, אויסגענעצטע פון דער פייכטקייט און פאַרשלומפּערטע פון צעגאַנגענעם אייז אין דער בלאָטע... זי גיסט אַרויס דאָס איבערבלייבעכץ פון די טעפּ, שטיקלעך באָרקעס... אויך בײַ חיה־דבורהן די בעקערין, וועלן זיי זיך אַרומשלעפּן אויפן מיסט, וואו זי גיסט אַרויס דאָס דייזשע־וואַסער, אפשר פאַרוואַלגערט זיך דאָרט אַ צעווייקט שטיקל טייג... און אָט דאָס וועט זייער שפּייז זיין און זיי וועלן זיך דורסן, איינע מיט דער אַנדערער און פאַרשליאָכען זיך די בויך־פעדערלעך, וואָס וועלן זיי נאָכהענגען פונקט, ווי בײַ אַלטע ווייבער די „גלעקעלעך" בײַ די זוימען פון די קליידער... זייערע רוקנס וועלן מער נישט גלאַנצן, ווי בלאָער תּכלת און זייערע בייכלעך, ווי ווייסער באַרכאַן... אָנגעזאַפּט די פליגל, שווער דער טריט און דער ווינט וועט זיי שטופּן פון הינטן פונקט, ווי אַ קצב דאָס קעלבל... ער וועט זיי אַרונטערבלאָזן אונטערן פעדערן־קלייד, איבערדרייען עס מיט דער לינקער זייט אַרויף און אַ סוף וועט נעמען צו זייער ממשלה און זייערע ליכטיקע טעג...— אָט אַזוי האָט דוידל באַקלאָגט זייער פּלוצלינג אומגליק מיט ליכטיקער נקמה אין די אויגן, וואָס איז געווען אַ מין אָפּרעכענונג פאַר די שטאַרקע פּרעסט, און ער איז צוריק אין שטוב אַריין. די אויגן האָבן בײַ אים נאָך געגלאַנצט פון

דעם ערשטן נצחון, וואָס ער האָט אָפּגעהאַלטן איבער די קראָען, און אַז ער האָט זיך אָפּגעוואַשן דאָס פּנים מיט די הענט, האָט ער גענומען דאָס סידורל און געשטעלט זיך דאַווענען.

די מוטער האָט שוין געהאַט צעשניטן די אָפּגעשיילטע קאַרטאָפּלעס אויף אַן אָנבייסן, אויסגעשווענקט און אַריינגעלייגט אין אַ סאַגאָן, וואו זי האָט אָנגעשניטן פּענעצלעך ציבעלעס פון אויבן, און אַרויפגעשיט זאַלץ פון דער הייך, נאָר צוצושטעלן צום קאָכן.

אַזוי האָט די מאַמע שוין אויך געהאַט געמאַכט פייער, וואָס האָט געקנאַקט אונטערן קיכל, בשעת אין שטוב איז אַריין מחלה די שכנטע און דוידלען מיטן סידורל אין דער האַנט, געגעבן אַ נייע מעשה, עפּעס גאָר אַ ניי געשעעניש...

XI

צום ערשטן איז זי אַריין, ווי ווי אַ „ניעבאָשטשיק”... ווי איינע, וואָס האָט גאָר קיין „גרויסע וועזנס” מיט זיך נישט מיטגעבראַכט. נאָר נאָך אַ קליינער ווײַלע, האָט זי אַזוי ווי אַ זיפּצעלע געטאָן און, ווי גלאַט אַזוי געפרעגט:

— האָסט שוין געהערט, חנה־מלכּה, דאָס נייעס?...

— וואָס אי'?—האָט די מאַמע איבערגעפרעגט.

— ניין מתים...

— טפו! טפו! נישט געדאַכט זאָל עס זיין...—האָט די מאַמע אין דער שטיל אויסגעשפּיגן און געקוקט אויף מחלהן פאַרוואונדערט...

און מחלה האָט גערעכנט:

— מענדל קאַצאַפּ, אַ קאַטאַרינאַרזש... איז זיך געגאַנגען

מיט זיין קאַטאַרינקע און מיטן פויגל איבער דערפער און געצויגן קוויטעלעך... ווען מען האָט ער געטווען פאַר אַ שלעכטס, — איז ער, זעסטו, געשטאָרבן... פּייוול קצב, האָט נעבעך געהאַט אַן אַסטמע, קיין איין געזונטן טאָג אין זיין גאַנץ לעבן, איז אים נעבעך אויך באַשערט געווען... האָסטו שוין צוויי. הערש יענקל שינדלשלעגער, דריי ווייבער זענען אומגעקומען, נישט געדאַכט זאָל עס זיין, און האָט ערשט פאַראַיאָרן חתונה געהאַט מיט אַ יידענע פון אַ דאָרף, איז ער שוין נעבעך נישט קיין היגער... זלמן-יענקל טרייבאַטש, אַ פרומער ייד געווען, איז ער אויך שוין איבערגעקומען... און נאָך אַ סך און אויך ווייבער און קינדער, נישט געדאַכט זאָל עס זיין... און הער, מען זאָגט, אַז ביילע שמעלקעס אויך...

— ווײ — זאָגט די מאַמע אַ געקלעמטע איבער די סאַמע לעצטע — ערשט היינט אַ יאָר איז איר דער זון געקומען פון די זעלנער. וואָס דאָס מענטש האָט אָנגעגעבן אויפן בית-הקברות פאַר זיינעטוועגן... פונקט ווי זי וואָלט געפילט, אַז זי מוז זיך באַזאָרגן מיט אַ קדיש... אוי, ווײ!

— וואָס דען, נאַרעלע... דער מענטש איז דען נישט געגליכן צו אַ פליג: איין קעלטעלע גיט נאָר אַ דריק צו... און ס'איז שוין דאָ היינט אַזוי פיל „איינצווזאַלצן", אַז דאָס „זאַלץ-ברעטל" (טהרה-ברעט) וועט עס נישט פאַרנעמען... אוי, ווײ, צו וואָס איז דער מענטש געבוירן?... אַז ער זאָל ווערן פאַרלוירן... גילדענע? ס'איז דאָך ערגער געשעען, ווי אין די שלשת ימי-אפלה, זאָג איך דיר... היינט-זשע, וואָס פון דער שטאָט איז געוואָרן: אַ העלפט מענטשן ליגן דאָך אין בית-המדרש מיט די ווייבער און די „פעקלעך"... די קעלטן האָבן זיי פון די היימען אַרויסגעטריבן...

אַזוי נאָך האָט דוידל אָפּגענומען אַ גרוס נאָך די שלשת

ימי-אפלה, בשעת די שטאָט האָט זיך צוריק „אויפגעדעקט" און מען איז געוואָר געוואָרן, וואָס אין איר האָט זיך דורך דער צייט אָפּגעטוען. וואָס אים אָבער האָט יאָ אַ הנאה געטוען איז, אַז אין בית-המדרש איז היימלעך: ווייבער, קינדער, טאַטעס, מאַמעס און פעקלעך בעטגעוואַנט אפילו...

— און מאירל גאַנטאַזש לעבט? — האָט די מאַמע געפרעגט בלאָט אַזוי, ווייל אפשר האָט זיך איר געחלומט, אַז ער גאָר איז געשטאָרבן...

— יאָ...—האָט מחלה געענטפערט.

— הלוואי אויף לוי תבואה-סוחר אַזאַ לעבן... — האָט די מאַמע געזאָגט — אימשטיינס געזאָגט...— און געפרעגט מחלהן, צי זי וויל נישט עפּעס.

— אַ שטאַרק פייער...—האָט איר מחלה געזאָגט און אַפּער-בערוקט אַ שטערצל פון אונטערן פאַרטוך...

XII

צוויי איין-שפּאַלטיקע זעמעלעך קלאָרע און אַ ציבעלע האָט די מאַמע געלייגט דעם טאַטן צום אָנבייסן, און דערצו באָך, אַ ווייס טישטוכל.

— נו, האָסטו שוין געהערט וועגן דעם נייעס?—האָט דער טאַטע נאָכן ערשטן ביס אין דער ציבעלקע אַריין נעפרעגט.

— וואָס איז דאָ דאָ נישט צו הערן?—האָט די מאַמע גע-ענטפערט—אַפּנים מיר דאָ-הינען וואָלטן בעסער אָפּגעשניטן...

דער טאַטע וויל אָבער נישט עס זאָל אַוועק אויף דעם וועג, וואו די מאַמע וויל... מאַכט ער דעם שמועס גאָר אַנדערש:

— די שטענדערס האָבן זיי געלייגט אין אויוון אַריין,

דעם פאַרקאַן אַרום בית־עולם האָבן זיי פונאַנדערגענומען און גוט איינגעפּייערט... אַזש ערשט איז די היץ אין בית־המדרש דערשטיקט צו ווערן.

— נאָר וואָס דען — זאָגט די מאַמע — זאָלן זיי דען גע־פּריירן ווערן מיט די נפלען?

— און איצטער וויל די שטאָט, אַז ר׳ שמואל זאָל אַראָפּ אין דימיסיע... שוין גענוג געוועזן דאָזאָר, זאָגן זיי. און דאָס וויל נישט קיין אַנדערער, ווי דאָס שניידערל שמואלכל גאַרב... אָט דאָס איז עס די גאַנצע שטאָט... אָבער איין שוואַלב קאָן קיין זומער נישט מאַכן...

— זאָלן זיי זיך שלאָגן קאָפּ אָן וואַנט.—זאָגט די מאַמע— כ׳האָב שוין נישט מער וואָס צו טוען, נאָר זאָרגן פאַר דער שטאָט... וואָרום די שטאָט זאָרגט אַ סך פאַר מיר.

— איך פאַרשטיי דיך גישט...—קוקט דער טאַטע זי אָן.— דו ווייסט וואָס אין שטאָט איז געשעען?...

— נישט מיין עסק—זאָגט זי — צו קיין קהלישע געשעפטן און נישט דיינס אויך. דער עיקר זע אַ צווייער צו פאַרדינען... אַזוי זאָגט די מאַמע.

אין דער שטוב שטייט פון דעם צעפּרעגלעכטס דעם אָנ־בייסן אַ דין, בלאָ נחתדיק רויכל, וואָס זאָגט אָן וועגן בעסערע צייטן... דער טאַטע זיצט אָן אויפגעלייגטער און עס פעלט אים נישט מער ווי אַ דין פאַפּיראָסל צום פאַררויכערן און גייען אַרויס אין גאַס אַריין פאַרדינען.

דוידל איז אוודאי דער העכסט גליקלעכער און אים פעלט נישט מער, נאָר עס זאָל זיין היימלעך און פריילעך סיי — און ער שטעלט זיך שוין פאָר אין בית־המדרש מיט די „פּעקלעך", וואָס ער וועט אַוודאי באַלד זעען...

די טאַטע-מאַמע האָבן געשמועסט צווישן זיך, דאָס איז ביי אים די גרעסטע סענסאַציע, וואָס גיט אים שוין קוראַזש אין אַלע זיינע טראַכטונגען, פּלענער און וועגן...

אָט אַזוי איז ער, דוידל פון שטענדיק אָן: נישט קיין סך, אַ שטיקעלע זון, אַ שטיקעלע גליק, ווייטער איז אַלץ גוט...

XIII

ווען דער טאַטע איז אַרויס אין גאַס אַ קוש טוענדיק די מזוזה, האָט ער ביי דעם ערשטן טריט, וואָס ער האָט אַריבער-געשטעלט איבער דער שוועל, שוין געטראַכט וועגן דעם, וואו זיין בליק אָנצווּלענען און אויף וואָס דאָס אויג זיינס אָפּצושטעלן...

פּונקט, ווי די טויב, וואָס נח האָט אַרויסגעלאָזט פון דער תבה, וועגן וועלכער דוידל האָט געלערנט אין חומש, האָט געדאַרפט אַן אָנלען פאַר איר פיס, אַזוי האָט דוידלס טאַטע געדאַרפט אַן אָפּשטעל פאַר זיין אויג, כאָטש אויף איין פויעריש שליטעלע מיט איין זעקל תבואה נאָר...

און וואָלט נאָר אַזאַ פויערל געוועזן, גיט מען זיך שוין אַן עצה. תבואה-אויפקויפער זענען דאָ זיבן אין שטאָט. וויל נישט אהרן מענדלס, איז יצחק באַשעס, און וויל נישט מאיר-יחיאל, ווייל, ס'איז אים צו טייער דער פּרייז — נאָך פּופּ-ציק גראָשן אויפן קערצל — איז נטעלע יענקלס... ער איז נישט קראַנק צו באַצאָלן דעם פויער פּיפציק גראָשן העכער, ווי ס'איז דער פּרייז... און וואָס ער טוט ביי דער וואָג, זאָל עס אויס-גיין צו זיין קאָפּ, צו זיין הענט און פיס... און ער, אברהם, איז נישט מחויב צו זעען... ווייל ער איז נישט דער סוחר, נאָר בלויז דער מעקלער, וואָס פאַרדינט ביי דעם גאַנצן קערצל אויך נישט מער ווי פופציק גראָשן...

און אויב עס וועלן שוין שטיין נאָך אַנדערע דריי מעק־לערס אַרום דעם שליטעלע... ס'הייסט צוויי פונדערוויטנס און איינער אַ דריטער, וואָס וועט טענהן מיט דעם פויער... נו איז וואָס, וועט ער, אַ פערטער, אויך שטיין פונדערווייטנס... אויף נישט קאַליע צו מאַכן... אָבער פטור, אָן גאָרנישט, וועט עס שוין נישט זיין... וועלן אַלע פיר פאַרדינען, וויפיל גאָט וועט געבן...

און אויב ישראלכל כלב וועט אין אַ מינוט, ווען זיי וועלן זיך מאַכן אַוועקגיין פון דעם פויער און נישט קויפן... וועט ער אַרויסשטעקן דאָס קעפל פון וועלכן „קאָנטשיק" אונ־טער אַ הויז און געבן אַ וואונק צום גוי, אַז ער זאָל אים נאָכפאָרן, וועט ער אים „שלמען"... וועט ער, אברהם, איינער אַליין נאָכגיין נאָכן שליטעלע, אויף וועלכען עס ליגט דער „בר־מינן", דאָס זעקל תבואה... און פאַר זיין שטוב שוין, ישראלכלס, זאָגן, אַז ער לאָזט נישט „אָפהייבן"... פעקעלע ריר דיך נישט!... ביי קיין ייד קויפט מען נישט אויס...

וועט זיך דאָך אָנהייבן אַ יאַריד מיט דין־תורות... נו, איז וואָסז־שע?... וועט ער, אברהם—טענהן: היתכן?... צי בין איך דען אַ שבעה־זיצער... צי האָב איך דען פרנסה פון עפעס אַנדערש... פון סטאָלעריי אָדער פון שוסטעריי? דו ווייסט, אַז אויף גאָטס וועלט האָב איך אויך אַזויפיל צושטייער געגעבן וויפיל דו און, אַז די שטאָט פאַרמאָגט מיך אויך אַזוי גוט ווי דיך, מיט קינדערלעך און מיט אַ ווייב און, אַז איך דאַרף אויך מפרנס צו זיין, מעג זיין מיט איין קינד אפילו...

און מעג זיין, אַז דו ישראלכל בענקאַרט האָסט טאַקע דעם ביטל געלט און מיך האָסטו געטראָפן גאָר שטיין פונדער־ווייטנס מיט די הענט פאַרשטעקט אין די אַרבלען... אָבער וואָס הייסט, אַז אַ ייד שטייט פאַרשטעקט מיט די הענט אין

די אַרבלען?... צי מיינט ער דערמיט עפּעס... אָדער שטייט ער גלאַט אַזוי פאַר וואוילטאָג?...

אָט אַזוי וועט זיך אָנהייבן אַ דין־תּורה און ישׂראלכל וועט זיך, פּטור בלא כלום, נישט אַרויסדרייען...

איבער דער צייט, וואָס אברהם, דוידלס טאַטע, איז געגאַנגען באַלאָדן מיט יושר אין גאַס אַריין און פול מיט בטחון אין אַלע קעשענעס, איז דוידלס מאַמע געזעסן אין דער היים און דוידל אויך, פילנדיק ערשט די אמתע רו און פרידן אין שטוב.

—געלויבט צו גאָט, — האָט חנה־מלכהלען געטענהט—צו דער מדרגה פון גיין מיט פרעמדע פּעקלעך וועש צום טייך, האָסטו מיך נאָך, טאַטע דערבאַרמדיקער, נישט געבּרענגט, ווי שלעכט עס זאָל מיר נישט זיין... געלויבט צו גאָט, אַז אברהם איז שוין אַרויס אין גאַס אַריין...

אין דעם מאַכט זיך אויף די טיר און מחלה דרייט זיך ווידער אַריין אין איר, ערשט שוין מיט נאָך מער נייעס וועגן דער שטאָט...

—נו,—האָט זי געפרעגט דער מאַמען—האָט דיר דיין מאַן שוין דערציילט, וואָס עס טוט זיך?...

—וואָס זאָל ער מיר דערציילן?—האָט די מאַמע געפרעגט

—ס'הייסט אַזוי ווייסט מען נישט.,,

—און אַז די שטאָט קלערט וועגן אַ קעסל איינצומויערן אין דער ווייבער־שול, האָט ער דיר דערציילט?...

—ניין, — זאָגט די מאַמע.

—אָט אַזוי, מיין גילדענע... דען מען גייט אויס, מען זשאַיעט נאָך אַ שטיקעלע ברויט, נאָך אַ געקאָכטע קאַרטאָפעלע... די אַלע געזינדן, וואָס ליגן היינט אין בית־המדרש האָבן שוין קיין לעפל וואַרעם וואַסער נישט געהאַט אין זייער מויל, און

איך זייערע קוימענס, שוין נישט אין די אויוונס וועל איך זאָגן... איז קיין פונק פייער נישט געווען שוין אַכט טאָג פריער, נאָך איידער זיי זענען אין בית־המדרש אַריין אַנטלאָפן... ווייל ס'איז נישט געווען, מיין גילדענע, קיין שייטל האָלץ...

—אדרבה — זאָגט די מאַמע־גאַנץ גלייך, זאָל מען טאַקע איינמויערן אַ קעסל.

און דוידל איז פאַרכאַפּט פון דעם דאָזיקן נייעס נאָכמער, ווי פון דעם פריערדיקן... ער שפּירט, אַז דאָס איז נישט אויף קיין טאָג, וואָס די שטאָט האָט זיך אַריינגעצויגן איז בית־המדרש אַריין, נאָר אַז עס וועט שוין אַ לאַנגע צייט דאָרט זיין פריילעך... און מען וועט שוין דאָרט וואוינען...

אים שטעלט זיך פאָר אַ לעבן, ווי די מאַמע דערציילט, נישט היינט געדאַכט, נאָך דער שרפה אין די באַראַקן...

—עפּעס אַ קלייניקייט — זאָגט מחלה — אַז דער בערדיטשעווער איז געגאַנגען צו כל־נדרי, האָט ער דערהערט, די גאַס דורכגייענדיק, אַ קינד אין אַ שטוב וויינען, איז ער בעסער אַריינגעגאַנגען דאָס קינד צוּוויגן, איידער אין שול אַריין, וואָס די גאַנצע עדה האָט געוואַרט אויף אים... איין נפש צו דערהאַלטן איז דאָך אַזוי גוט ווי מקיים געווען די גאַנצע תורה... היינט־זשע, חנהלע־קרוין, וויפל נפשות ליגן אין בית־המדרש צום מחיה זיין?... מען קאָן זיך דאָך גאַנץ עולם־הבא קויפן פאַר יעדן איינעם...

אָט דאָס אַלץ הערט אויס דוידל מיט אַ שפּרינגנדיק האַרץ פון פרייד און מחלה האָט שוין מער נישט קיין צייט דאָ צו שטיין, — גייט זי זיך אַוועק צו אַן אַנדערע נאָענטע שכנטע און אַזוי, הויז ביי הויז, מיט די אַלע לעצטע נייעסן...

אָבער דערווייל ליגן דריי מתים אין שטאָט, כאָטש מחלה האָט אויסגערעכנט. אַז ניין, אָבער אויף זעקס האָט זי זיך טאַקע פאַררעכנט... וועגן דעם, ווייזט אויס, האָט זי נישט געהאַט קיין געגויע ידיעות, אָדער, אַז מען האַלט אין ציילן, שפּילט שוין גלאַט נישט קיין ראָלע....

איז בערל משגיח פון דער הברה-קדישא, געלאָפן איבער דער גאַס, פאַרטועגערהייט און זיינע פיס האָבן נישט גערוט פון דער פרי אָן... אַ שנאַפּס האָט ער אויך געמאַכט און ווענען ער האָט געטראָפן, דערציילט: „וואָס איז דער חידוש, אַז קעלטן גיבן אַ קלעם צו...״

ער איז אָבער טיילמאָל אויך געלאָפן אַ שווייגנדיקער און פאַרסאַפּעטער, אַז די שטאָט זאָל זעען, ווי ווייט בערל איז דורכגענומען מיטן „מתעסק״ זיין זיך, מיטן רעכט טוען און ווי איבער אַלץ, איבער „קרשים״, איבער לייוונט, דאַרף ער איינער אַליין לויפן און קלאַפּאַטשען...

און אַ דאַנק טאַקע בערלען (ווייל וואָס איז בערל נעבעך שולדיק אין מענטשס טויט)... איז אויף פאַרנאַכט שוין געווען פאַרטיק, אויסגעריכט, „אויסגעשטאַט״... דעם ערשטן מת, שוין אין דער „פולער פאָרם״, נאָר צום באַגראָבן...

האָט טאַקע אַ קלונג געגעבן די צדקה-פושקע:

— צדקה תציל ממות!...— אַזוי, אַז די גאַס איז שיער געשטאָרבן פון פחד און בערל איז היינט געווען „גובערנאַטאָר״, פון שטאָט... ער איז זיך געגאַנגען פאָרויס פון דער מטה, ווי אַ גענעראַל, און דער שמש פון דער חברה-קדישא אונטער אים מיט דער פושקע...

דערנאָך איז געווען נאָך איין טויטער און דערנאָך — נאָך איינער. אַזוי ביז אַלע דריי — נאָר צו די איבעריקע זעקס, וואָס מחלה האָט צוגעשענקט דער שטאָט פּאַר אַ צולאָג... איז עס נישט געקומען...

ביי דער שטאָט האָבן זיי געהייסן בר־מינגס... איצטער, שוין אָן אונטערשיד ווער איינער איז... אַלע געהערן שוין צו איין קאַטעגאָריע: בר־מינגס... פּונקט, ווי דאָס איז גאָר אַ באַזונדערע אַרמעע, ווי מען גיט אַ זאָג: מיליטער... אַזוי אויך גיט מען זיי ערשט איין נאָמען: די טויטע, די מתים... נישטאָ קיין רייכער מת, נישט קיין אָרעמער; נישט קיין שטאַרקער, נישט קיין שוואַכער... און נישט קיין קלוגער און נישט קיין נאַרישער...

אָבער, אַז אָך און ווי, אַז דאָס דאָזיקע „ביסל" טויטע... האָבן זיך געראַנגלט איינער מיט אַסטמע, איינער מיט פּאַרצערונג און דער דריטער מיט לונגען־אָנצינדונג אין די אייז־קאַלטע שטיבן, אין וועלכע מען האָט נישט געהאַט קיין פּיצעלע האָלץ קיין פייער צו מאַכן און, אַז אַזוי געפרוירן האָבן זיי אויסגעהויכט זייער לעצטן געפּייניקטן אָטעם און ס'איז נישט געווען קיין וואַרעמע האַנט, וואָס זאָל די לופט אָנוואַרעמען אַרום זייער בעט, כאָטש צום לעצטן מאָל... אַז די טויטע זאָלן נישט שפּורן, אין לעצטן אויגנבליק, אַז זיי גייען אַוועק פון אַזאַ הינטישער וועלט... אַזאַ הינטישער גרוב... און זאָלן זיך האָבן כאָטש אָפּגענאַרט וועגן דער וועלטס גוטסקייט אין דער לעצטער מינוט פון גסיסה... און גייען דאָרט אַהין „שלאָפן" פאַרוויגטע, פאַרזיסטע פּונקט, ווי אַ באַנדיט אויף דער תליה מיט דער ווייכער ווידוי אויף דעם גלחס ליפּן... ס'איז אָבער נישט געווען, ווער עס זאָל עס טוען... און איצט איז שוין צו שפּעט, ווייל זיי הייסן ערשט אַלע, נישט ראובן, נישט שמעון, נישט

לוי, נאָר „מתים"... אָדער ווי דוידלס מוטער זאָגט: „אַ מת איז גלייך צו אַ קאַרטאָפלע, און אַ סך מתים — צו אַ סך קאַרטאָפלעס"...

אַ קלאָג צו די צרות, סיי צו דעם לעבן און סיי צו דעם שטאַרבן...

די הייב-אייזנס ביי די פּלומפּן זענען געווען געפרוירן נישט צום איינבייגן און אַ ריר צו געבן... „טאָ וואו איז מען געשטאָרבן — זאָגט דוידלס מוטער — גלאַט אַזוי, מיט נישט קיין באַנעצטע ליפּן אפילו, נאָר מיט טרוקענע צונגען ווי די פּאַדעשוועס"...

וואָלט מען שוין אפילו געווען אָנגעצונדן אַ פּעקל שטרוי מיט אַ פּאָר ליפּעס אַרום דעם אייזן, וואָלטן העכסטנס אויפגעגאַנגען נאָר די אויבערשטע טייל וואַסער-רערן, וואָס שטאַרן איבער דער ערד אַרויס אין ערשטן האַלבן טאָג, און נאָך אַ מעת-לעת ערשט די אינעווייניקסטע, וואו ס'איז פעסט געפרוירן, ווי אַ מויער... און וואו די וואַרעמקייט וואָלט פריער נישט דערגרייכט... נו, גיי-זשע וואַרטן אַ מעת-לעת, ביז אַ גוססדיקן מענטש מחיה צו זיין מיט אַ קראָפּלע וואַסער...

דאַדורך טאַקע איז אַ קלאָג צו די צרות, אויך צו דעם שטאַרבן פון די דאָזיקע לעבעדיקע, פּונקט אַזוי גוט, ווי צום לעבן זייערס...

נאָר גאָרנישט — אַ טויטער פרעגט קיין קשיות נישט און מאַכט קיין קרינג נישט... וואָלט די שטאָט אַזוי געהאַט צו זאָרגן מיט אַ שמואלכל גאַרב, שמואלכל הויקער דעם שניידערל, וואָס טיילט איר געגנוג צרות אויס, שוין פאַר די דריי טויטע אויך...

וואָרום שמואלכל גאַרב האָט נישט מער, ווי פינף זין, איינער גרעסער און איינער קלענער, ליגן זיי ערשע אַלע אין

אין בית-המדרש איבער קהלס קאָפּ...—אַ חוץ, וואָס מען ליידט אויך פון שמואלכלען אַליין, דעם אַלטן פעך, אָט דאָס קאַליקע-צוטשעפעניש... אָט דאָס איינגעביסענע, איינגעעקשנטע, ביז פאַרברענטקייט, הויקערל...

ווער איז שולדיק אין די שטענדערס צעהאַקן?... שמואלכל מיט די זינדלעך... זיין אויפטו און זייער אויספירונג... ווער איז שולדיק, וואָס אין בית-המדרש קאָן מען ערשט נישט אַרייג-קומען אַ קדושה און אַ ברכה צו הערן און דעם קאָפּ כאַפּט עס אַראָפּ פון די געזאַנגען און געשרייען—שמואלכל מיט די זינדלעך... ער, דער אַלטער „קלעק” אַליין, אַזוי גוט ווי די „קעלבאַסעס” זיינע...

און אָט אַזוי האָט דוידל, נאָך אין אָנהייב פון דער בית-המדרש-גאַס, ווען ער איז צו מנחה געגאַנגען זעען, וואָס אין בית-המדרש טוט זיך, נאָכדעם, וואָס מען האָט אַנדערציילט—שוין דערהערט, אַז ס'איז נישט ליגנט...

נאָך אַ שטיק פונדערווייטנס, מען האָט נאָר די בית-המדרש פענסטער קוים דערזעען, האָט שוין דוידל געהערט דאָס ווילדע געזאַנג, וואָס האָט אים אַזש פאַרכאַפּט, אויך צו זיין דאָרט אינדערמיט...

אָנפאַנגס, איידער ער איז געגאַנגען, האָט ער געמיינט, אַז דער עיקר „לעבן” וועט זיין ביים רייסן דעם פאַרקאַן און העלפן טראָגן שטיקער צום אויוון, אַז ער זאָל זיך בעסער פלאַקערן... אָדער ביים האַקן די שטענדערס... נאָר איצט זעט ער ערשט (אָדער הערט נאָר דערווייל), אַז דאָ איז גאָר עפעס אַנדערש... געזאַנג איז דאָ און אַ „לעבן”... און דוידלען איז אַלץ איינס, זאָל זיין געזאַנג, אַבי נאָר טאַקע אַ „לעבן”...

האָט עס אים אַ טראָג געגעבן, אַז מיט איין אָטעם איז ער אַריין אַהין...

אָבער אין דעם בית-המדרש איז געווען א יאָקל נאַר. ווער איז געווען דער יאָקל נאַר און אין וואָס איז באַשטאַנען זיין עובדות? ער האָט געהיטן דאָס בית-המדרש פון אַלעם שלעכטן. איז אַ יונג געלאָפן און געמאַכט קרייזן אַרום דעם בעלעמער, איז ער אים אַנטקעגן געקומען פון דער אַנדערער זייט, מכלומרשט געטופעט מיט די פיס אויף דער פאַדלאָגע, אַז אָט גייט ער אים שוין צערייסן, ווי אַ הערינג; געמאַכט מכלומרשט אַזעלכע באַוועגונגען, ווי אָט, שלאָגט ער אים איין... נאָר וואָס דען, עס פעלט נאַר, אַז ער זאָל קאָנען דעם יונג כאַפּן... איז טאַקע דער יונג אַנטלאָפן און באַהאַלטן זיך, ווי אין אַ מויז-לאָך און געבליבן דאָרט שטיל, רואיק... אָט אַזוי פלעגט מען אַנטלויפן, סיי פאַר אים און, סיי פאַר זיין קאַנ-טשיק מיטן דאַרן, שעפּסענעם פּיטל, וואָס איז געווען אויסגע-טריקנט מיט דער פעל און מיט דעם שערך אויף דער פעל...

איי, האָבן חברה געציטערט פאַר אים. אָבער פונדעסט-וועגן איז יאָקעלע נאָך נישט געווען דער גאַנצער נאַר, דער גאָר גרויסער נאַר, ער האָט פונדעסטוועגן געוואוסט, ווער דער טאַטע איז פון יעדען יונג, און טאַקע געקאַטעוועט אויף אַן אמת, ווען אים איז געקומען אונטער דער האַנט אַ ייִנגל פון אַ שוואַכן טאַטן, אַ שניידערל אַ שטייגער און דערצו נאָך אַן אָרעמאַן...

נאָר אין יענעם קריטישן דאָנערשטאָג, ווען פייגל זענען געפרוירן געוואָרן און שמואלכל האָט זיך איבערגעטראָגן מיט די פינף „קעלבאַסעס", שקצים-יונגען, דאָ אַהער, דער ערשטער,

און טאַקע באַלד מיט אַ פּעקל בעטגעוואַנט אויך און די יידע-נע זייגע איז באַכגעגאַנגען פון הינטן אויך מיט אַ פּאַק שמאַ-טעס באַזונדער... איז דאָך דעם יאָקעלען נאָר די דאָזיקע „גע-שיכטע" נישט געפעלן... איז ער דאָך צוגעגאַנגען צו דעם שמואלכלען און געפרעגט אים כהאי לישנא:

וואָס איז דאָ עפּעס, אַ „הקדש"?...

מילא האָט ער געפרעגט — האָט ער געפרעגט, אָבער, אַז ער האָט אים נאָך פאַרשטעלט דעם וועג און נישט געלאָזט אים ווייטער גיין, האָט ער פון שמואלכלען אַרייגעכאַפּט אַזאַ פּאַטש, אַז יאָקעלע אַליין האָט נישט געוואוסט, פונוואַנען צו אַזאַ שמואלכל גאַרב האָט זיך דערנומען אַזאַ פייער... און אַז ער האָט אים נאָך אַ קוק געגעבן אין פּנים און אין די אייגן, האָט ער דערזעען, אַז שמואלעכל גייט ערשט גליין, אפילו דעם טויט אין די אויגן אַריין אויך... איז יאָקעלע געוואָרן שטיל, ווי עס וואָלט אויף אים אַראָפּגעפאַלן נישט קיין פּאַטש, נאָר אַ בעליק פון סופּיט...

נאָך אים, נאָך שמואלכלען, האָט דאָך שוין אָנגעהויבן די גאַנצע שטאָט צו טראָגן דאָ אַהער די פּעקלעך בעטגעוואַנט, מיט די קינדער-נעסטן און די ווייבער זענען נאָכגעגאַנגען, שוואַרץ ווי די ערד און בייז ווי די צויגן... האָט מער נישט געפעלט, ווי יאָקעלע זאָל אפילו נאָר בלויז די פּאַרע ארויס-לאָזן פון מויל, זאָל ער אויך שוין האָבן די גאַנצע שטאָט בעגל אין פּנים... האָט ער דאָך געזעען, אַז די „מלחמה" איז פאַר-שפּילט, מאַכט ער זיך אַריין דאָס בערדל אין די לאַצן און גייט אַוועק צו שמואל דאָזאָר, זיך באַקלאָגן:

—שוין דרייסיק יאָר, ווי איך בין שמש...

—נו?... נו, נו, אם-כן?...—פרעגט ר' שמואל.

—נו, נו,—שאָקלט יאָקעלע מיטן קאָפּ.

—איז וואָס-זשע קאָנסטו נישט באַשטיין?...—פרעגט נאָכ־אַמאָל ר' שמואל, נישט ווי‌סנדיק אין וואָס עס גייט.

—ביי אייער טאַטן וואָלט אַזוינס נישט געווען...—איז יאָ־קעלע מסביר...

—כ'פאַרשטיי דאָך דיך נישט, וואָס דו מיינסט—זאָגט ווי־טער ר' שמואל.

—זיי האָבן דאָך חרוב געמאַכט דאָס בית-המדרש. ס'האָבן זיך אַריינגעריסן שניידערס און שוסטערס און פאַרברענט די שטענדערס, צעהאַקט דעם בית-עולם-פּאַרקאַן, און זיך דאָרט אַנידערגעלייגט מיט ווייבער און קינדער...

—וואו, אויפן בית-עולם?—פרעגט ר' שמואל.

—ניין, אין בית-המדרש, נאָר פון בית-עולם געברענט דעם פּלויט...

—טאָ גיי-זשע און שיק מיר ווע‌מען—זאָגט ר' שמואל—וואָס זאָל קאָנען מיר דערציילן, וואָס דאָרט איז געשעען... וואָרום דיך, יאָקעלע, האָט די מאַמע נישט געלערנט רעדן... כ'פאַרשטיי דיך נישט...

—זאָג איך דאָך אייך: די שטאָט קבצנים, אָרעמע לייט, האָבן זיך אַריינגעצויגן אין בית-המדרש...

—שאַ-זשע נאָר—זאָגט ר' שמואל—איז אפשר נישט אַזוי קרום... כ'האָב דאָך גאָרנישט געוואוסט אין וואָס דאָ גייט... כ'האָב דאָך געמיינט, אַז דו ביסט שוין דרייסיק יאָ ביי קהל, איז שוין גענוג... נו, וואָס-זשע דען האָסטו געוואָלט אין אַזאַ קעלט: אַז די אָרעמע לייט, די קבצנים, זאָלן נישט אַריין אין בית-המדרש?...

אַזוי האָט ר' שמואל אויסגעלערנט דעם פּשט מיט יאָקעלען.

אָבער יאָקעלע האָט זיך נאָך נישט געוואָלט אונטערגעבן און געזאָגט:

—אָבער ביי אייער טאַטן וואָלט אַזוינס נישט געווען...

—הערסט—מאַכט ר׳ שמואל—וויל איך דאָך טאַקע, אַז דו זאָלסט גיין צו מיין טאַטן אין גן-עדן אַריין, וועסטו דאָרט ווערן שמש... נאַ, איך גיב דיר שוין מיט אַ רעקאָמענדאַציע, אַז יאָקעלע איז אַ נישקשהדיקער נאַר, אַז מען קאָן דיך האַלטן פאַר אַ שמש... וועט מען דיך גלייך אויפנעמען...

יאָקעלע האָט אָנגעהויבן צו פינטלען מיט די אויגן. ער האָט עפּעס, נישט קלאָרערהייט איינגאַנצן, פאַרשטאַנען, אַז דאָ איז די „שפּיל" אויך נישט פאַר זיינעטוועגן... שוין צום צווייטן מאָל, נאָך שמואלכל דעם שניידער... האָט ער בדחילא ורחימא צוריק פאַרשטעקט דאָס בערדל אונטער דער לאַץ, כּדי זיך אַרויסצושאַרן פונדאַנען, וואָס גיכער... איז אָבער ר׳ שמואלן, ווי ער וואָלט אַ נביא געווען, איינגעפאַלן, אים צו פרעגן.

—נו, איז וואָס-זשע האָסטו עפּעס געטוען קעגן דעם? כ׳מיין, דו זאָלסט עס נישט דערלאָזן?...

—מילא, כ׳האָב געטוען—ענטפערט יאָקעלע—וואָס כ׳האָב געקאָנט...

—וואָס?

—ביז, כ׳האָב געקריגן געפּאַטשט...

—אַזויפיל האָסטו אַזש געטוען...—האָט ר׳ שמואל געזאָגט—האָסטו דאָך שוין דאָרט געמוזט די הונגעריקע גוט צערייצן... טאָ וואָס-זשע זאָל איך ערשט טוען מיט דיר?... זע, יאָקעלע נאַר, וואָס דו האָסט מיר ערשט אָנגעמאַכט פאַר אַ קלאָפּאָט... און גיי צו אַלדי שוואַרץ יאָר אַרויס פון מיינע אויגן, וואָן, אַז נישט גיב איך דיר צוויי פעטש!—און תוך-כדי-דבור לאָזט ר׳ שמואל אַראָפּ טאַקע איין פעטשל, אַזוי ווי עס געהער צו זיין—אַ שטאָט וועסטו מיר אויפרייצן?... הונגעריקע, געפרוי-

רענע וועלף, מען זאָל באַלד קומען שרייען, אַז דער דאָזאָר איז שולדיק?..

ר׳ יאָקעלע האָט זיך ערשט איצט אויפגעכאַפּט אין דרויסן, שטייענדיק שוין נאָך ר׳ שמואלס שוועל... ערשט איצט האָט ער זיך געפונען אויף דער גאַס פונקט, ווי אַ נאַקעטער, וואָס מען האָט אים נאָר וואָס ערגעץ אָפּגעצויגן דאָס אָנטועכץ און אים אַליין—אַרויסגעוואָרפן...

ווי קומט יאָקל צו שמשות ביי אַזאַ קליינעם שכל? איז דער תירוץ, ער האָט טאַקע דערצו נישט געטויגט כל-ימיו, נאָר ער איז פריער אויך געווען אַ קהלס-מענטש... באַגראַבער... און דאָס, וואָס ער איז געווען אַזוי שטרענג ביי זיין שמשות, געהיטן „סלוזשבע” מיט יעדן פינטעלע, איז נישט מחמת ער איז געווען אַן אויסגעדינטער ניקאָלאַיעווסקער זעלנער... ניין, ער איז דאָס נישט געווען. אויך, חלילה, נישט קיין הויף-סאָלדאַט פון מלך סאָביעסקיס לייב-וואַך. ניין, דאָס איז ער אוודאי נישט געווען... נאָר אַ נאַר, סתם, איז ער יאָ געווען און דערפון שטאַמט עס... יאָקעלע נאַר האָט ער געהייסן... און זיין פּנים איז בשום אופן נישט געווען קיין קלוגס. זיין שיטער, כמעט אויסגעקראָכן, שטאָלן-האַרט בערדעלע, האָט אויך עדות געזאָגט דערויף... האַלב איז עס געווען גראָלעך, און פון טאַבאַק-שמעקן—האַלב געלב-גרינליך... אויגן — שטאָלערן-גראָע. מען זאָגט, אַז פון שטענדיקן קוקן אויף מתים זענען זיי, ווי פאַרגליווערט געוואָרן... נאָר ברעמען האָט ער נאָך געהאַט האַלב-שוואַרצלעכע, אָבער אויך,ווי בלעך שטייף... פון זיינע שמאָלע אַקסעלעך, פון פאָרנט צונויפגעצויגן ווי אַ מולטערל... האָט מען שוין געקאָנט דערקאָנען, אַז עפּעס ציט ער זיך ווי צונויף, עפּעס שטענדיק... פאַר וועמען, פאַר וואָס?... און אַ בליקל האָט ער געהאַט אַ שטילס, לענגער זיך איינקוקנדיקס, בשעת

דאָס מויל איז אָפן, ווי פאַרחידושט אויף יעדער זאַך, וואָס ער זעט... אָט דאָס איז דער יאָקעלע נאַר. נאָר ווי אַזוי קומט ער צו זיין צווייטער פּראָפעסיע, צו זיין שמשות, איז עס אַזוי:

דאָס איז געווען דעמאָלט, ווען יאָקעלע איז געווען קברן און ער האָט דעם פריערדיקן שמש באַגראָבן... קיין אַנדערן צוגעפּאַסטן אויף זיין אָרט האָט מען נישט געפונען, דאַקעגן אַ באַגרעבער אַן אַנדערן אויף יאָקעלעס אָרט האָט זיך פּונקט יאָ אונטערגערוקט... דאָס איז געווען אַ דאָרפישער ייד, וואָס איז געוואָרן אַ וואַסער-טרעגער אין שטאָט, — האָט מען טאַקע געמאַכט אַזאַ מין איבערבייטונג: יענעם האָט מען צוגענומען פאַר באַגרעבער און יאָקעלען האָט קהל דערהויבן... האָט יאָקעלע איבערגעגעבן דעם נייעם קאַנדידאַט אויף זיין אָרט זיין פריערדיקן אַמט. קהל אַליין האָט דעם דאָרפישן ייד געהייסן אַראָפּלייגן זיינע הילצערנע עמער-טראָגערס פון די פּלייצעס. יאָקעלע האָט אים אויך איבערגעגעבן זיין רידעל: „נאַ דיר אַ ברויט מיט אַ מעסער"... האָט ער אים געזאָגט, און צומאָרגנס אינדערפרי האָט שוין יאָקעלע נאָכגעטראָגן דעם דאָזאָרס, ר' שמואלס פּאָטערס, טלית-זאַק אין בית-המדרש אַריין צום דאַווענען...

סיי-ווי-סיי, אָט דאָס איז ער דער יאָקעלע נאַר, דער איינגעצויגענער, איינגעשרומפּענער, דערשראָקן-קוקנדיקער אויף אַלץ און נאָך מיט אַן אָפן מויל, ווי אַ פאַרחידושטער... און נישט קיין וואונדער, וואָס שמואלכל גאַרב, אָט דער העלד, האָט אים שטיל געמאַכט מיט איין פייערדיקן פּאַטש... און ר' שמואל דאָזאָר האָט אים צוגעלייגט נאָך אַ צווייטן: פאַרוואָס?... ווייל ער האָט דאָס פאַרדינט...

איצטער אָבער, ווען דוידל איז געלאָפן צווישן טאָג און נאַכט געוואָר ווערן, וואָס עס הערט זיך וועגן „אַ לעבן" אין

בית־המדרש... האָט ער שוין געהערט דאָס גערויש פון דאָרט נאָך ווי ווייט... דאָרט האָט מען שוין ערשט געזונגען, מיט הויכע שטאַרקע קולות...

XVI

פונוואַנען דערנעמען זיך דאָס אין אַ בית - המדרש, גלאַט אַזוי, אין אַ צווישן מנחה - ומעריב, הויכע און שטאַרקע געזאַנגען? אָט דאָס איז די מעשה. וואָס טיילמאָל דערנעמען זיי זיך טאַקע יאָ... אמת איז, אַז קיין גאָר זעלנערישע גבורה, ווי, אַז זעלנער זינגען, האָט פון זיי נישט אַרויסקלינגען, אָבער קיין חולשות האָט זיך אויך אין זיי נישט געשפּירט. ס'זענען פאַראַנען אין שטעטל פאַרשידענע געזאַנגען: צום ביישפּיל, אַז אברהמעלע סופר זינגט, זינגט ביי אים דער עיקר דאָס פאַרמעט־געקניישטע שטערנדל, די אויסגעצויגענע ברעמעלעך, דאָס יראת־שמים - פּנימל מיטן פרומען נעזעלע... פונקט, ווי ער וואָלט א בן־יחידל געווען ביי גאָט, און דערביי קווענקלט ער זיך צו מיט אַזעלכע קרעכצעלעך, ווי גאָט וואָלט אים עפּעס שולדיק געווען... דאָס איז איין מין זינגען, אַ צווייט זינגען ווידער איז פאַראַן, אַז אַ מיידל זינגט זיצנדיק ביי דער ניי־מאַשין: עפּעס האָט זי יאָ געזעען אַ בחור און עפּעס האָט זי נישט געזעען... עפּעס איז ער מיט איר יאָ געגאַנגען און עפּעס איז ער מיט איר נישט געגאַנגען... עפּעס האָט ער איר יאָ געזאָגט און עפּעס האָט ער איר נישט געזאָגט... אָט פון אַזאַ מין זינ־גען קאָן טאַקע דאָס האַרץ אַנטגיין: עס דאַכט זיך, אַז עס זינגט נישט, נאָר עס שרומפּט איין די נשמה מיטן גוף פונם מיידל, נאָר וואָס די גרויסע טרויעריקע אויגן בלייבן איבער קוקן אויף די אויסגעלעצערטע שטילע שויבן... אַט דאָס איז ווידער

אַ צווייט מין זינגען. נאָך אַ מין זינגען איז פאַראַן: אַז אַ גנב קומט אַרויס אויפן פעלד צו זיין געליבטערס שטיבל... אַז ער גיט איר אַוועק די זייגערלעך מיט די פינגערלעך, און ווער שמועסט נאָך, אַז גאָט העלפט. ער שלעפט נאָך דערביי אַרויס אַ פלאַש בראָנפן פון קעשענע און אַ האַרמאָניקע איז אויך דאָ ביי דער האַנט... אָט דאָס איז ווידער אַ דריט מין זינגען. און טאַקע אַ זעלנעריש געזאַנג איז אויך פאַראַן, און אַזוי בסדר אָן אַ שיעור, אָן אַן ערך... יעדער זינגט אַזוי ווי ער קאָן... און אַזוי ווי עס איז אים אויפגעלייגט און באַשערט צו זינגען... דעם מיידל—אַזוי... דעם סופר—אַזוי... דעם גנב—אַזוי, און דעם זעלנער—אַזוי... נאָר וואָס איז עפּעס געווען דאָס היינטיקע געזאַנג און אין בית-המדרש... און גלאַט אַזוי, צווישן מנחה-ומעריב?...אָט אין דעם ליגט אַ באַזונדערער סוד פון זינגען, וואָס קיינער וועט אים נישט אויפפלאָנטערן, נאָר עס קומט דאָס געזאַנג און מען זינגט עס. וואָרום אַ חוץ דעם, וואָס געזאַנג איז אַזוי פאַרשידן, עס זינגט אַ זעלנער, עס זינגט אַ מיידל, עס זינגט אַ סופר און יעדער זינגט זיך אַנדערש, און אַזוי, ווי עס איז פאַרשטענדלעך נאָר פאַר אים און נאָענט צום האַרץ נאָר אים... און אַן אַנדער געזאַנג, בשעת ער איז פאַרנומען דערמיט, גייט אים גאָרנישט איין... האָט נאָך חוץ דעם יעדעס געזאַנג אויך זיין צייט... און דאָס שטעטל ווייסט אויסגעצייכנט ווען און וואָס יאָ צו זינגען און ווען און וואָס נישט צו זינגען. מסתמא, אַז דאָס שטעטל כאַפּט זיך אין אַ צווישן טאָג-און-נאַכט, אין בית-המדרש, און צווישן מנחה-ומעריב—איז עס ריכטיק. אַלץ האָט זיך זיין צייט,—אָט זינגט, צום ביישפּיל, דאָס שטעטל פלוצלינג אַ ליד פון דעם פעלדשער-יונג, וואָס מען האָט געכאַפּט מיט אַ מויד, זינגען עס אין איין אינדערפרי אַלע... עס גייט פון מויל צו מויל:

נטעלע איז א וואוילער יונג,
און עטעלע איז אַ פיינע מויד,
געגעג'ן האָט ער צו איר פענסטער אַ שפרונג,
אַז ס'האָט געציטערט אויף איר די הויט...

שפירט זיך דעמאָלט, ווי דאָס שטעטל האָט פשוט אויפגעלעבט, עס איז באַטויט געוואָרן איבער נאַכט מיט אַ לידל פונקט ווי אַן אַרבעס-שויטן-פעלד, וואָס הייבט ערשט אָן צו וואַקסן און בליען... מען ווייסט נישט, ווער עס האָט עס איבער נאַכט געשאַפן, צי דער בדחן, צי אַזוי אַ יונגערמאַן, וואָס שטודירט אויף בדחנות, און ער האָט זיך די לאַגע פון דעם פעלדשער-יונג מיט דעם מיידל עטעלע גענומען שטאַרק צום האַרץ... אַזוי האָט נאָך דאָס שטעטל קיין איין מאָל נישט פאַרפעלט קיין געזאַנג צו דער צייט, אָבער דערפאַר אויך נישט געזונגען קיין-מאָל אומזיסט, ס'הייסט, נישט צו דער צייט... און האָט עס געזונגען גראָד היינט צווישן טאָג-און-נאַכט—איז עס נישט גלאַט אַזוי. אָט דאָס איז דער כוח פון שטעטל, און אפשר גאָר פון געזאַנג—עס קומט און מען זינגט עס... דאָס שטעטל, אָדער דער עולם מענטשן ווייסט שוין בעסער, ווען געזאַנג איז געזאַנג. און וואָס האָט מען געזונגען?... פאַרשטייט זיך, אַז נישט דאָס, וואָס אברהמלע סופר זינגט, און אויך נישט דאָס, וואָס דאָס מיידל ביי דער מאַשין... ווייל עס וואָלט נישט געווען דאָס, וואָס מען דאַרף, וואָס עס קאָן ערשט אַריינגיין דעם עולם אין די אויערן... מען האָט אפילו אויך נישט געזונגען וועגן קיין פעלדשער-יונג, ווייל יענץ האָט זיך זיין צייט און אפילו זיין אָרט... דאָ האָט מען נאָר געזונגען דאָס, וואָס עס קומט ערשט אָן, וואָס דאָ, דווקא אין בית-המדרש, און דווקא צווישן עולם, און דווקא צווישן מנחה-ומעריב איז זיין אָרט און זיין צייט:

אמאָל איז געווען אַ יידישער פּאָסל,
האָט ער געהייסן משה-יאָסל...
טאַ—ראַ—ראַ, טאַ—ראַ—ראַ—ראַ—ראַ—ראַ,
טאַ—טאַ—ראַ—ראַ—ראַ—ראַ...

האָבן פריער יונגען, און ס'איז אַ מורא, אַז שפּעטער אויך — די עלטערע אונטערגעכאַפּט:

האָט ער געהייסן יידן שמייסן,
היינט טוט מען פון אים פּאַסעס רייסן...
טאַ—ראַ—ראַ, טאַ—ראַ—ראַ—ראַ—ראַ—ראַ,
טאַ—טאַ—ראַ—ראַ—ראַ—ראַ...

איז ער געווען פּאָסל און מסור...
היינט עסן די הינט זיין בשר...
טאַ—ראַ—ראַ, טאַ—ראַ—ראַ—ראַ—ראַ—ראַ,
טאַ—טאַ—ראַ—ראַ—ראַ—ראַ...

נישט אומזיסט האָט ר' שמואל געגעבן יאָקעלען אַזאַ גאָב און חלק... ער האָט שוין געשפּירט, אַז דאָס וועט מען אים ביינאַכט מיינען אין אַ לידל... אָט וואָס דער כּוח פון אַן עולם איז: ערגעץ איז אַמאָל געווען אין כמעלניצקיס צייטן אַ יידישער פּאָסאָל, וואָס האָט פאַרראַטן... וואַלגערן זיך היינט אַרום שפּריצלעך, ברעקלעך, ווערטער וועגן אים, אָדער אַן אָפּגעריסן לידל, און ווען מען דאַרף עס, אַזאַ שטייגער, ווי דאָ צו ר' שמואלן, שווימט יענער פּאָסאָל נאָכאַמאָל אויף, דווקא פון די הינטערשטע שיכטן פונקט, ווי דאָרט, אין יענע שיכטן, וואָלט מען געפירט אַ ספר-הזכרונות, אויפצוגראָבן אַלץ צוריק, ווען עס וועט קומען דערפאַר אַ ביישפּיל... און ס'איז געווען פריילעך... ערשטנס, שוין דערפאַר אַליין, וואָס אַלע ליגן דאָ צוזאַמען, בשעת יעדערער, ליגנדיק באַזונדער, פאַרשטעקט אין זיין קאַלטן, געפרווירענעם „גרוב", האָט גאָרנישט געוואוסט, אַז

ער האָט אַ בשותּפות-נחלה, אָט דאָ, דאָס בית-המדרש... און ער קאָן אויך פּילן איינמאָל אין לעבן, כאָטש איין נאַכט, דעם טעם פון אַן אייגנטימער, נישט אין דער פרעמד... און צווייטנס טאַקע — די נקמה אָן שמואל דאָזאָר... אָט, וואָס עס הייסט אַ לידל, וואָס אַלע האָבן שוין געוואוסט דעם טייטש דערפון, אַז דאָס מיינט מען אים... און ס'איז טאַקע געווען פריילעך: פון אויבן, פון פּיעקעליק אַראָפּ, וואָס איז געווען אַזוי גרויס, ווי אַ גרויסע טייל פון בית-המדרש, וואָס דאַרף וואַרעמען אַ גאַנצע שטאָט, האָט פון דאָרט אַראָפּ געפּלייצט אַ געזאַנג פון אַזאַ קופּע יונגען, וואָס וואָלטן אויף קיין דריי דראַביניאַסטע, הויפּישע וועגן, נישט געקאָנט אַרויף,—און דאָ-היגען, איבערן גאַנצן בית-המדרש, האָט געברוישט, געקאָכט, ווי אין אַ קעסל וועגן דעם, וואָס ר' שמואל דאַרף טאַקע לאָזן איינמויערן אַ קעסל...

ווען דוידל איז אין צווישן טאָג-און-נאַכט אַריין אין בית-המדרש, וואָס האָט געזידט און געקאָכט, ווי ווייט... האָט ער שוין דאָ אַלץ געטראָפן אין סאַמע מיטן ברען...

באַלד איז אָנגעקומען אַ שטאָפּעט, אַ ספּעציעלער שליח פון ר' שמואלן, אַ יונגערמאַן מיט אַ שוואַרץ בערדל, ר' שמואלס אַ שוואָגער, וואָס האָט געלאָזט מכריז ומודיע זיין, אַז מאָרגן, מען זאָל דערלעבן מיט געזונט, נישט ר' שמואל אַליין, נאָר אַלע אָרעמע לייט, וואָס ער איז אַ גרויסער ליבהאָבער פון זיי, איז: אָדער מען וועט איינמויערן אַ קעסל פאַר די אַלע פאַמיליעס דאָ, אָדער מען וועט יעדן אָפּשטעלן אַהיים צוריק צוזאַמען מיטן בני-בית און מיט אַ שפּאָר ביסל ליפּעס האָלץ, צו הייצן ביי זיך בכבוד גדול... און אם ירצה השם אויף פּסח, וועט מען די אַלע אין זין האָבן ביי מעות-חיטין...

אַוודאי איז ר' שמואל נישט געווען יאָקעלע נאַר, מיט

אַ שטאָט צו מאַכן געשעפטן... און אין בית-המדרש איז נאָך פרייליכער געוואָרן.

— דאָס אַלץ — האָבן שמואלכלס אויגן געלויכטן אין זיין היימישער סביבה — האָט מיין פאָטש געמאַכט...— אויך זיינע פינף יונגען האָבן זיך אויפן פיעקעליק געפרייט אויף זייער שטייגער. און דאַכט זיך, אַז דוידל איז אויך אַרויפגעקראָכן אַהין, צווישן אַלע ליגן, פון גרויס פרייד און שמחה...

נאָר ר' שמואל האָט נאָך עפּעס געטוען פאַרנאַכט נאָך. ער האָט אַריבערגעשיקט נאָך בערל משגיח, וואָס איז היינט געלאָפן אין גאַס צוליב די מתים:

— קיין רויט טיכל טאָר מען נישט ווייזן פאַר אַן אינ- דיק — האָט ער אים געזאָגט — זאָלסט היינט נישט ווייזן דיין רויטע נאָז אין בית-המדרש, זיי זאָלן זיך נישט דערמאָנען, אַז עס זענען געפאַלן פון זיי דריי...

בערל משגיח האָט אָנגעקוקט: מילא, אַז דער דאָזאָר פון שטאָט און גבאי פון זיין חברה-קדישא הייסט, וועט ער פאָלגן... נאָר די אויגן האָבן נאָך עפּעס געפינטלט, ווי געוואַרט אויף נאָך אַ וואָרט...

— צוויי פלאַשן שפּירטיס מיטן גרינעם קוויטל...— האָט ר' שמואל צוגעזאָגט — אויף פסח... גיי...

XVII

אונטערגעבן האָט זיך נאָר נישט געקאָנט, ווייסט גאָט, איין יאָקעלע. ער האָט אויפגעהערט די וועלט צו פאַרשטיין, כאָטש פריער איז ער אויך נישט געווען קיין גרויסער חכם,

נאָר איצטער שוין גאָרנישט... שמואלכל האָט אים געגעבן איין פּאַטש, ר׳ שמואל–דעם צווייטן, ווי קומט עס, אַז שמואלכל און ר׳ שמואל זענען געוואָרן איינס?... ער איז דערקראָכן אַהיים. אויפן וועג האָבן זיך אים געמישט געדאַנקען וועגן אַן איבער־געדרייטער וועלט... ר׳ שמואלס פאָטער האָט איינמאָל צוגערופן צום סערוואַנטקעלע, געצעפּנט פאַר אים דאָס קאַרפּינקעלע בראָנפן... און איינמאָל, האָט אים אפילו די אַלטע, הדסל, ר׳ שמואלס מוטער, מכבד געווען מיט אַ טעצעלע איינגעמאַכטס... און טראַכטנדיק אַזוי, איז יאָקעלע נאָר שטיין געבליבן האַרט פאַר זיין בעט... ער האָט אפילו נישט געשפּירט, ווען ער איז דער־קראָכן דערצו און ווי אַזוי... אַ בלאַסן מיט בלאָע ליפּן, האָט אים זיין דבורה געהייסן אַריינקריכן דערינען... נאָכדעם, ווי זי האָט עס אים גלייך געמאַכט...

ער האָט דעם ווייב נישט געזאָגט, וואָס מיט אים האָט געטראָפן... אלא, זי זעט אים – אַ שמש, גיין שלאָפן בייטאָג... עס קאָן אָבער אַמאָל אַזוינס אויך טרעפן... „נישט היינט גע־דאַכט – האָט ער זיך דערמאָנט, ווען ער איז שוין געלעגן מיט פאַרזשמורעטע אויגן און דעם קאָפּ אויפן קאָפּ – ווען די שטאָט האָט אים געהאַט אַמאָל אָפּגעזאָגט, איז ער דעמאָלט אויך גע־גאַנגען דעם ערשטן פרייטאָג אין באָד אַריין... איין מאָל אין דרייסיק יאָר. נישט רייניקן דאָס בית־המדרש און אַריינשטעלן ליכט אין די עסעס... עס קאָן אַמאָל אַזוינס אויך פּאַסירן”... און שטיל איז געבליבן איצטער ליגן יאָקעלע אין זיין בעט פּונקט, ווי אין אַ קבר... ער האָט מורא געהאַט די אויגן אויפ־צוהייבן, אַ קוק צו געבן איבער די שויבן, עס האָט זיך אים געדאַכט, ווי דער גאַנצער דרויסן איז עפּעס אויסגעלעערט גע־וואָרן...

ביינאַכט האָט ער עפּעס יאָ אַ פּאָר מאָל אַ קליין קרעכ־

צעלע געטוען, נאָר צומאָרגנס, ווען ער האָט שטייענדיק פֿאַרן טישל און אַרויסקוקנדיק דורכן פענסטער, דערזען, ווי עטלעכע פֿורלעך, וואָס גייען פֿאַרבײַ דאָ, פֿון דער בית־המדרש זייט, פֿירן אָפּ בכבוד־גדול די פעקלעך בעטגעוואַנט צוריק אין זייערע היימען און הינטן איז נאָך אויפגעלייגט, צו שפּאָרע סטערדעלעך האָלץ־ליפּעס, און אַרום די פֿורלעך גייען די קבצנים מיט די קינדער און ווײַבער, און רעדן צווישן זיך אַזוי הויך, אויפגעלייגט, לעבעדיק, ווי נאָך אַ געוואונענער שלאַכט, אַז אין גאַס קלינגען אַזש זייערע מונטערע שמועסן אָפּ, אָט דאָ האָט ערשט יאָקעלע דעם ערשטן אמתן קרעכץ געטוען... „אָט פֿאַר די דאָזיקע שלעפּערס איז גאָר ר׳ שמואל אַ פֿאַרזאָרגער... אַן אמתע פֿאַרדרייטע וועלט... גאָרנישט דאָס... און ער, יאָקעלע, איז געבליבן דער נאַר“... ס׳ערשטע מאָל אין לעבן ערשט, האָט יאָקעלע פעסטגעשטעלט, אַז ער איז אַ נאַר... ביז היינט האָט ער עס אינגאַנצן נישט געוואוסט פּונקט, ווי די וואַנט ווייסט עס נישט... ער, יאָקעלע, האָט אויפגעהערט צו פֿאַרשטיין ר׳ שמואלן... כאָטש ער פֿאַרשטייט גוט, וואָס אַ דאָזאָר איז... און פֿאַרוואָס ר׳ שמואל האָט אים געגעבן דעם פּאַטש, בלייבט פֿאַר פֿאַר דאָס גרעסטע רעטעניש... וואָרום אין דריי טאָג נאָך דער געשעעניש, האָט ער טאַקע געהערט ר׳ שמואלן זיך קלאָגן אויף די ערשט־פֿאַרגאַנגענע פּרעסט, וואָס האָבן אים געברענגט צו שלעפּן די אַלע שלעפּערס אין בית־המדרש אַריין, און געשאָלטן מיט טויטע קללות, צוליב דעם טיילן זיי האָלץ פֿון זיין קעשענע אַרויס... האָט ער דאָך, יאָקעלע, ווידער גוט געטוען, וואָס ער האָט זיי באַלד נישט געוואָלט אַריינלאָזן אין בית־המדרש... טאָ פֿאַרוואָס־זשע איז אים געקומען דער פּאַטש ר׳ שמואלס... און אַזוי, מיינענדיק, אַז ר׳ שמואל האָט ליב די קבצנים, ווייל ער האָט זיך דאָך פֿאַר זיי אָנגענומען... און

הערנדיק ווידער, ווי ער שעלט זיי מיט וויסטע קללות — איז אים דער קאָפּ געוואָרן, וואָס ווייטער אַלץ מער צעמישט... יאָקעלע האָט פאַרלוירן דעם באָדן, ער האָט נישט געוואוסט אויף וועלכן ברעג ער שטייט... ביז היינט, נאָר בלויז אַ נאַר... פון איצטער אָן — שוין אויך אַ תם...

פונדעסטוועגן איז יאָקעלען אַביסל גרינגער געוואָרן. די פורלעך האָבן זיך אַלץ געצויגן, אָפּגעלייגט די דאָזיקע עטלעכע קבצנים אין זייערע היימען, האָבן זיי צוריקגעקערט נאָך אַנ-דערע, וואָס זענען נאָך געבליבן, און נאָך אַ גאַנצן טאָג פירן אַזוי פון בית-המדרש אַרויס, האָט יאָקעלע דערפילט, אַז פאָרט ווערט דאָס בית-המדרש שוין באַלד צוריק אָפּגעליידיקט פון דער באַלאַגערונג... און ער, יאָקעלע, וועט קאָנען נאָך אפשר היינט ביינאַכט צוריקקומען אין בית-המדרש אַריין, אויפפרישן צוריק זיין טוען... וואָס האָט שוין אונטער זיך דרייסיק פאַר-גאַנגענע יאָרן... וואָס אין אָנהויב פון זיי, איז נאָך דער דאָ-זיקער ר׳ שמואל אַ קינד געווען און די מוטער זיינע פלעגט אים, יאָקעלען, שיקן נישט איינמאָל אים אַהיימברענגען פון חדר אין ווינטער, אָדער זומער פאַרנאַכט...

„אַי, ר׳ שמואל, ר׳ שמואל — האָט ער אַ קרעכץ געטוען ביי זיך אין געדאַנק — ווען דיין טאַטע לעבט און הערט, ווי דו שיקסט מיך צו אים אין גן-עדן אַריין״...

דערנאָך איז יאָקעלע געשטאַנען מיט אַ פייכטלעך קליין טרערל אין אויג און געגאַפּיעט אין דרויסן אַרויס. עס האָט שוין אָנגעהויבן ווערן גוט פאַרנאַכטלעך, און לויט יאָקעלעס באַגריף, דער הימל — זיך אַראָפּצולאָזן נידעריקער אויף די ערד...

XVIII

צוריק האָבן זיך געקערט די פריילעכע טעג, וועגן וועלכע דוידל האָפט און טאַקע געמיינט אויך, אַז זיי וועלן לאַנג געדויערן. אַוועק איז צוריק די פריילעכקייט פון בית־המדרש, אויס פעקלעך, אויס געזאַנג, אויס גערדיכטקייט, שטענדיק פריילעך גערוישעריי, און צוריק האָט זיך דוידל אומגעקערט צו די וואָכעדיקע טעג... ער האָט זיך געוואונדערט, פאַרוואָס ער האָט יאָסעלען נישט געזען די גאַנצע צייט, און אָט, די ערשטע אומעטיקייט דורך די „געוויינלעכע געשפּענסטער" זיינע, וואָס האָבן אים פאַרפאָלגט, איז געווען דאָס באַגעגענען זיך נאָכאַמאָל מיט יאָסעלעס שוועסטער. ערשט איז ער אַרויף דאָרט אַהין אויף דער שוועל אין אַ צווישן טאָג־און־נאַכט, ווען אין דרויסן איז שוין געווען אייגנטלעך גוט פינסטער, און ווייל אין שטיבל האָט זיך נאָך נישט געלויכטן און ער האָט דורכן פענסטער נישט געקאָנט זען, וואָס אינעווייניק טוט זיך, האָט ער געמוזט אויפלעפנען די טיר און אַריינפרעגן, צי יאָסעלע איז דאָ, טראַכטנדיק, אַז קיינער וועט אים היינט נישט האָבן דאַקעגן יאָסעלען אַרויסצורופן, ווייל קיין פראָסט איז שוין נישטאָ און ס'איז לינד דער דרויסן. אויפן ערשטן רוף, צי איז יאָסעלע דאָ, האָט אים קיינער נישט געענטפערט, נאָר ווען ער איז געבליבן שטיין, אַ ווײַלע זיך וואַקלענדיק אין דער אָפענער טיר, צי זאָל ער אַריינגיין ווייטער... צי נישט, אָפּלאָזן און אַוועקגיין, צוריק צומאַכנדיק די טיר, האָט זיך דערווייל דערהערט יאָסעלעס שוועסטערס פאַרדומפּן קול פון ווינקל אַרויס, וואָס איז געווען איינגאַנצן אין פינסטערקייט איינגעהילט און זי האָט אים געפרעגט:

— צו וואָס דאַרפסטו יאָסעלען?...

נאָך האָט ער זיך אַ רגע אַ וואַקל געטוען און געקלערט, צי זאָל ער נישט אַנטלויפן, אָבער אַזוי זאַנפט און דערשלאָגן האָט אים דאָס קול גערופן:

— קום אַריין, ייִנגעלע. — און דוידל, נישט זייענדיק קיינמאָל קיין בעל-פּחדן, איז גלייך אַראָפּ פון דער שוועל אין שטיבל אַריין און געבליבן שטיין אין עק...

די שוועסטער איז צו אים צוגעגאַנגען פון ווינקל אַרויס, אַ קוק געגעבן אים אין די אויגן אַריין און נאָכאַמאָל געפרעגט דאָס זעלבע:

— צו וואָס דאַרפסטו אים?... — אָבער מיט אַזאַ ווייכקייט האָט זי געפרעגט, אַז דוידלען האָט זיך געדאַכט, אַז זי פרעגט אים כמעט אונטערטעניק און ער ווייסט נישט פאַרוואָס, דאָס האַרץ איז אים, ווי איבערגעפולט געוואָרן פון רחמנות, און אפשר אויך, האָט זיך געהערט, ווי דורך טרערן איר פרעגן...

אַ שווייגן פון צוויי פרעמדע מענטשן, נאָר ווען דער עפּנט מאַכט זיי נאָענט, איז אין שטיבל געשטאַנען. אַ פינסטערקייט האָט זיי ביידע איינגעהילט, און דוידל איז געווען דערשלאָגן, גישט געוואוסט, וואָס ער דאַרף טוען. ער האָט זיך געפילט שולדיק קעגן איר צעבראָכנקייט, און נישט געוואַגט פון אָרט זיך אַוועקצורירן... עגדלען האָט זי געזאָגט:

— יאָסעלע איז אַוועק אינדערפרי פון שטוב... און איז נאָך נישט אַהיימגעקומען... — און אין אַ ווײַלע אַרום האָט זי צוגעגעבן:—נאַ, זע, דיין חבר האָט מיר צעקרעלט דאָס פּנים...— און דאָס מיידל האָט זיך צעכליפּעט.

דוידלען איז איצטער פינסטער געוואָרן אינגאַנצן. ער האָט

שוין קיין שום זאַך נישט געזעען. נאָר איר פיגור, וואָס האָט זיך ווי איינגעשרומפּן און געשטיקט אין געוויין.

נאָך אַ לענגערער צייט פון שווייגן, איז דוידל אַרויס פון שטיבל. פון צווישן די גראָע וואָלקנדלעך, מאַנכע שוואַרצע ערדענע טעפּ, האָט שוין דאָ, אָדער דאָרט, אַן אייניציק שטערנדל, בלאַס, ווי אַן אַרבעסל, אַרויסגעפינקלט, מיט דעם ציטער, ווי ווינטלעך וואָלטן עס געוואָלט לעשן און אויסבלאָזן. דוידלען האָט זיך ערשט איצט פאָרגעשטעלט יאָסעלעס שוועסטערס פּנים, וואָס ער האָט עס באמת ערשט אינגאַנצן נישט געזעען, צוליב דער טונקלקייט, אויסער וואָס נאָר דעם פאַרנעם פון גאַנצן קאָפּ, ווייל עס איז איר אויסגעקומען צו שטיין צווישן אים און דעם פענסטערל... און כאָטש ער האָט נישט געזעען דאָס פּנים, האָט ער עס ערשט איצטער, ווי פאָרגעשטעלט זיך און דערזעען די צייכנס פון צעקרעלטקייט, וואָס יאָסעלע האָט איר געמאַכט...

אין אַ פּאָר מינוט אַרום איז דוידל שוין געשטאַנען אויף דער בית־מהדרש־שוועל, און ווי ליכטיק, וואַרעם און פול מיט גערויש דאָ איז ווידער געווען. ס'איז ערשט צווישן מנחה־ומעריב און דער עולם האָט פריילעך געשמועסט, אַזאַ געדיכט געשמועסערײַ פונקט, ווי אַ וואַסער וואָלט געשאַרעוועט, און איבער די קעפּ האָבן ליכטיק געברענט ליכט.

דוידל האָט דאָס ערשטע געכאַפּט זוכן יאָסעלען און ער האָט אים נאָך לאַנגער מי געפונען, אָט גאָר אונטער אַ טיש צוזאַמען מיט דוידלס און יאָסעלעס נאָך חברים און רויכערן פּאַפּיראָסן... דוידל איז גלייך אַרונטער צו זיי, דורכשאַרנדיק זיך צווישן די כאָלעוועס פון די יידנס פיס, וואָס זענען גע־שטאַנען אַרום די טישן, און מיט אַן אַראָפּגעבויגן קעפּל זיך צוגעשאַרט צו זיי אונטערן טיש־פּלאַט און געזעצט זיך אויף

דער לייסט, אָנגעשפּאַרט מיט די פּלייצעס אָן שאַל. דאָ איז געווען אַזוי אינטים-היימלעך, אַזוי גוט און שטיל און איינער איינער פון די חברים, משה - הערשעלע, האָט אַרויסגענומען אַ פּאַפּיראָס פון אַ גאַנץ פּעקל און דוידלען אויך געגעבן צו פאַררויכערן..

— דו ווילסט אַ באָקסער? — האָט ער אים געפרעגט — נאָכ-דעם, ווי דוידל האָט שוין געררויכערט. און משה - הערשעלעס יינגער ברודערל, הערצקעלע, האָט אַרויסגעשלעפּט אַ האַלבן באָקסער פון דער קעשענע פון זיין פּאַלטנדל און אים דער-לאַנגט.

דוידל האָט אים גענומען און געפרעגט יאָסעלען אין דער שטיל:

— דו ווייסט היינט נישט נעכטיקן אין דער היים?...

יאָסעלע האָט אים אָנגעקוקט שטיל און די טרערלעך האָבן זיך אים געשטעלט אין די אויגן...

— שאַ, וויין נישט... — האָט אים דוידל געטרייסט — איך ווייס, דו האָסט היינט צעגראַטשעט דיין גרויסע שוועסטער, אַ כלה-מיידל, וואָס מען טאָר זי נישט גראַטשען...

יאָסעלען איז ערשט געוואָרן רעכט ביטער אויף דער נשמה אין ער איז כמעט, ווי צעשפּאַרט געוואָרן פון טרערן, אָבער מיט אַ פאַרשלאָסענעם האַלז, האָט ער געזאָגט:

— איך ווייס... זי וועט נישט קריגן קיין חתן...

— פונוואַנען ווייסטו?... — האָט אים דוידל געפרעגט.

— איך ווייס...— האָט אים יאָסעלע געענטפערט — איך האָב שוין געהערט די מאַמען קרעכצן, אַז זי וועט נישט קריגן קיין חתן...

— נו, מעג מען אַ שוועסטער גראַטשען? — האָט דוידל געפרעגט.

און דאָ האָט יאָסעלע געגעבן אַ כליפּ אַרויס פון טרערן און ער האָט אַרויפגעשאַרצט דאָס אַרבעלע און אים געוויזן אַ בלאָע האַנט, ווי פון טינט אָפּגעשמירט... דוידל האָט געטראַכט און יאָסעלע האָט געבלישטשעט מיט די אייגלעך פון טרערן, קוקנדיק גאָר אָן אַ זייט אַוועק, ווי ער וואָלט מורא געהאַט צו זעען, וואָס פאַר אַ גרימאַסע דוידלס פּנים מאַכט דערביי... זעענדיק דאָס...

— פאַרוואָס?...- האָט דוידל אַ קוק געגעבן מיט שטוינונג.

— כ׳האָב געוואָלט אָנטוען דער שוועסטערס שיך, און מען זאָל מיינע אַוועקגעבן צו פאַרריכטן... — האָט יאָסעלע אָנגעהויבן נאָכמער צו גיסן מיט טרערן. ביידע זענען געבליבן זיצן שטיל, געקלעמט. אין דער צייט האָט מען אין בית-המדרש אָפּגעדאַוונט מעריב און ווען ס׳איז געוואָרן עטוואָס דורכלויכטנדיקער די בלייזן פון צווישן די יידן אין בית-המדרש און דאָס גערויש איז נאָך געווען געשטאַנען, אָנפילנדיק די גאַנצע לופט פון געשפּרעכן, האָט משה-הערשעלע פאָרגעלייגט, מען זאָל גיין צו בלומעלען קויפן אייל-קיכעלעך און עסן זיי דאָ, אין בית-המדרש אונטער דעם דאָזיקן טיש. נאָך די דאָזיקע קיכעלעך קויפן און דאָ אויפעסן אונטערן טיש, איז נישט געגאַנגען דער עלטסטער, אָדער דער ייִנגסטער, ווי עס פירט זיך אין אַזאַ פאַל — נאָר אַלע צוזאַמען האָבן זיך אויפגעהויבן פון אונטערן טיש און זיך געגעבן אַ שיט אַפער... אַלע זענען געגאַנגען זיי קויפן. — אין דרויסן איז געשטאַנען אַ פייכטלעכע לופט און אַן עסנדיק, קליין ווינטל, אָבער אויף דער גאַס, אונטער דער וואַסערדיקייט, איז געווען דער פאַרהאַרטעוועטער, פון פריער אויסגעטרעטענער שניי, נאָר איצט אַזוי בערגלדיק און נאַסגליטשיק, אַז ס׳איז געווען אַ פאַרגעניגן צו געבן זיך אַ לאָז איבער אים מיט אַ גליטשן, רייבנדיק די שטיוועלעך אָן אים

מיט אַ גרויס אָנגענעם גערויש. אַזוי האָבן זיי זיך אַלע פינף: אַהרעלע, יאָסעלע, משה-הערשעלע, הערצקעלע און דוידל, צוגע־גליטשט זיך ביז צו בלומעלעס גלעזערנער טיר, וואָס איז אַרויס־געגאַנגען פאָרנט אין גאַס אַריין, קעגנאיבער דעם ברוק-רינשטאָק, וואָס איז ערשט געווען פאַרפולט מיט אייז און אויסגעגלייכט מיט דעם ברוק פאַר דער טיר אין איין הייך. אָט־דאָ האָט געוואוינט בלומעלע, אַ זקנה פון זיבעציק יאָר, אַ קליינע, אַן איינגעשרומפּענע, מיט אַ מיוחסדיק פּנימל מיט קנייטשלעך, און שטיליטשקע און טויבלעך. איר מאַן, ר' וועלוול, איז אַ זקן פון אַכציק יאָר. אין דער ערשטער צייט האָט ער געהאַט די פּראָ־פּאַנאַציע פון בראָנפן אין שטאָט. שפּעטער האָט ער גענידערט צו דער מדרגה פון האָבן נאָר בלויז אַ שענק, און היינט האָט דאָס ווייב נאָר אייל-קיכעלעך פאַר די בית-המדרשניקעס און קידוש-וויין, וואָס מען קויפט אויף שבת אין אַ פלעשל אַריין. ר' וועלוול אַליין, אַ שניי-ווייסער, מיט אַ שניי בּאָרד, טויבן־געלבלעכע, גערונצלטע הויט. באַרירט זיך שוין אפילו מיט דער גאַס נישט מער, אַפילו אויך נישט מיטן בית-המדרש, און דאָ צווישן זיינע פיר ווענט, ווערט אָפּגעהיטן זיין אַלטער אַריסטאָ־קראַטיזם און מיוחסדיקייט. טיילמאָל זיצנדיק מיט אַ ספר ביים טיש און טיילמאָל—אָן דעם, אָבער שטענדיק, ווי שוין גאָרנישט וואַרטנדיק אויף קיין זאַך, נאָר ווי גלאַט אַזוי זיצן... און ווען משה-הערשעלע און די איבעריקע זענען אַהער צוגעקומען, זענען זיי געבליבן שטיין אין דרויסן, ווייטער זיך גליטשן פונקט, ווי דער עיקר וואָלט ביי זיי געווען דאָס איבערלויפן זיך, און נאָר הערצקעלע אַליין, דער יינגסטער, איז אַריין צו בלומעלען נאָך די קיכעלעך. צען שטיקלעך האָט ער אַרויסגעבראַכט פון דאָרט, און אַלע פינף חברימלעך האָבן זיך צוריקגעלאָזט גליטשנ־דיק זיך צום בית-המדרש.

ווער איז געווען משה-הערשעלע? זיין פֿאָטער האָט וווינט אַראָפּ נאָך דער באָד-גאַס, פֿיר-פֿאָרנדיקע פֿענסטער מיט אַ גאַניק אויף אַ פּלאַץ אַרויף, וואָס ליגט צווישן נאָך דריי הייזער פֿון אַלע זייטן. אַז משה-הערשעלע רופֿט אַ חבֿר זיך צו שפּילן מיט אים, זאָגט ער: קום צו אונדז אויפֿן פּלאַץ אַרויס... דאָס אייגענע זאָגט אויך זייער קעגנאיבערדיקן שכן, וואָס האַנדלט מיט קוישן הינער, צו אַ טרעגער אין גאַס: טראָג אָפּ די קוישן צו מיר אויפֿן פּלאַץ אַרויס, דאָרט אונטער דעם פֿענסטער, ביים סוכּהלע... אַזוי איז אויך מיטן רימאַר פֿון דער דריטער זייט. צו אַ רייטער פֿון אַ הויף זאָגט ער אין מיטן מאַרק: רייט צו אויף מיין פּלאַץ פֿאַר דער שטוב, וועל איך דיר באַקליידן דאָס פֿערד מיט אַ ניי זאָטל און אַ ציימל. דאָס זעלבע אויך דער בעל-עגלה פֿון דער פֿערטער זייט. ווען ער גייט פֿון דער בּרוק, פֿאַרביי דעם קאָוואַל, זאָגט ער דאָרט אַריין אין דער אָפֿענער קוזשניצע: גיי צו אויף מיין? פּלאַץ, פֿיר אַרויס דעם שוואַרצן און טו אים אָן אַ פּאָדקאָווע... אַזוי פֿילט יעדער פֿון זיי, אַז ער איז זיין פּלאַץ, נאָר ער איז ליידיק, ווייל ער דאַרף אים נישט אויף מער, ווי צו ליגן פֿאַר זיין פֿענסטער; און כאָטש יעדער פֿילט, אַז ער איז זיינער, איז ער פֿונדעסטוועגן פֿאָרט קיינעמס נישט, נאָר עפּעס ווי עמעצער האָט אים דאָ איבערגעלאָזט איבער נאַכט און אַוועק, מסתּמא, אויף אייביק, נישט קומענדיק אים קיינמאָל שוין צוריק מאָנען... אָט אויף דעם דאָזיקן רחבֿותדיקן פּלאַץ גייען אַרויס משה-הערשעלעס פֿאָטערס פֿיר פֿענסטער מיטן גאַניק. ווער איז משה-הערשעלעס פֿאָטער אַליין? איין מעשה דערציילט ער זיין גאַנץ לעבן. ביינאַכט, נאָך דער וועטשערע, אַרבעס מיט קליסקעלעך און אַ שטיקל פֿלייש, ווען דאָס בני-בית זיצט רויִק, דערציילט ער זי. עס הערט אים דעמאָלט דאָס ווייב, נאָך דער קוך-אַרבעט און שטוב-רוימען,

עס הערן אים אויך זיינע צוויי אַרבעטער, וואָס קעסטיקן זיך ביי אים און שלאָפן דאָ. די לאָדנס זענען שוין דעמאָלט פאַרמאַכט, עס ציט אַ שלאָף, און משה־הערשעלעס פאָטער ציט באַזאַכט:

„אַמאָל איז געווען אַ כראַביע מיט אַ כראַבינע, פאַרשטייט איר מיך... זענען זיי געפאָרן אויף אַ באַל, פאַרשטייט איר מיך... איז אין דער היים געבליבן די דינסט, פאַרשטייט איר מיך"... — און איצטער פאַרטראַכט זיך משה־הערשעלעס פאָטער וועגן דער אמתער געשעעניש, צו וועלכער ער הייבט שוין אָן ביסלעכוויז צוצוקומען —„ווי די דינסט — דערציילט ער ווייטער— פאַרשטייט איר מיך, זיצט אַזוי אַליין אין שטוב, פאַרשטייט איר מיך... פאַרמאַכט אַרום און אַרום, פאַרשטייט איר מיך, קלאַפּט אָן אַ „כלאָפּ", פאַרשטייט איר מיך... פרעגט זי: ווער איז עס?... ענטפערט ער: עפן מיר, „קאַשיאַ", פאַרשטייסטו מיך... זאָגט זי: כ'וועל נישט עפענען, פאַרשטייסטו מיך, זאָגט ער: מיר וועלן אַביסל פאַרברענגען, פאַרשטייסטו מיך, כ'האָב שפּירטיס און צו פאַרבייסן, פאַרשטייסטו מיך... הכלל, גייט די „קאַשיאַ" און לאָזט אים אַריין, פאַרשטייט איר מיך, און ער הייבט זיך אָן מיט איר צו פרייען, פאַרשטייט איר מיך, און שטעלט אַנידער שפּירטיס אויפן טיש, פאַרשטייט איר מיך. הייבן זיי אָן — אַ גלעזל ער און אַ גלעזל זי, פאַרשטייט איר מיך... ביזביידע ווערן שוין גוט בגילופין, פאַרשטייט איר מיך. „נו— זאָגט ער — איצטער קאַשיאַ, מוז איך דיך הענגען, פאַרשטייסטו מיך, אַז דו זאָלסט נישט דערציילן, ווייל איך וויל באַגנבענען דעם פּאַלאַץ דאָ־הינען דאָס גאַנצע גאָלד און זילבער... — און ער נעמט קאַשיאַן, אַז זאָל אים העלפן צונויפטראָגן דאָס גאַנצע גאָלד און זילבער פון אַלע שיפלאָדן, פאַרשטייט איר מיך, פון אַלע שטיבן דאָ אַהער, פאַרשטייט איר מיך, און לייגט עס דאָ

אין אַ קופּע אויף דער פּאָדלאָגע, פאַרשטייט איר מיר... נו, איצטער נעמט ער אַרויס אַ שטריק פון קעשענע און פאַרלייגט אויף אַ האָק פון בעליק, פאַרשטייט איר מיך. פאַלט קאַשיאַ אויף די קני פאַר אים מיט געוויין און געבעט, פאַרשטייט איר מיך, און ער זאָגט: ס'איז פאַרפאַלן, קאַשיאַ, פאַרשטייסטו מיך, איך מוז"... און קאַשיאַ מאַכט זיך גרייט און ער גרייט פרואוון דעם שטריק און קריכט אַרויף אויף די קופּע גאָלד און זילבער, צוהאַלטנדיק זיך ביים שטריק, פאַרשטייט איר מיך... און שטעקט אַריין אין שלייף איין אָרעם מיטן קאָפּ, פאַרשטייט איר מיך... צי ס'איז פעסט, פאַרשטייט איר מיך... איז דאָך גאָלד און זילבער „גליטשיק", ווען עס ליגט אויף אַ קופּע, גיט עס זיך אים אַ צעשיט אונטער די פיס און ער גיט אַ פאַל אַראָפּ און בלייבט הענגען אויפן שטריק מיטן איינעם אָרעם און מיטן קאָפּ, אָבער אויפבינדן קאָן ער זיך שוין נישט... הייבט ער אָן זיך צו וואַרפן אין דער לופט און צו קאָפּען מיט די פיס און וויל רופן קאַשיאַן צו הילף, אַז זי זאָל אים אַראָפּנעמען פון שטריק, האָט זי אים דערזעען הענגען און פון גרויס שרעק אַנטלאָפן אין דער „סטייניע" אַריין און באַהאַלטן זיך דאָרט אונטערן פערדס זלויב... פאַרשטייט איר מיך, זיך גוט איינגעקאָרטשעט, איינגעדרייט, מיט אַ ציטערן און איינגעשלאָפן האַרט ווי אַ שטיין, פון גרויס שכרות און גרויס שרעק, פאַרשטייט איר מיך... ערשט, ווען דער פריץ מיט דער פריצה קומען פאַרטאָג אַהיים און מען רייסט אויף טיר - און - פענסטער, דערזעט מען די גאַנצע „פּאָרציע" הענגען, דאָס גאָלד און זילבער צעוואָרפן איבער די פּאָדלאָגע און קאַשיאַן האָט מען געפונען ערשט צו-מאָרגנס אונטערן זלויב, פאַרשטייט איר מיך... — ענדיקט משה-הערשעלעס פאָטער און בלייבט זיצן פאַרטראַכט וועגן די שטאַרקע גייעסן, וואָס פּאַסירן אויף דער וועלט... אָט-אָ דאָס איז משה-

הערשעלעס פּאָטער. איצטער זיצן שוין אַלע פינף חברים צוריק אונטערן טיש און משה־הערשעלע דערציילט זיי פּונקט די זעלבע מעשה אַקוראַט, ווי דער פּאָטער...

ווער איז הערצקעלע? ער איז משה־הערשעלעס יונגער ברודערל. ביידע נעמען געלט ביים טאַטן, אויך אויף די דאָזיקע קיכעלעך, וואָס משה־הערשעלע האָט זיך ערשט צעטיילט מיט זיי, צווישן זיך און זיינע חברים, נאָר הערצקעלע איז דער קאַסירער פון דעם געלט, וואָס ביידע האָבן. משה־הערשעלע איז אַ שלאַנק יונגל, מיט ברוינלעכע, גלאַנציקע אויגן, פּליישיקע ליפּלעך פון אַ לענגלעך פּנים. אַנגעטאָן איז ער, אונטערן פּאַלטנדל, אין אַ ברוין באַרכאַן לייבל, נישט קיין געוואַשנס אפילו, ווייל אַזוי טראָגט מען ביי זיי אין הויז, פון דער ניי אָן ביז עס ווערט צעריסן, אָבער דערפאַר איז עס נאָך אַ גאַר גאַנצס און אַ לאַנגס, וואָס דעקט אים צו דעם גאַנצן פראָנט פון די הייזלעך, און דאָס מאַכט אים נאָך שלאַנקער. דאָס זעלבע טראָגט אויך אָנגעטאָן הערצקעלע, אָבער ער זעט נישט אויס שלאַנק, ווייל ער איז נישט ווי משה־הערשעלע, נאָר אַ סך נידעריקער אפילו, לויט הערצקעלעס יאָרן. דער טאַטע זיינער איז אויך אַ שלאַנקער, אָבער דאָס אָנטוען איז שטענדיק פאַרפעטסט, און דער דאַשעק און די הויזן גלאַנצן אַביסל, אויך דאָס פּנים און די הענט, ווייל ער אַרבעט ביי די יוכטן, וואָס זיי האָבן אין זייער גאַרבערײַ טאַקע אויפן הויף הינטן, אונטער זייער הויז, וואָס שטייט אַרויס פאַרנט אין גאַס אַריין. אפילו די זיילן פון דעם גאַניק זענען אויך אויך פאַרפעטסט און אויסגעריבן אין דערמיט פון די יוכטן, וואָס מען טראָגט פאַרביי, און האָבן אויך אַ טונקעלן גלאַנץ... הינטן פון הויז, ציט זיך אַ הויכער פּאַרקאַן אַרום און אַרום, מיט שאַפּעס און קאַטקעס און אין דער מיט פון הויף שטייט אַ

ברוגעם מיט אַ שטענדיק אָנגעהאָנגענעם קיבעל, געקאָוועטן מיט בעדנאַרקע אַרום און אַרום און, ווי מיט אַ צלם איבערן מויל, ווי ער איז צוגעטשעפעט צום אַרויפציער, צו דער „קליטשקע". ווייטער איז דאָ הינטן, שוין נאָך דעם הויף, אונטער די שאָפעס, אַ גרויסער גאָרטן מיט גרינע בייטן אין זומער, וואָס ציען זיך אַראָפּ ביז דעם אָרט, וואָס הייסט „אונטערן טייך"... און וואָס ווינטער ליגן זיי פונקט, ווי לאַנגע אויסגעלייגטע מתים, פאַרדעקט מיט שניי. אָט פון דעם פאַרפעטסטן טאַטן באַקומען אַלע מאָל משה־הערשעלע און הערצקעלע אַ מטבע, טיילמאָל אויך אַ קליינע זילבערנע, וואָס ער נעמט אַרויס פון זיין גלאַנציקער וועסטל־קעשענע, און גיט זיי אַוועק... און משה־הערשעלע און הערצקעלע מאַכן פונקט אַזעלכע „פונדעס" מיט זייערע חברים, ווי דער טאַטע מיט זיינע...

איצטער איז געקומען די ריי, אַז אהרעלע זאָל עפּעס דערציילן פון זיין טאַטן, אָדער וואָס זיין טאַטע דערציילט.

—מיין טאַטע—האָט אהרעלע געזאָגט— דערציילט קיינמאָל גאָרנישט, נאָר ציילט און ציילט און רעכנט און קוקט קיינמאָל נישט אויף קיינעם... אין דער היים איז מיין טאַטע אַן אָרעמאַן... די מאַמע האָט איינמאָל געקויפט אַ פריש ברייטל, האָט דער טאַטע נישט געוואָלט עסן... דערפון טאַקע, זאָגט ער, נעמט זיך זיין דלות... קויפט שוין די מאַמע נאָר אַלט ברויט. דאָס עסט מען נישט קיין סך און מיין טאַטע האָט עס ליב... איין פענעצל—דערציילט ווייטער אהרעלע—אַז מען שניידט אָפּ, קאָן מען עס קוים אויפעסן, אַזוי זעטיק איז עס און עס שטאָפּט אין האַלז... הייסט עס דער טאַטע נישט לייגן אין דער סערוואַנטקע, אויבן, ווי עס זעט זיך אַדורך דורך די שויבן... ווייל, אַז מען זעט, זאָגט ער גלוסט זיך נאָך און

נאָך אַ שטיקל... און מען גייט אַרום אַ גאַנצן טאָג און מען מאַכט מיט די מיילער פונקט, ווי די קאַטשקעס... באַהאַלט די מאַמע דאָס ברויט הינטן, אונטערן הילצערנעם טירל... און, ווען מען דאַרף עס צום אָנבייסן, ווען דער טאַטע וואַשט זיך, נעמט ער עס אַליין אַרויס פון הינטן אין דער סערוואַנטקע און שניידט אָפּ יעדן אַ שטיקל, זאָגט ער, אַז דאָס ברויט האָט ער צום ליבסטן און עס שניידט זיך ווי קרייד, קיין קרישקעלע ווערט אפילו נישט קאַליע... עס קאָן זיך שניידן אַזוי דין, אַז עס זאָל זיך אַזש אַדורכלייכטן אַזוי ווי זייד.. ווייל ס'איז אַלט, און עס קאָן זיין דין, ווי אַ פּאַפּירל און ס'איז אַזוי געשמאַק, אַז איך לעק עס אַזש טיילמאָל... איך פאַרגין עס מיר נישט אויפצועסן באַלד אין איין מאָל, מיט איין שלונג... און איינמאָל האָט עס.דער טאַטע אפילו גע־ גוצט אויף אַ רפואה, מיט „קרימעטאַרטערע"...

—וואָס איז עס קרימעטאַרטערע? — האָט משה־הערשעלע צעפרעגט.

—איך ווייס נישט...—האָט אהרעלע געזאָגט—איך האָב נאָר געהערט, ווי די מאַמע האָט געזאָגט צום טאַטן: אָט האָסטו שוין די „קרימעטאַרטערע"...—און אהרעלע פאַרטראַכט זיך אַביסל און זאָגט ווייטער, ווי וועלנדיק געבן צו פאַרשטיין—דאָס איז, ווען מען פאַרלירט דעם אַפּעטיט, און דער טאַטע מיינער האָט שוין דעמאָלט אויפגעהערט איינגאַנצן צו עסן...

„איינמאָל—דערציילט אהרעלע ווידער — האָט דער טאַטע מיינער נישט געוואָלט קויפן קיין ברויט אינגאַנצן... די בע־ קערה נאַרן אָפּ—האָט ער געזאָגט—און דאָס געלט איז גרעסער ווי דאָס ברויט... יעדערן טאָג, אַז די מאַמע האָט אַריינגענומען איין ברייטל. האָט דער טאַטע עס גענומען אויף דער פלאַטש פון דער האַנט, געשאָקלט עס אַזוי... און געזאָגט: אַן עבירה

דאָס געלט, אַ פייגעלע קאָן עס אַוועקכאַפּן אינגאַנצן, דאָס ברייטל... און ער האָט געשוואוירן, אַז ער וועט מער נישט קויפן... איז ער געגאַנגען און געהייסן אָפּבאַקן אַ גאַנץ געבעק ברויט אין דאָרף, בלויז פאַר אונזערטוועגן... און ער האָט עס נישט אַהיימגעברענגט אויף אַמאָל, ווייל, אַז ס'איז דאָ אַ סך אין שטוב, עסט מען אַ סך און מען ווערט קראַנק אַזש פון עסן. יאָ, יאָ,—שאָקלט אהרעלע מיטן קאָפּ—מיין טאַטע איז איינמאָל אַזש קראַנק געוואָרן אין זונטאָג, און, אַז די מאַמע האָט אים געפרעגט, וואָס איז אים איז,—האָט ער נישט געזאָגט, אַז ער דאַרף עפּעס... נאָר, אַז ער האָט שבת אַ סך געגעסן. האָט ער נישט געברענגט דאָס געבעק אַהיים אויף 'אַ מאָל. נאָר יעדן טאָג. נאָך וואַרעמס*), און שוין, ווען אונזער פאַראָבעק פון אונזער מיל, ברענגט אין שטאָט אַריין אַ פור מעל, זאָל ער מיטברענגען איין ברויט..."

„אָבער מיין טאַטע-דערציילט אהרעלע ווייטער—איז נאָר אַן אָרעמאַן אין דער היים. אין דאָרף האָבן מיר אַליין אַ גאַנצן טייך, אַזוי ווי דעם היגן פריצס, פול מיט וואַסער... יאָ, יאָ...—פאַרזיכערט דוידל—און איין פיש, אַ העכט, איז דאָרט דאָ אַ גרויסער, וועגט ער אַ פוד... ער האָט זיך שוין איינמאָל געהאַט אָפּגעריסן פון אַ דראָטענער ווענטקע, אַזאַ „כלי" איז דאָס... גייט ער נאָך אַרום מיטן האָטשיק אין מויל... נאָר איינמאָל אין ווינטער, דאָט אים אונזער „פאַראָבעק" דערזען ביים „אָפּוסט" אונטערן אייז, ווי דאָס אייז איז דין, ווייל ס'וואַסער לויפט דאָרטן שטענדיק, איז דער פיש צוגעקומען דאָרט אַהין, ווייל דער טייך איז פאַרפרוירן, כאַפּן אַביסל לופט דורך די דראָטן, וואָס זענען פאַרפלאָכטן איבערן „אָפּוסט",

---

*) נאָך מיטאָג

און שמאָל איז דאָרט דאָס וואַסער, ווי אַ העלזל און פליטקע אויך, און דער פיש, אַזאַ גרויסער, האָט זיך נישט געקאָנט אויסדרייען. האָט דער „פאַראָבעק" געכאַפּט די „ווידלע", וואָס ער האָט געהאַלטן אין דער האַנט און געגעבן אים אַ זעץ דורכן דינעם אייז, האָט ער אים גלייך צעשפּאָלטן דעם מוח און דעם „פאַראָבעק" האָט אַזש פאַרשפּריצט די שטיוול, די גאַנצע כאָלעוועס, דאָס בלוט מיט די געהירן פון דעם פיש, אַזאַ שפּריץ האָט דאָס געגעבן, יאָ, יאָ... אַזאַ „כלי" איז דאָס... און ער איז געוואָרן אַרויסגעשליידערט אויפן אייז...—האָט זיך דער טאַטע דערוואוסט פון דער מעשה, האָט ער צוגענומען דעם פיש ביי דעם „פאַראָבעק", אים האָט ער געגעבן דעם קאָפּ פון אים, וואָס איז שוין סיי־ווי־סיי געווען צעמאַזשעט... און דעם גאַנצן פיש האָט ער געברענגט אַהיים.

—נו, וואָס איז געוואָרן?—האָט משה־הערשעלע געפרעגט, נישט ווייל אהרעלע האָט זיך אָפּגעשטעלט אין מיטן דערציילן, נאָר אדרבא, כדי אים איבערצוהאַקן, ווי עס וואָלט אים אַ שאָד געווען איינצושלינגען די גאַנצע מעשה אויף אַמאָל, צוליב דער אינטערעסאַנטקייט, און ער האָט געהייסן אַרויסגעבן דעם קאַסירער זיינעם, הערצקעלען, דאָס פעקל פאַפּיראָסן, כדי אַלע זאָלן זיך איינטיילן און אָפּרוען און דערנאָך ווייטער הערן.

—„דערנאָך האָבן מיר געהאַט אויף אַ גאַנצן ווינטער צו עסן פיש און אַלע נאַכט איז געווען אַ באַל...—האָט אהרעלע ווייטער דערציילט.—דער טאַטע האָט איינגעטיילט דעם פיש ווי אַזוי צו קאָכן. דאָס ערשטע מאָל האָט ער געהייסן די מאַמען מאַכן אַ וועטשערע בלויז פון שטעכעכץ פונם ווייזל. „ס'וועט זיין גענוג פעט דערפון...—האָט ער געזאָגט—מען דאַרף נאָך

דערווייל דעם פיש נישט רירן... די צווייטע נאַכט האָט ער געהייסן די מאַמען אָפּקאָכן די צוויי בלאָזן... וואָרום אַ פיש האָט צוויי בלאָזן, איינעם אַ גרעסערן און איינעם אַ קלענערן, צוזאַמענגעבונדן... האָט ער געהייסן קאָכן צוזאַמען מיט שיטערע קאַרטאָפלעס צעשניטענע, זענען די שיטערע קאַרטאָפלעס געווען אַזוי פעט, ווי שמאַלץ, האָט די מאַמע געזאָגט... און די בלאָזן זענען געווען אַזוי גראָב, ווי די פעל, האָט מען יעדן איינ- געטיילט אַ שטיקל פון אים... צומאָרגנס האָט דער טאַטע איינגע- טיילט דעם רויג אויף צוועלף ווערטשערעס, און די רעשט, דעם גאַנצן פיש, האָט די מאַמע אַראָפּגעשטעלט אין אונזער קעלערל, וואָס איז אונטער אונזער פּאָדלאָגע, ווי מיר שיטן אָפּ אויף אַ גאַנצן ווינטער קאַרטאָפלעס, איז ער דאָרט געפרוירן געוואָרן אַזוי גאַנצערהייט... יעדן טאָג האָט די מאַמע פון אים אָפּגע- דלוביעט אַזאַ פּיצעלע מיטן האַקמעסער, איז עס געווען אַזאַ פּוידע*)... האָט מען געגעסן און געגעסן און, אַז מען האָט אַרויסגעוואָרפן די ביינער, זענען דאָס געווען אַזעלכע גרויסע, אַז אַ הונט האָט איינגעשלונגען איינעם, איז ער דערשטיקט געוואָרן...

—אָט דאָס איז דער שוואַרצער הונט, וואָס איז פאַר אַ יאָרן זומער געלעגן געפגרט נעבן אייער פלויט, מיט אַזאַ פאַרשטייפטן ווידל?...—פרעגט משה-הערשעלע.

—יאָ, יאָ... ענטפערט אהרעלע — דעם שטייפן ווידל האָט ער געהאַט פון דעם גרויסן ביין, וואָס ער האָט אַראָפּגעשלונ- גען...

—און אויפן לאַפּ פון אויער איז אים געשטאַנען אזא

---

*) גרויס שטיק

גרויסע, גרינע פליג... און די צונג איז אים געווען שווארץ.
און פון איין זייט אויסגעהאַקט די ציין...

— יאָ, דאָס האָב איך אים אויסגעהאַקט... זאָגט אהרע-
לע.

— ווען, נאָכן טויט? — פרעגט משה-הערשלע.

— יאָ... זאָגט אהרעלע — זאָל ער נישט קומען כאַפּן קיין
ביינער... היינט כאַפּט ער ביינער און מאָרגן וועט ער שוין
כאַפּן פליישׁ...

— ווי אַזוי? — פרעגט משה-הערשעלע — אַז ער איז שוין גע-
לעגן סיי- ווי טויט?...

— ניין... — זאָגט אהרעלע — איך דערמאָן מיך ערשט, אַז דאָס
האָב איך אים געטוען, ווען ער האָט נאָך געלעבט...

אַלע האָבן אויסגעהערט די געשיכטע און זענען געבליבן
טיף אַנטשוויגן, וועגן דעם מיאוסן סוף פונעם הונט. צי ווייל
אַ הונט איז אַ ליבלינג ביי קינדער און אַ שטרעבונג, כמעט,
פון יעדן יונגל צו באַזיצן אַ הונט, צי ווייל די געשיכטע האָט
זיך געענדיקט טרויעריק.

איצטער איז געקומען די ריי פון דוידלען, אַז ער זאָל
עפּעס דערציילן וועגן זיין פאָטער, אָבער דוידל האָט נישט
וואָס... און ער האָט זיי איבערגעגעבן וועגן דעם, וואָס אין
בית-המדרש האָט זיך געטוען אין די לעצטע טעג, וואָס זיי
האָבן דאָס נישט געזעען...

— אוי... — האָט משה-הערשעלע אונטערגעכאַפּט — ביי אונז
זענען טאָקע געווען דעם שבת אַ פּאָר ווייבער און גענומען
חלות און ברויט און שטיקער קוגל מיט פליישׁ פאַר די קינ-
דער, וואָס זענען דאָ-הינען געזעסן מיט די מוטערס, און דער-
טאַטע האָט געהייסן אַוועקגעבן אַ האַלבן שבת, וואָס מען האָט
ביי אונז אָנגעגרייט...

— אוי, יאָ... דערמאָנט זיך אויך אהרעלע — ביי אונז האָבן זיי נישט געוואָלט קיין שטיקל ברויט, ווייל ס׳איז געווען צו דין... האָבן זיי געזאָגט... האָט דער טאַטע געזאָגט, אַז ער איז אַליין אַן אָרעמאַן און ער האָט אַ ווייב מיט קינדער צו שפּייזן... האָבן זיי געלאַכט. האָט שוין דער טאַטע גאָרנישט געענטפערט, ביז זיי זענען אַוועקגעגאַנגען און גאָרנישט געקריגן... אַ פייג האָט מען זיי געגעבן... — ווייזט אַהרעלע אַ פייג און שטעקט נאָך דערביי אַרויס אַ שטיק צינגל... — אָט אַזוי וויפיל... זאָלן זיי נישט גיין אַרום אין שבת שנאָרן... זאָגט מיין טאַטע...

יאָסעלע האָט נאָך אויך געדאַרפט עפּעס צו דערציילן, אָבער ער האָט אינגאַנצן נישט וואָס... און דאָס העלזל איז אים פאַרשלאָסן. ער דערמאָנט זיך, ווי די שוועסטער האָט גע-חלשט, ווען זי האָט אַ קוק געגעבן אין שפּיגעלע און דערזען, אַז זי איז צעגראַטשעט אויפן גאַנצן פּנים... ווי די מאַמע; ווי מאַמע האָט אים געקנייפּט, און זיך האָט זי געשלאָגן מיט ביידע פויסטן אין קאָפּ אַריין... און יאָסעלען נעמט אָן אַזאַ געוויין, און דאָס העלזל ווערט אים אַזוי פאַרשנירט... אַז קוים, קוים, וואָס אַ פּאָר בלישטשנדיקע טרערלעך קוועטשן זיך אים אַרויס פון די אויגן און דאָס הערצל וויל אַ כליפּ געבן; וויל און וויל, ביז עס קוועטש זיך צוזאַמען און טוט עס נישט...

— ווי ׳צסטו ערשט גיין, יאָסעלע? — פרעגט דוידל.

— אַהיים... — זאָגט ער.

— און קום, וועל איך דיך אונטערפירן... — זאָגט דוידל.

אַלע ליכטלעך שטייען אויף פון אונטערן טיש, פאַרלאָזנ-דיק דאָס בית-המדרש.

אין דרויסן שיידט זיך באַלד פון זיי אָפּ אהרעלע, ווייל זיי וואוינען דאָ נאָענט אונטער דער בית-המדרש-וואַנט, אויך משה-הערשעלע און הערצקעלע לאָזן זיך אין זייער וועג אַריין,

נאָר צוזאַמען בלייבן די צווי, יאָסעלע און דוידל, וואָס פירט אים ערשט אַפּ אַהיים...

אויפן וועג, גייענדיק אַ שטיקל צייט אין שווייגן, פרעגט דוידל יאָסעלען:

— פאַרוואָס איז ביי אייך פאַרנאַכט געווען פינסטער?...

— ס'האָט נישט געמוזט זיין קיין נאַפט, די מאַמע איז אַוועקגעפאָרן אויפן יאַריד... — ענטפערט יאָסעלע.

— ווען קומט זי צוריק?

— ערשט צוועלף ביינאַכט...

— קום וועל איך דיך צופירן, — זאָגט דוידל, און ביידע גייען שטיל, ווי זיי וואָלטן עפעס געפילט, אַ פאַרברעך אויף זיך... אַט, זיי זענען שוין שטיין געבליבן, פאַרן טויער פון הייפל. אין דער לינקער זייט זעט זיך יאָסעלעס שטיבל, אַ שטילס, נאָר אינעווייניק איז ליכטיק... ס'איז וואונדערלעך געוואָרן יאָסעלען די ליכטיקייט און אַן אומרואיקער געדאַנק איז אים איינגעפאַלן: צי איז די מאַמע נישט געקומען נאָך תחילת, ס'איז קיין יאַריד נישט געווען?...

— וואָס קוקסטו? — האָט דוידל, זעענדיק יאָסעלעס אומעטיקן בליק, אויך מיט אַ שטיליטשקן טאָן געפרעגט, דערנאָך צוגעגעבן — דיין שוועסטער איז אַליין?...

ביידע זענען צוגעגאַנגען קעגנאיבער דעם פענסטערל, פריער פונדערווייטנס, פונוואַנען זיי האָבן קיינעם נישט געזעען אין שטיבל, דערנאָך האָרט צו די שייבלעך און אַריינגעקוקט. אויפן בעט, אין דער ברייט, איז געלעגן די שוועסטער, מיטן קאָפּ צו דער וואַנט און די פיס, אין די פאַרשנורטע שיך, אויף אַ שטול אין דער שטוב אַרויס. אויך אין דעם טונקעלן קליידל איז זי געלעגן, דער גאַנצער קערפּער אויף דער פריי, נאָר דאָס פנים בלויז צוגעדעקט מיט אַ קליינטשיק צוקאָפּן.

קישעלע... יאָסעלען האָט זיך פאַרגעשטעלט דער גאַנצער עלנט פון איר צעגראַטשעטע פנים און אין אַ ווײַלע אַרום געפרעגט דוידלען:

— ווילסט מיטגיין אַרײַן?...

— דו ווילסט?...— האָט אים דוידל געענטפערט און אַראָפּ־געלאָזט דעם קאָפּ, צוליבן נישט וועלן אים אָפּזאָגן.

ביידע זענען שטיל געשטאַנען אַן ערך אַ מינוט, יאָסעלע מיט דער האַנט אויף דער קלאַמקע, אונטער דער טיר, און זיך ווי אײַנגעשרומפּן, ענדלעך האָט יאָסעלע שטיל אַראָפּגע־דריקט די קלאַמקע, און ווען ער איז שוין געשטאַנען אינע־ווייניק איבער דער שוועל און אין שטוב איז נאָך אַלץ געווען שטיל, איז אים ערשט דוידל אויך נאָכגעקומען. ווען דוידל האָט די טיר צוריק פאַרמאַכט, האָט די שוועסטער אויפגעריבן דעם קאָפּ פון איר געלעגער און אַ קוק אַריבער געגעבן אויף דער שטוב. ווען זי איז אָבער געבליבן ווייטער שטיל, אַראָפּ־לאָזנדיק זיך אויף איר געלעגער, האָט דוידל געזעען די שרעק, וואָס האָט איבער יאָסעלען געהאַנגען, שוין פאַרביי. ער האָט זיך געזעגנט מיט אים, געזאָגט שטיל, מער מיט די אויגן ווי מיטן מויל, אַ „גוטע נאַכט". יאָסעלע האָט שוין נישט געהאַט קיין גענוג גרונט, אים מער צו פאַרהאַלטן, האָט ער אים אויך דאָס זעלבע שטיל געענטפערט און דוידל איז צוריק אַרויס פון שטוב.

ווי פאַרוואונדערט איז יאָסעלע געווען, ווען די שווע־סטער האָט ערשט, אויפהייבנדיק דעם קאָפּ נאָכאַמאָל, נישט נאָר קיין רשעות נישט באַוויזן, וואָס יאָסעלע האָט זיך געקאָנט איצטער רעכטן דערויף, נאָר אפילו קיין פונק פון בייזקייט האָט זי אין איר פנים נישט געהאַט, און זי האָט געפרעגט:

– ער איז שוין אַוועק? רוף אים צוריק, איך דאַרף אים עפּעס פרעגן.

יאָסעלע, אַן איבעררעשטער איז נאָך דוידלען:

– דוידל, דוידל, דוידל! – איז ער נאָכגעלאָפן אין איין אָטעם.

דוידל, צוליב דעם פאַרזוימען זיך אַזוי שפּעט אין דער נאַכט, איז איצט כּמעט, ווי געלאָפן און אפשר אויך פאַרטראַכ־טערהייט אַזוי, אַז ער האָט גאָרנישט געהערט יאָסעלעס נאָכ־שרייען. נאָר אָט האָט ער געזאָגט, אַז די לופט איז עפּעס ווי פול מיט אים... און ער האָט זיך פלוצלינג געגעבן אַ קוק אום אין אַלע זייטן, אין פלוג אפילו אויך גאָר אין דער הייך... און ער האָט דערזעען יאָסעלען נאָך אים. אַזוי טרעפט אויך, אַז די אויגן זעען נישט, ווען מען איז פאַרטראַכט, כאָטש מען קוקט אויף זאַכן; פּונקט אַזוי דערגייט נישט דאָס שטאַרקסטע רופן צום געהער, ווען מען איז פאַרטועט. נאָר פלוצלינג וואַכט מען אויף, ווי דורך אַן אָנונג, אַז עפּעס טוט זיך אַרום... ווען ער האָט דערזעען יאָסעלען, האָט ער מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ דערוואַרט, אַז דאָ איז ווידער עפּעס געשעען.

– וואָס איז? – האָט ער געפרעגט.

– גאָרנישט – האָט יאָסעלע געזאָגט, אָפּכאַפּנדיק דעם אָטעם – מיין שוועסטער רופט דיך.

דוידל האָט אים אַ קוק געגעבן אין די אויגן אַריין.

– זי איז נישט בייז?

– ניין, גאָרנישט... – האָט יאָסעלע אים פאַרזיכערט.

ווען זיי זענען ביידע צוריק אַריין אין שטיבל, האָט די שוועסטער דוידלען צוגערופן נאָענט צום בעט:

– זאָג מיר – האָט זי בעטנדיק געפרעגט – וואָס איז געווען דעמאָלט ביינאַכט?...

— כ'האָב גאָרנישט געטוען, — האָט זיך דוידל פאַרענט-פערט.

— זײַ מיר מוחל, דוידל — האָט זי מיט טרערן אין די אויגן געזאָגט—פאַר מײַן ווילדקייט.—און זי האָט זיך צעוויינט.— עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז דו ביסט מיר אין עפּעס שולדיק...

דוידל, וואָס האָט דערזעען אירע טרערן פון חרטה, דאָס גוטס און דעם אומעט, וואָס האָט פון אירע אויגן אַרויסגעקוקט, האָט זי ערשט געוואָלט טרייסטן.

— איך האָב גאָרנישט געמיינט... — האָט ער געזאָגט, גע-רירט אויך שיער ביז טרערן. — איך האָב נאָר בלויז אַ פייף געטוען. נאָר ווען איר זענט אַרויס מיט אַזאַ צערודערונג, האָב איך מיך נישט דערשראָקן פאַר אײַך, נאָר כ'האָב געמיינט, אַז אפשר האָב איך עפּעס אַן אומגליק געברענגט אויף די שטוב... אפשר איז די מאַמע אייערע קראַנק און איך האָב זי איבערגעשראָקן...

— אַך, דוידל, דוידל.—האָט זי זיך נאָכמער צעוויינט און שוין מער גאָרנישט גערעדט.

ער האָט איר געוואָלט דאַנקען פאַר דעם דערקענען זײַן אומשולד, נאָר ער האָט נישט געהאַט מיט וואָס. זי האָט אים צערטלעך געבעטן און אויך מיט טרערן, וואָס האָבן נאָך גע-האָנגען אויף אירע שפּיץ ברעמען. נאָס-בלישטשנדיק, אָבער שוין אָפּגעשטעלטע:

— קום, דוידל, אַרײַן, ווען דו וועסט ווען.

דוידל, פילנדיק שוין זײַן גליק פאַר איבערגעפולט, האָט איר געוואונטשן אַ גוטע נאַכט מיט דער גאַנצער שטילקייט און איבערגעגעבנקייט, וואָס איז געלעגן אין זײַנע אויגן אויס-געגאָסן.

—ביסט מוחל, דוידל?—האָט זי נאָכאַמאָל געפרעגט.

—יאָ.—האָט דוידל געענטפערט.

—כ'האָב מיך אָפּגענאַרט...—האָט זי ביטערלעך געשמייכלט

—וואָס ביסטו שולדיק...

ווען דוידל איז אַרויס, האָט אים די רעשט יאָסעלע׳ באַגלייטנדיק אים, אויסדערציילט וועגן בענדעטס זון, וואָס זי האָט געמיינט... אַז שולדיק איז בענדעטס זון... און זי גאָר-נישט... זי איז אַזאַ גוטע... נאָר שטענדיק וויינט זי... און, אַז ער, יאָסעלע האָט רחמנות אויף איר. ביידע יינגלעך האָבן זיך האַרצלעך געזעגנט און שוין לאַנג זענען ביידנס הערצער נישט געווען איבערגעפולט מיט אַזאַ גליקליכע מינוט ווי אַצינד.

צומאָרגנס, נאָך דריי טעג פוילן ווינט, וואָס האָט אָנגע-מאַכט געווג וואַסער אויף די גאַסן און אַלע וועגן אונטער-דער שטאָט, האָט זיך צום אָוונט צוריקגעשטעלט אַ קליין, לייכט פרעסטל, מיט פאַרפרוירן אייז אונטער די פיס, וואָס האָט אַזוי געפּלאַצט און געקלונגען אונטער די טריט פונקט, ווי טאָוולען גלאָז.—אפילו, אַ רונדיקע לבנה איז ווידער אויפגע-גאַנגען איבערן דאַך. דוידל האָט דעם פעטער ביינושס שליטן אַרויסגעגנבעט פון הויף, וואו ער איז געשטאַנען ביי דער וואַנט פון פלויט. ביים שטריק, וואָס איז געווען צו אים צוגעבונדן, האָט ער זיך געלאָזט מיט אים לויפן צו יאָסעלען אונטערן פענסטער.

—איך וויל,—האָט ער שטיל און פייערלעך געזאָגט, ווען יאָסעלע איז אַרויסגעקומען—דיין שוועסטער זאָל זיך אויך שליטלען...

און ווי פאַרוואונדערט איז דוידל געווען, ווען די שווע-

סטער יאָסעלעס, נאַטשע, איז באַלד אַרויס פאַר דער טיר, ווי באַר יאָסעלע האָט איר איבערגעגעבן דערפון...

זי איז געווען איבערראַשט קוקנדיק אויף דעם קאַוואַלער און אויף דעם שליטן...

—גוט—האָט זי פריידיק געשמייכלט—מיר וועלן זיך שליטלען...—און זי איז אַריין באַלד צוריק אין שטוב, יאָסעלע האָט געזאָגט: זי גייט זיך שוין אָנטוען, און ביידע האָבן געוואַרט אויף איר מיט קלאַפנדיקע הערצער. זי איז אַרויסגעקומען אַ שיינע, אַ שטילע, גאָר אַ שיינענדיקע אויפן געזיכט, און אַלע דריי האָבן זיך געלאָזט צום נישט ווייטן עק גאַס, וואו זיי זענען שוין געווען אונטער דער שטאָט, נישט ווייט פון דעם באַרג, פונוואַנען מען האָט זיך געזאָלט שליטלען. דוידל האָט אויך געדענקט אָן די חברים משה-הערשעלען מיט הערצקעלען און געזאָגט צו יאָסעלען: גיי דו נאָך זיי, נאָר אהרעלע כמאַל מייד אויס... און איך וועל מיך דערווייל שליטלען אויפן באַרג מיט דיין שוועסטער...

אין דער מינוט האָט נאַטשע אויף דוידלען אַ קוק געגעבן, ווי אויף אַ דערוואַקסענעם...

ווען זיי זענען ביידע אַרויפגעגאַנגען אין באַרג אַריין, דוידל, ציענדיק דעם שליטן נאָך זיך און אַרום זיך, איז געווען שטיל, האָט זי צו אים געזאָגט:

—דו ווילסט, דוידל, זיין מיין חתן, וועל איך אויף דיר וואַרטן זעקס יאָר...

אין פלוג האָט זיך אים געדאַכט, אַז נישט זי זאָגט עס און ער האָט געגעבן אַ הייב אויף די אויגן אויף איר, נאָר ער האָט געזען איר אָנגעשטעלטן בליק אויף אים, ווי אַט האָט זי שוין אירס אָפגעזאָגט און איצט איז דוידלס ריי.

— יאָ...—האָט ער אויך, ווי נישט ער, געגעבן אַן ענטפער אָפּ, און ער, דוידל, האָט דאָס ערשטע מאָל דערפילט אַ פּאָר מיידלשע ליפּן אויף זיך, וועלכע ער האָט, וואָס אַן אמת אויפגענומען, נישט, ווי פון אַ מיידל, גאָר ווי פון אַ געשטאַלט, אין וועלכן ער זעט די גאַנצע וועלט גוטס.

— יאָ, איך וועל זיין דיין חתן... — האָט ער איר צוגע-שוואוירן, און ביידע האָבן זיך אויפגעזעצט אויפן שליטל, ווי זי האָט אים געטוליעט צו זיך, און ראַש האָט זיי ווי אַ גליק-לעכער אויגנבליק אויפגעכאַפּט און געגעבן אַ טראָג, ווי אין דער ווייטער וועלט אַריין.